YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv02i37

# GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 2 Issue 37
September 1920

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

## Gerechtigkeit (Vol. 2, Iss. 37)

### Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

### Comments

*Justice* was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/131

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

# גערעכטיגקייט

[illegible] (ישעיה נ"ט, 10.) [illegible]

[illegible]

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאָרקערס יוניאן

Vol. II. No. 37. New York, Friday, Sept. 10, 1920. פרייטאג, 10טען סעפטעמבער, 1920. [illegible]

## דער סטרייק געגען די דיווישאן סטריט ספארקיפערס איז געוואונען געווארען!

### דאס איז דער בעשלוס אויך פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

דער סטרייק פון לאקאל 131 [illegible]

[illegible]

האט עס אויסגעשוויזען די מיטגלידער און באאמטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן — אין דעם די [illegible] יוניאן א טייל פון זייער אינטערנעשאנאל, זייער אייגען פלייש און בלוט, און זייער ענטפער איז געווען; דער סטראגעל טאר מער נים פארלארען ווערען! דיזע פראגע איז אויסגעלעזען געווארען לעצטען פרייטאג אוונט ביי דעם מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן און דער בעשלוס איז געווען — א סטרייק! ווידער א מאל, הייסט עס, האבען אונזערע קלאוקמאכער באוויזען פאר דער וועלט, אז זיי שטעהען אויף דער העכסטער הויך פון סאלידאריטעט און ברידערליכקייט! זיי האבען איצט באוויזען, דאס נים נאר קענען זיי סטרייקען ווען עס האנדעלט זיך וועגען זייער אייגענע אינטערעסען, נאר אפילו ווען עס דארפען פארטיידיגט ווערען די רעכטען

(שלוס אויף זייט 5.)

## סטרייקס און סעטלמענטס אין קלאוק־שעפער פון ניו יארק

### ווער איז פאראנטווארטליך פאר דער אומרוהיגקייט, וואס הערשט איצט אין דער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק?

אין דער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק הערשט איצט גרויס אומרוהיגקייט און די פארהעלטניסע צווישען דער קלאוקמאכער יוניאן און די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן ווערען אנגעצויגענער פון טאג צו טאג.

מיט דער צושטימונג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן זיינען אין דער לעצטער צייט איבער צוואנציג שעפער פון פירמען וואס באלאנגען צו דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, ערקלערט געווארען אין סטרייק, און אלע פאר איין און דערזעלבער אורזאכע, ווייל די בעלי בתים האבען נים געוואלט צאהלען די ארבייטער די נעהעריגע שכירות, וואס עס קומט זיי לויט דער ענטשיידונג פון גאווערנאר סמיטה׳ס ארביטריישאן קאמישאן, וואס האט ארויסגעגעבען איהר ענטשיידונג נאך לעצטען סיזאן.

נעוויערס וועגען דעם, ווי עס איז ענטשטאנען דער ספסוק, וואס האט געפיהרט צו דיזע סטרייקס אין די קלאוק שעפער, און ווי ניט פיין עס האנדעלט אין דיזע סטרייקס די אדמיניסטראציע פון דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן", וועלען די לעזער געפינען אין א באזונדער ארטיקעל, טאקע אין דעם נומער „גערעכטיגקייט".

דיזע סטרייקס האבען אויפגערודערט דעם גאנצען טרייד, האבען אריינגעבראכט א סך אומרוהיגקייט אין דער אינדוסטריע און זיי קאסטען אפ מאסען געלד ביידע צדדים, דער יוניאן און די מאנופעקטשורערס. די סטרייקס געהען אן שוין זייט די לעצטע עטליכע וואכען, זינט עס האט גענומען ווערען מעהר ארבייט אין די שעפער, און מען האט אנגעפאנגען איינשטעלען די פרייזען פאר די ארבייטער פאר דעם קומענדען סיזאן. עס איז זעהר מעגליך, אז די פירמען וועלטען ניט צוגעלאזען עס זאל קומען צו א סטרייק, ווען די אדמיניסטראציע פון דער פראטעקטיוו וואלט נים גענומען אזא פאלשע שטעלונג אין בעצוג די הערכערונג פון שכירות אין דער קלאוק אינדוסטריע, ווי דאס איז צוגע׳פסקנ׳ט געווארען פון גאווערנאר סמיטה׳ס ארביטריישאן קאמישאן. די הערען פון דער אדמיניסטריישאן האבען צוגעמוטיגט די סטרייקס און איצט שפילען זיי א זעהר מיאוסע ראלע, אזא וואס פאסט זיך ניכער פאר סקעב אגענטען.

אין פארלויף פון די לעצטע צוויי וואכען זיינען אכט פון די צוואנציג שע־

### אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 37.

זייט 2. די וואך — ג. שאווירא.
זייט 3. וואס איז אויסען די פראטעקטיוו אסס׳ן? — ל. פינקעלשטיין.
שנת תרפ"א — א. דזש. העלער.
זייט 4. מיטינג פון דזשאינט באארד קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער.
זייט 5. גרויסע און קליינע פאסירונגען אין דער קליוולאנדער קלאוק אינדוסטריע — ם. פערעלשטיין.
זייט 6. אלערליי פון שיקאגא — ת. סקולמאן. צוויי מיטינגען פון עקז. באארד פון ל. 25 — י. שעהנהאלץ. ווידערשפרעכט א סטייטמענט — דזש. געלער.
זייט 7. וואס הערט זיך ביי די לייידיס טיילארס פון באסטאן? — א. ב. סניידער. די פראפעטישע בילדער — געמעניעל האומהארן.
זייט 8. פון רעדאקטארס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. אינ. קאנגרעס פון קליידער ארבייטער פארבאנדען אין קאפענהאגען — ב. שלעזינגער.
זייט 10. אין טעאטער—דער קריטיקער
זייט 11. דער באלשעוויזם און די אידן פראגע — א. ש. זאקס. פארגעסט אלע לערינגע הייזער! (פעליטאן)— דער לעבעדיגער.
זייט 12. דער אויפטו פון די אמעריקאנער יוניאנס פאר פאליטישע ארגעסטיר — ב. פייטאן. די [illegible] (גאריכט) — י. אדלער.
זייט 13. [illegible]
זייט 14. [illegible]
זייט 15. [illegible]
זייט 16. [illegible]

## די אויסגעשלאסענע סאציאליסטען פון דער אסעמבלי מוזען ווידער ערוועהלט ווערען!

### דאס איז דער ענטשלוס פון דער גאנצער ארבייטערשאפט אין ניו יארק און אזוי מוז עס זיין.

די גאנצע ארבייטערשאפט פון ניו יארק, אלע באוואוסטזיניגע מענער און פרויען, זיינען יעצט פארנומען מיט איין זאך, דאס איז דער שאנדפלעק, די [illegible] פון דעמאקראטיע אין דער אסעמבלי פון ניו יארק סטייט, זאל אפגעוואשען ווערען, און מיט יעדען טאג וואס עס דערנעהנטערט זיך דער 16טער סעפטעמבער, דער טאג ווען די ספעשעל עלעקשאן צו דער אסעמבלי וועט פארקומען, ווערט מען זיכערער, אז די סאציאליסטישע קאנדידאטען וועלען ערוועהלט ווערען. דאס גיבען צו אפילו די געגנער פון די סאציאליסטען. די [illegible] פון דעם 9טען דיסטריקט [illegible], און דעם 17טען דיסטריקט פון הארלעם, פון די דיסטריקטען אין די בראנקס און ברוקלין [illegible] קאנדידאטען [illegible] פון די סאציאליסטען. [illegible] אויך צו, אז אויסער דעם, וואס די 5 אויסגעשלאסענע סאציאליסטען וועלען איצט געהן צוריק אין דער אסעמבלי, וועט נאך צוקומען צו זיי א זעקסטער: [illegible] פון דעם 19טען דיסטריקט פון וויליאמסבורג.

עס איז נאר א פראגע צו זעהן אז [illegible] פאליטישאנס זאלען אין דעם טאג פון עלעקשאן נים [illegible] און נים מאכען קיין [illegible] שווינדעל.

דער דזשאינט באארד פון די אמאלגאמייטעד [illegible] און [illegible], דער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער האבען באשלאסען, אז אלע זייערע אנגעשטעלטע, אלע זייערע באאמטע, ביזנעס אייזשענטס, סעקרעטערע א. ז. וו. זאלען דעם טאג זיין וואטשערס. ס׳דארף אבער האבען א סך וואטשערס און גוטע וואטשערס. די וועלבע יוניאנס טרעטען זיך דערפאר צו רופען מיטינגען פון שאפ טשערליידיס און פון זיי צוזאמענשטעלען א גרויסע ארמעע וואטשערס.

א סך פראמינענטע בירגער באטען זיך אן צו געהן דעם טאג פון עלעקשאן וואטשען אז מען זאל די וואוטס צעהלען ערליך.

די פיהרער פון דעם סאציאליסטישען קעמפיין אין ניו יארק האבען שוין גענומען באצייטנס ארבייטען צו באזארגען די שטים־פלעצער מיט גענוג „וואטשערס" דעם טאג פון די וואהלען, דעם 16טען סעפטעמבער. צו שטימען פאר די סאציאליסטישע קאנדידאטען איז בלויז א האלבע ארבייט. מען דארף אכטונג געבען, אז די שטימען וואס ווערען אפגעגעבען פאר די סאציאליסטען זאלען ריכטיג איבערגעצעהלט ווערען, און פאר דיזען צוועק וועלען נויטיג זיין ניט וועניגער ווי 2000 וואלונטירען. ס׳וועלען זיין איבער צוויי הונדערט שטים־פלעצער, און וועלכע די סאציאליסטען וועלען דארפען זיין שטארק פארטרעטען צו באשיצען זייערע אינטערעסען.

(שלוס אויף זייט 4.)

## א. פ. אוו ל. וועט שאפען א נייע צענטראלע קערפערשאפט פאר גרויס ניו יארק.

א קאנפערענץ פאר דעם צוועק וועט [illegible] דעם פרייטאג אוונט, דעם 10טען סעפטעמבער. — [illegible]

דעם פרייטאג אוונט, דעם 10טען סעפטעמבער, וועט אין ניו יארק [illegible]

[illegible]

## אינטערנעשאנאל יוניטי סענטערס עפענען זיך מיטוואך, דעם 15טען סעפטעמבער

דעם מיטוואך אוונט, דעם 15טען סעפטעמבער, עפענען זיך אלע אינטערנעשאנאל יוניטי סענטערס אין גרייטער ניו יארק. רעדזשיסטריישאנס פאר די קלאסען אין די סענטערס ווערען אנגענומען אין די אפיסעס פון אלע לאקאלס. [illegible] 231 [illegible]

# א באזוך אין פילאדעלפיער יוניטי הויז

פון עליאס ליבערמאן.

אונגעפעהר דריי פערטעל שטונדע רייזע פון פילאדעלפיא, נעבען דעם סטיישאן ארווילא, געפינט זיך די פילאדעלפיער יוניטי הויז, פון דער וויסט מאכער יוניאן, לאקאל 15. א שעהנע ווייסע הויז, גלייך נעבען וועג, וועלכע ווארפט זיך אייך אין די אויגען, איז די הויפט־הויז. דארט זיינען אויך פאראן נאך געביידעס, ווי א טאנץ־זאל און אנדערע שלאפצימערען. אבער ניט די באשרייבונג פון הויז ווילט זיך מיר איבערגעבען דא, נאר ווי עס לעבט זיך דארט די וויסט־מאכער און דעם איינדרוק וואס איך האב געקראגען אויף מיין באזוך צו זיי.

מען איז געוואוינט געווארען צו זאגען: „פילאדעלפיא שלאפט", און דערפאר וויל איך גלייך דא ערקלעהרען, און איך בין בערייט עדות צו זאגען אונטער א שבועה, אז פילאדעלפיא יוניטי־הויז איז ניט שלעפעריג. צוויי גאנצע מעת־לעת האב איך דארט פארבראכט, און לויט מיין בעאבאכטונג זיינען די פילאדעלפיער געוועזען ניט ווייניגער טעטיג ווי אונזערע ניו יארקער שוועסטער. פיילייכט איז די צאהל פון ברידער ניט אזוי גרויס דארטען, נאר דאס איז דאך א נאטזאך און מען קען פילאדעלפיא ניט האלטען פאראנטווארטליך פאר דעם.

מיר שיינט, און זאלען מיר די ניו יארקער שוועסטער ענטשולדיגען, אז די פילאדעלפיער זיינען מעהר גאסט־פריינדליך ווי די ניו יארקער. צי קומט דאס דערפון וואס זיי שטאמען פון דער שטאדט פון ברידערליכער ליבע, צי איז דאס דערפאר ווייל דער טומעל און רויש איז קלענער דארט, צי איז דאס דערפאר ווייל מען איז דארטען זעלטענער און דערפאר מעהר אנגענומען אלס גאסט — איך ווייס ניט, דאך איז א פאקט אז די פילאדעלפיער ווייסען ווי אויפצונעהמען און צו מאכען אייך פיהלען היימיש, באקוועם, און אהן ווערטער דריקען זיי אייך אויס א ווילקאמען, אין איהר זעהט אז דאס איז ניט קיין געמאכטער ווילקאמען נאר אן אמת־הארציגער.

* * *

אונגעפעהר א זיבעציג מענשען זיינען דארט געווען שבת און זונטאג. אלע היימישע מענשען, קענען זיך צווישען זיך און ציינען אויס צו זיין פריינדליך איינע מיט די אנדערע. פרייטאג אווענד איז פארבראכט געווארען דורך א ביסעל טאנצען, אונטער דער פיהרערשאפט פון מרס. פאקס, די „דזשים־טיטשער". נאטירליך, דער זינגען פון ליעדלעך, אידישע פאלקס־ליעדער און אנדערע פאפולערע מעלאדיעס האבען אויסגעפילט א היבשען טייל פון'ס פראגראם. אונגעפעהר צעהן אוהר (עלף ניו יארקער צייט) האט דאס אלגעמיינע זינגען אויפגעהערט און אין קלענערע גרופקעס, זאגאר גרופקעס פון בלויז צוויי, האט זיך דער עולם צושפרייט. די לבנה, האט גראדע שעהן געשיינט יענע נאכט, און דער עולם האט גאנץ פיין פארבראכט.

קיין זמירות האט מען ניט געזונגען ביים שבת'דיגען דינער, דאך איז געווען אנגענעהם צו זעהן ווי די איינגענע וויי־טערס אהן אונטערשיעד פון יאהרען און געשלעכט סערווירען די טישען, דערלאנגען דעם עסען און פאסען־אויף אויף זייערע איינגענע געסט. און די פרייוויליגע דיסציפלין ארבייט אויסגעצייכענט, פיעלייכט בעסער ווי אין רוסלאנד. אט, צום ביישפיעל, בר. קאפלאן, דער סעקרעטער פון לאקאל 15, האט נאך פרייטאג גענומען זיין סיט און געגעסען אויף אונזער טיש. מיט א טאג שפעטער איז אבער געווען זיין נעקסט־צו סערווירען אויף דעם טיש וואו ער האט געגעסען דורך דער וואך און . . . פרעגט גאר נים. אהן שום טענות און תירוצים האט ער מיט פרייד געטאן זיין פליכט, צאוויינקענדיג צו אונז פון צייט צו צייט.

אט איז בר. פעלדמאן, דער טשערמאן פון דער יוניטי הויז קאמיטע, בלויז ארויסגעקומען פאר זונטאג. אונזער טיש האט זיך גענויטיגט אין א ווייטער. נו, האט ער פארקאשערט די ארבעל און — פרעגט שוין גאר נים — אטענדעט צום טיש ווי אן אלטע האנד. און די פריינדליכקייט וואס ער האט ארויסגעצייגט! אלע ווילע: „אפשר ווילט איהר זאלץ? פעהלט אייך ברוים? א גלאז וואסער קאלטע? א. ז. וו.

אט די איינגענע וויי טערס ביים טיש, די אפגעהערינקייט צווישען די אנוועזענדע און די ארויסגעצייגטע פריינדליכקייט שטרייכען אונטער דאס ווארט יוניטי אין פילאדעלפיא און מאכען א זעהר אנגענעהמען איינדרוק.

שבת־נאכט איז געווען זא צו זאגען אן איינגענער קאנצערט מיט איינגענע טאלאנטען. א ביסעלע טאנצען אין טאנץ־זאל, א ביסעלע קאמיוניטי־זינגען אויפ'ן פארטש און די ליעדעל „פון קוני־איילאנד ביז ראוד איילאנד", אין וועלכער די ניו יארקער געסט האבען מיטגעהאלפען צו שאפען פרייע (זעהר פרייע) פאעזיע, וועלכע האט זיך באציגען אויף די פאפולערע מענשען אין דער יוניטי־הויז, האט געשאפען א גאנץ געהויבענע שטימונג. נאכהער איז מען אריבערגעגאנגען צו די מעהר אנערקענטע טאלאנטען. אין א האלב דונקעל'ען צימער האט מיס ראזע קאפלאן געזונגען גאנץ געלונגען א רייהע רוסישע ליעדער און אויך דייטשע. די אטמאספערע איז דאן צוגעגרייט געווארען פאר די קלאסישע טענץ, וועלכע זיינען דורכגעפיהרט געווארען פארטרעפליך ביי מרס. פאקס, די רעקריאיישאן־לעהרערין. זי האט געטאנצט פיער טענץ פון וועלכע דער טאנץ פון די באפרייאונג פון קייטען (איך בין ניט זיכער צי דאס איז דער ריכטיגער נאמען) איז איהר אם מייסטען געלונגען.

נאך די קלאסישע טענץ האט כמעט דער גאנצער עולם אנטייל גענומען אין א ווירדזשיניא־ריעל. און ווען די צייט איז געקומען פאר'ן גרויסען עולם צוריקצוציהען זיך צו זייערע בעטלעך — האט די לבנה ניט געשיינט דיעזען מאל און פיעלע האבען זיך באלד אריבערגעטראגען אין דער וועלט פון שעהנע חלומות.

די מענעדזשערין פון הויז איז מיס רבקה סיגלוער, די זעלבע וואס איז געווען לעצטען יאהר די מענעדזשערין פון ניו יארקער יוניטי־הויז. זי איז שטארק באליעבט פון אלעמען און די יוניטי־קאמיטע איז העכסט צופרידען מיט איהר ארבייט. מיס ראגין, וועלכע איז מיט דריי יאהר צוריק געווען אין דער ניו יארק בער־מאונטיין הויז, איז יעצט די הויז־פארוואלטערין אין פילאדעלפיא. (טאמער מאך איך א טעות אין טיטול, זאל זי מיר ענטשולדיגען). זי ווערט אויך זעהר שטארק געגליכען פון די פארוואלטער און מעמבערס.

און עס ווילט זיך דא געבען א קאמפלימענט צו די פילאדעלפיער:

די פילאדעלפיער אנערקענען גוטע ארבייט און אויסגעגעבענע ענערגיע. זיי זיינען ווייניגער גענייגט צו קריטיקירען ווי, ווי... זאל זיין די ניו יארקער, און דערפאר פיהלען זיך די פארוואלטער בעסער און האבען מעהר מוט און חשק פארטצוזעצען זייער ארבייט.

די יוניטי־הויז ווערט זיך שליסען לייבאר־דעי. די קאמיטע האט דערפאר ארראנזשירט א קאנצערט, אין וועלכען עס וועלען זיך באטייליגען פראמינענטע ארטיסטען. די אלע וואס זיינען געווען דארטען דורכ'ן זומער, ווי מען גיט אונז איבער, האבען פארבראכט זעהר גוט און זיינען שטאלץ אויף דיעזער טעטיגקייט פון דער יוניאן. זאל די קאמיטע, וועמעס נעמען עס זיינען אונז ניט באוואוסט, פארטזעצען זייער גוטע ארבייט אין דער צוקונפט.

## איבסען'ס „פאלקס פיינד" אין מאנהעטען אפערא הויז.

קומענדען מאנטאג, לייבאר דעי, ווערט אין מאנהעטען אפערא הויז, 34טע סט. און 8טע עוו., זיך אנפאנגען צו שפיעלען הענריק איבסען'ס מייסטערווערק „דער פאלקס־פיינד". די פיעסע ווערט געשפילט אין ענגליש פון א גוטען קעסט און ווערט גאנץ רייך אויפגעפיהרט.

די פיעסע ווערט דארט אייגענטליך געשטעלט אלס א פראבע, צו זעהן ווי דער ברייטער עולם וועט זיך אפרופען אויף אזא פיעסע. אויב דאס זאל זיין אן ערפאלג, וועט דארט אויפגעפיהרט ווערען נאך אזעלכע פיעסען מיט א ראדיקאלער טענדענץ. עס ווענדט זיך, אלזא אן דעם צי דער ראדיקאלער עולם וועט קומען אין טעאטער זעהן דעם „פאלקס־פיינד". אויב יא, וועט די זעלבע קאמפאני אויפפיהרען עהנליכע זאכען, וואס זאל זיין ווערט צו זעהן.

# ארגאניזאציאנס טעטיגקייט פון דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25

## א סטרייק ביי דער לייאן און פאלקאן וויסט קאמפאני.

אין דער וויסט און דרעס־מאכער יוניאן לאקאל 25 געהט איצט אן א גאנץ לעבעדיגער ארגאניזאציאנס־קעמפיין כדי פעסטער צו מאכען די ארגאניזאציאן פאר דעם בעפארשטעהענדען קאמף צו באנייען דעם אגרימענט אין טרייד.

ווי מיר האבען שוין געמעלדעט לעצטע וואך, רופט איין די יוניאן א רייהע פון דיסטריקט־מעמבער מיטינגען, לויט די שאפ־דיסטריקטען. דער ערשטער דיסטריקט מעמבער־מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען ריעזען דיענסטאג אווענד אין פאבליק סקוהל 40.

נאך אזלכע מיטינגען וועלען אפגעהאלטען ווערען דאנערשטאג אווענד, דעם 9טען סעפטעמבער, גלייך נאך דער ארבייט אין דער פאבליק סקול, וועסט 24טע סטריט צווישען 6טע און 7טע עוועניוס. צו דעם מיטינג ווערען גערופען די ארבייטער פון די שעפער, וואס זיינען אונטער דער אויפזיכט פון ברודער פארטנאי.

אין דער זעלבער סקול ווערען אזעלכע מיטינגען אפגעהאלטען אויך דעם דאנערשטאג. צו די מיטינגען זיינען גערופען געווארען די ארבייטער פון די שעפער, וואס זיינען אונטער דער אויפזיכט פון די ביזנעס איידזשענטס גוזמאן און עסענפעלד. די אלע מיטינגען ווערען ארראנזשירט פון מענעדזשער דזשוליוס האכמאן, אנטאניני און די ביזנעס איידזשענטס פון די דערמאנטע דיסטריקטען.

### דער סטרייק ביי דער לייאן־פאלקאן וויסט קא.

די וואך האט די וויסט און דרעס־מאכער יוניאן לאקאל 25 ערקלעהרט א סטרייק געגען דער לייאן און פאלקאן וויסט קא., פון 19 וועסט 21טע סטריט. די בעלי בתים פון דער פירמע, פארער און ראזענוואסער, וועלכע האלטען זיך זאנסט פאר גאנצע „ראדיקאלען", האבען דוקא געוואלט א כך רעדוצירען די ווייידזשעס פון די ארבייטער, וואס די יוניאן וועט בשום אופן ניט דערלאזען. די פירמע רעכענט זיך צווישען די גרעסערע פירמען אין טרייד און די יוניאן וועט איהר געבען א פייט אז זי וועט עס האבען צו געדענקען.

דער סטרייק געגען דער פירמע איז, אלזא, אין פולען גאנג און זאל קיין וויסט־מאכער ניט געהן אהין פרעגען פאר ארבייט ביז דער סטרייק וועט זיין גע־סעטעלט.

### דער קאמף געגען די „אפען־שאפס".

אין דעם וויסט טרייד פון ניו יארק זיינען, ליידער, נאך דא א היבש ביסעל „אפען שאפס" און די יוניאן האט זיך גענומען איצט מיט א באזונדער ענערגיע ריעזע שעפער אויפצוריינינגען, זיי צו ארגאניזירען. נאטירליך, אין דעם נויטיגט זיך שטארק די יוניאן אין דער הילף פון די וויסטמאכער, ספעציעל פון די יעניגע, וואס ארבייטען אין אזעלכע שעפער. און די יוניאן אפעלירט צו די ארבייטער, וואס ווייסען פון אזעלכע שעפער, דאס צו מעלדען אין איינעם פון די אפיסעס פון דער יוניאן.

אין דעם זין האט די יוניאן פארעפענטליכט אן אויפרוף צו די מיטגלידער, וואס לעזט זיך ווי פאלגט:

שוועסטער און ברידער!

דער לאנג ערווארטעטער ווינטער סיזאן האט זיך ענדליך אנגעפאנגען. און ווי געוועהנליך מיט'ן קומען פון יעדען סיזאן ווערען ביי אונז געבוירען א פאר הונדערט נייע שאפקעס, וועלכע וואקסען ביי אונז קיין עין הרע ווי שוועמלעך נאך א רעגען.

א דאנק דער משוגע'נער ספעקולאציע און גרויסע זשעדנעקייט פון אונזערע בעלי בתים שנעל רייך צו ווערען האבען מיר געהאט אן אויסערגעוועהנליכען לאנגען סלעק און די גרעסטע צאהל פון אונזערע ארבייטער איז אויסגעקומען צו זיין אויסער ארבייט א לאנגע צייט. עס האבען זיך אויך דורך דער צייט צוגעשלאגען א צאהל שעפער און יעצט, אין אנפאנג סעזאן, זיינען א טייל פון אונזערע ארבייטער געצוואונגען צו זוכען בארשעפטיגונג אין די אויבען־דערמאנטע ניט יוניאן שעפער.

מיר האבען אנגעפאנגען א טיכטיגען ארגאניזאציאנס־קעמפיין דיעזע אלע שעפער צו ארגאניזירען און כדי אונזער ארבייט דורכצופיהרען מעהר ערפאלגרייך, בעטען מיר אלע ארבייטער, סיי די וואס ארבייטען אין יוניאן־שעפער און ווייסען וועגען ניט־יוניאן שעפער, און ספעציעל די, וואס ארבייטען אליין אין ניט־יוניאן שעפער, אונז תיכף וויסען דעם צו אינפארמירען, און די יוניאן וועט די שעפער ארגאניזירען.

מיט יוניאן גרוס,
וויסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25.
י. האכמאן, מענעדזשער
איגר. דעפארטמענט.

## רעזאלוציע

„נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז ברודער לואיס קאהען איז געווען איינער פון די ערשטע מעמבערס פון דער וויסט און דרעס מאכער יוניאן, לאקאל 25, וואס האבען אנגעהויבען א באוועגונג פאר א פרעסער ברענטש אין אונזער יוניאן, און

„נעהמענדיג אין אנבאטראכט אז ברודער קאהען האט ניט געשפארעוועט קיין צייט, מיה און ענערגיע פאר דעם אויבען־דערמאנטען צוועק, סיי אלס פרעסער צווישען די פרעסערס, סיי אלס מעמבער פון דער עקזעקוטיוו באארד פון אונזער יוניאן, און נאכהער אלס טשערמאן פון פרעסערס ברענטש. און

„נעהמענדיג אין אנבאטראכט אז די פינף־יאהריגע אנשטרענגונג האט געווירקט אויף זיין געזונד, דאס ער איז געווען געצוואונגען צו רעזיגנירען אלס טשערמאן פון ברענטש.

„דארום, זיי עס באשלאסען, אז דער עקז. באארד פון פרעסערס ברענטש נעמט מיט באדויערען אן זיין רעזיגנאציע, און ווינשט איהם ער זאל אין גיכען אנזאמלען פרישע כחות און ענערגיע אום ווייטער פארצוזעצען זיין טעטיגקייט און ברענטש ווי אויך אין דער יוניאן אלס א גאנצע.

„זיי עס אויך באשלאסען צו פרעזענטירען ברודער קאהען מיט א „דיימאנד רינג" אלס אנערקענונג פאר זיין ארבייט."

מיט גרוס,
רעזאלוציאנס קאמיטע.
פ. דייווידסאן, סעקרעטער.

## סטאק יארד ארבייטער פאדערען א דאלאר א טאג א רעיז.

פעדעראל דזשאדזש אלטשולער פון שיקאגא, דער רעגירונגס ארביטרייטאר פאר די סטאק יארדס פון גאנצען לאנד, וועט דארפען באשליסען אויב די ארבייטער פון די פעקינג קאמפאניס פון די סטאק יארדס זאלען קריגען א דאלאר א טאג א רעיז.

דער פארטרעטער פון די סטאק יארדס ארבייטער טענה'ט אז די סטאק יארדס־ארבייטער קענען ניט לעבען מיט די איצטיגע וויידזשעס. ער פארטרעט ארום 200 טויזענד ארבייטער, פון וועלכע 120 טויזענד זיינען באשעפטיגט אין שיקאגא ביי די פלייש מאגנאטען פון די סטאק־יארדס.

אויב די ארבייטער וועלען קריגען א דאלאר א טאג א רעיז וועט די סומע באטרעפען 36 מיליאן דאלאר א יאהר.

## „לייבאר דעי" ווערט געפייערט מיט קאנצערטען אין פילאדעלפיער און ניו יארקער יוניטי־הויז

עס איז שוין כמעט א טראדיציע אז לייבאר דעי איז א ספעציעלע שמחה אין אונזערע יוניטי הייזער. צוליעב דעם יום טוב ארראנזשירט מען קאנצערטען, לאדט מען איין גוטע רעדנער און איז מען זיך גלאט משמח.

א שמחה ווערט אויך אראנזשירט דיעזען יאהר אין פילאדעלפיער און נויארקער יוניטי־הויז. די פילאדעלפיא־הויז שליסט זיך צו גלייך נאך לייבאר דעי. די ניו יארקער יוניטי הויז וועט אבער זיין אפען ביז דעם 18טען סעפטעמבער.

קיין צווייפעל נים, אז די וואס וועלען דארטען אנוועזענד זיין וועלען האבען אמת'ן פארגעניגען.

# וואס איז אויסען די פראטעקטיוו אסס'ן?

## די איצטיגע לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק.

פון ל. פינקעלשטיין

עס איז א באוואוסטע זאך, דאס די קלאוק באסעס, ווי אלע אנדערע באסעס, האבען קיין מאל ניט געוואלט, און ווילען נאך איצט אויך ניט, אז די ארבייטער פון זייערע שעפער זאלען זיין ארגאניזירט; איבערהויפט זיינען זיי געגען דעם, אז די ארבייטער זאלען האבען א באשטענדיגע יוניאן, און דערצו נאך א שטארקע יוניאן. דאס איז שוין עפעס וואס זיי קאנען גארניט פארטראגען. איז אבער א צרה, די קלאוקמאכער רעכענען זיך גאר ניט מיט'ן ווינש פון זייערע בעלי בתים און האבען א יוניאן, און דוקא א שטארקע יוניאן אויך, וואס קאנטראלירט דעם גאנצען טרייד. קענען די באסעס צו דעם זיך ניט צוגעוואוינען און זוכען כסדר טראבעל, אמאל אויף אזא אופן, און אמאל אויף א צווייטען.

אין דעם איצטיגען מאמענט הערשט אין קלאוקס טרייד פון ניו יארק א גרויסע אומרוהיגקייט. איבער צוואנציג אסאסיאיישאן שעפער זיינען אין די לעצטע פאר וואכען געווען אין סטרייק. אכט שעפער זיינען אין די לעצטע צוויי וואכען געסעטעלט געווארען און די איבעריגע זיינען נאך היינט אויך אין סטרייק.

ווארום זיינען מיט א מאל דא אזוי פיעל אסס'ן שעפער אין סטרייק, און ווער איז פאר דעם פאראנטווארטליך?

מיט דער פראגע האבען מיר די טעג זיך געווענדעט צום דזשענעראל מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן, ברודער ישראל פיינבערג, און זיין ענטפער איז [illegible] אויספירליכער.

די אומרוהיגקייט אין דער קלאוק אינדוסטריע ציהט זיך נאך פון לעצטען סיזאן אן, זינט די יוניאן האט גענומען פאדערען פאר די ארבייטער א העכערונג אין שכירות און די אסאסיאיישאן פון די מאנופעקטשורערס האט ניט געוואלט געבען. די אריינמישונג פון גאווערנאר סמיטה מיט זיין ארביטריישאן קאמישאן, האט דעמאלט בלויז טיילווייז איינגעשטילט די אומרוהיגקייט. די „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן", די ארגאניזאציאן פון די בעלי בתים, האט ניט געקאנט מעהר געהן געגען דער עפענטליכער מיינונג, ווי זיי האבען שוין דאס איין מאל געטאן מיט א פאר יאהר צוריק, און זיינען דעמאלט דורכגעפאלען.

די ענטשיידונג פון דער קאמישאן איז געווען צו גונסטען די ארבייטער. האט דאס די הערען פון דער אסס'ן זעהר ניט געשמעקט, אבער זיי האבען געמאכט א מינע, ווי זיי נעהמען דאס אן. געשיינט האט עס, ווי זיי וואלטען די ביטערע פיל פון דעם 15 פראצענטיגען רייז ארונטערגעשלונגען; אבער, ווי עס ווייזט אויס, איז די פיל ביי זיי ערגעץ געבליבען שטעקען און עס גיט זיי קיין רוה ניט. אין אנדערע ווערטער הייסט עס, זיי ווילען זיך ארויסדרייען ניט צו געבען דעם רייז, וואס זיי האבען אנגענומען, און פארשפראכען צו געבען.

ווען מען קוקט זיך צו צו די האנדלונגען פון דער אדמיניסטראציע פון דער פראטעקטיוו אסס'ן אין דער לעצטער צייט, מוז מען קומען צום שלוס, אז זייער מיין איז, די מאנופעקטשורערס זאלען ניט געבען די ארבייטער דעם רייז וואס זיי האבען פארשפראכען צו געבען לויט'ן ענטשיידונג פון גאווערנאר סמיטה'ס קאמישאן. די אדמיניסטראציע פון דער אסס'ן קאן דאס, פארשטעהט זיך, ניט טאן אפען, אויף א דירעקטען אופן, טוט זי דאס פארשטעלט, אויף א אינדירעקטען אופן. זי קאן דאך ניט ארויסקומען אפען און זאגען די מיטגליעדער פון דער אסאסיאיישאן זיי זאלען זייערע ארבייטער ניט געבען דעם רייז, זי שטיצט אבער די אלע מאנופעקטשורערס, וואס ווילען דעם רייז ניט געבען. די „פראטעקטיוו אסס'ן" סאבאטאזשירט אין דעם זין געגען דער קלאוקמאכער יוניאן.

די מעהרסטע קלאוק פירמען האבען געגעבען זייערע ארבייטער דעם רייז שוין צו מאכען פארדריסליכקייטען. ווארים ווען ניט, וואלטען דאך געווען אין סטרייק א סך מעהר ווי 20 אסס'ן שעפער! אין די צוואנציג שעפער וואו די סטרייקס זיינען מרוגען געווארען איז דעם

געווען ניט פאר קיין אנדער זאך, ווי צו באקומען די העכערונג אין שכירות, לויט דעם גאווערנאר'ס קאמישאן, און דאס ווייזט, אז ניט אלע קלאוק מאנופעקטשורערס אין ניו יארק זוכען טראבעל, דאס בלויז א קליינער פראקציע פון דער אסס'ן'ס מיטגליעדער שאפט איין מרוצה צו געהן אין די וועגען, וואס די אדמיניסטראציע פון דער „פראטעקטיוו" וואלט געוואלט ווי זאלען געהן. קענטיג, אז די גרויסע צאהל מאנופעקטשורער אין טרייד פארשטעהען די לאגע בעסער פון די פיהרער פון דער „פראטעקטיוו". זיי ווייסען, אז פון דעם קאן זיי קיין גוטעס ניט צוקומען און זיי ווילען איינפאך זיך ניט אריינדרעהען מיט זייערע ארבייטער אין אן אומזיסטען שטרייט. צו זיי גלייבען עס יא, צו זיי גלייבען עס ניט, זיי האבען געגעבען די ארבייטער די העכערונג אין שכירות, און פטור.

אנדערש אבער איז עס מיט די פיהרער פון דער פראטעקטיוו אסס'ן. זיי האבען גענומען דרייען א מוח גלייך נאך דער ענטשיידונג פון דעם גאווערנאר'ס קאמישאן. אין פרינציפ האט עס געהייסען, אז זיי נעהמען אן די ענטשיידונג, אין דער פראקטיקע אבער האבען זיי די העכערונג פון שכירות געוואלט אויסמעקען. און דאס ווילען זיי נאך איצט אויך. זיי באהויפטען, נעמליך, אז די העכערונג פון שכירות באציהט זיך ניט אויף די מינימום סקיילס, וואס זיינען עטאבלירט געווארען אין לעצטען גענעראל סטרייק.

עס די חכמה האבען די פיהרער פון דער אסאסיאיישאן געלאזען וויסען דער יוניאן אויף א קאנפערענץ, גלייך נאך דער ענטשיידונג פון גאווערנאר'ס קאמישאן.

האט די יוניאן געענטפערט: סטייטש, ווי איז דאס מעגליך? ווי לעגט זיך אזא זאך אויפ'ן שכל? ווי שיקט זיך עס?

שטעלט אייך פאר — האבען די פארטרעטער פון דער יוניאן ביי דער קאנפערענץ גע'טענה'ט — ביי גימפלען אין שאפ זיינען דא צוויי אפרייטארס, וואס באקומען ניט מעהר ווי די מינימום סקייל, דאס הייסט, 44 דאלאר א וואך. גלייך נאך דער ענטשיידונג פון דעם גאווערנאר'ס קאמישאן האבען דיזע צוויי אפרייטארס אנגעפאנגען קריגען צו 50 דאלאר א וואך, — טו וואס הייסט עס, האט זיך דער מינימום סקייל געהעכערט צו ניין?! רעכט זיך, אפילו א קינד קאן פארשטעהן, אז די מינימום סקיילס האבען זיך אויטאמאטיש געהעכערט. ווארים, וואס עס האט פאסירט מיט די צוויי אפרייטארס אין גימפעל'ס שאפ, האט דאך אויך פאסירט מיט די אפרייטארס, פינישערס, פרעסערס און אזוי ווייטער פון אלע אנדערע שעפער, וועלכע האבען דעמאלט געארבייט פאר דעם מינימום סקייל. עס איז דאך קלאר, ווי דער טאג, אז די מינימום סקיילס אין טרייד זיינען אזוי נאך געהעכערט געווארען.

אויף דעם האבען די פיהרער פון דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן" געענטפערט, אז עס טרעט זיי ניט צי עס לעגט זיך יע אויפ'ן שכל אדער ניט; צו עס איז לאגיש זייערע טענות, צו ניין, — דער מינימום סקייל איז ניט געהעכערט געווארען, און פטור!

אלס א קאמפראמיס האט די יוניאן פארגעשלאגען, מען זאל זיך ווענדען נאך אמאל צום גאווערנאר'ס קאמישאן פאר אן ערקלערונג וועגען דעם פונקט; די קאמישאן זאל פסקנ'ען צו די מינימום סקיילס האבען זיך געהעכערט, צו ניין. ווייסען דאך אבער ביי זיך אין הארצען די פיהרער פון דער „פראטעקטיוו", אז די מינימום סקייל האט זיך יא געהעכערט, און דאס דעם גאווערנאר'ס קאמישאן וואלט דאס ארויסגעזאגט גאנץ אפען, ווען מען ווענדט זיך צו איהר, האבען זיי געזאגט, אז זיי ווילען צו דער קאמישאן מעהר ניט געהן, און די זאך איז געבליבען הענגען אין דער לופטען. יעדער צד האט זיך געהאלטען ביי זיין מיינונג.

דערווייל איז אנגעקומען די צרה'דיגע „סלעק" און דער סכסוך איז פון זיך אליין פאר א קורצער צייט פארשיבען געווארען. די פראגע איז אבער ווידער לעבעדיג געווארען, אזוי ביז ווי אין די שעפער האט זיך גענומען ווייזען ארבייט, און מען האט אנגעפאנגען ארומצונעהמען „נייע הענד".

די מעהרסטע מאנופעקטשורערס, ווי שוין באמערקט אין אנפאנג, וועלכע זיינען ניט אויסען צו זוכען טראבעל, צו שאפען אין דער אינדוסטריע אן אומרוהיגקייט, וואס וועט סיי ווי סיי צו גאר ניט פיהרען, האבען ניט געמאכט קיין „אישו" פון די מינימום סקיילס און איינגעשטעלט די פרייזען פאר די ארבייטער לויט דער ענטשיידונג פון דער קאמישאן. א קליינע צאהל אבער, מסתמא פון דעם ערגערען סארט, וועלכע פירמען, וואס זוכען טראבעל, — האבען מיט ביידע הענד זיך אנגעכאפט פאר די פוסטע טענות פון די פיהרער פון דער „פראטעקטיוו", און האבען געוואלט, אז ווען, למשל, זיי נעהמען ארויף א נייעם מינימום-סקייל אפרייטאר, זאל ער ביי זיי אנפאנגען ארבייטען פאר 44 דאלאר א וואך. אי וואס, אויף דעם פלאץ, וואו ער האט פארענדיגט דעם לעצטען סיזאן האט ער דאך שוין באקומען צו 50 דאלאר א וואך?

טענה'ן זיי — ווערמען ארט עס?

אבער דער יוניאן ארט עס שוין גאר, און זי האט זיך פאר דיזע מענשען איינגעשטעלט מיט איהר גאנצער מאכט. די קלאוקמאכער יוניאן האט געזאגט: ניין! זי וועט בשום אופן ניט דערלאזען, דאס [illegible] וועלכער ארבייטער זאל אויף א נייעם פלאץ אנפאנגען ארבייטען פאר ביליגער, אויף א נידעריגערן סקייל, ווי ער האט געארבייט אויף דעם פריהערדיגען פלאץ. ווען די יוניאן וואלט דאס דערלאזען, וואלט דאך דאס געמוזט פיהרען צו דעם, אז די סקיילס אין טרייד ווערלען ארונטערפאלען פון זיך אליין, און דאס איז דאך פונקט דער היפוך פון דעם צו וואס די יוניאן שטרעבט.

אין קורצען, די יוניאן האט באשלאסען דאס ניט צו דערלאזען, און די שעפער פון אזעלכע פירמען, וואס האבען זיך געשטעלט אויף דעם שטאנדפונקט, זיינען דערקלערט געווארען אין סטרייק.

נאך איינצעלהייטען וועגען די סטרייקס וועלען די לעזער געפינען אויף דער 1טער זייט פון דער צייטונג. עס איז אבער כדאי צו באמערקען, דאס די אדמיניסטראציע פון דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן" האט זיך דורך דיזע סטרייקס אין די קלאוק שעפער ארויסגעשטעלט אין א זעהר שלעכטער ליכט. די אדמיניסטראציע שפיעלט ביי די סטרייקס א גאנץ מיאוסע ראלע, כאטש יענע הערען ווייסען ביי זיך אין הארצען גאנץ גוט, אז די יוניאן קעמפט דא פאר א גערעכטער זאך; אז די יוניאן וויל ניט מעהר, ווי עס זאל דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען די ענטשיידונג פון דעם גאווערנאר'ס קאמישאן, אין באצוג די העכערונג פון שכירות פאר די ארבייטער אין קלאוקטרייד.

אין דעם מאמענט האט די אדמיניסטראציע פון דער פראטעקטיוו אין גאנצען פארגעסען, אז זי דארף ארבייטען מיט דער יוניאן אין „גוד פייט", די איז פשוט געווארען א סקעב-אגענטור פאר די שעפער, וואס די יוניאן האט ערקלערט אין סטרייק, וואס לויט דעם אגרימענט מיט דער אסס'ן האט די יוניאן א רעכט דאס צו טאן. די אדמיניסטראציע פון דער אסאסיאיישאן קריכט ממש פון הויט צו פארפיהרען יוניאן-לייט מיט פארשידענע פארשפרעכונגען צו ווערען סקעבס. ארום די דאזיגע שעפער, וואס זיינען אין סטרייק, בושעווען גענגסטערס און „גארדס", און די אדמיניסטראציע פון דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן" איז ניט ווייניג פאר דעם פאראנטווארטליך. קענטיג, אז די דאזיגע אדמיניסטראציע רופעט אויף דעם, וואס די יוניאן וועט זיך אין דעם מאמענט ניט שטעלען מיט איהר אפרעכענען. זי ברענגט אבער אויף זיך דעם האס און צארן פון אלע ארבייטער אין טרייד, וועלכע שיקען טאג טעגליך זייער פלוך אויף די קעפ פון די הערען אין דער אדמיניסטראציע, פאר'ן אריינברענגען איצט אן אומרוהיגקייט און טראבעל אין דער קלאוק אינדוסטריע, נאך אזא ביטערער לאנגער סלעק!

אויף די קלאוקמאכער יוניאן ווערט ניט אזוי גיך פארגעסען די מיאוסע האנדלונג, וואס די הערען פון דער אדמיניסטראציע פון דער פראטעקטיוו שפילען איצט, ביי דיזע סטרייקס. עס וועלען ניט שאטען יענע הערען זאלען אין צייט קומען צו זייער באזינונג און האנדלען מיט דער יוניאן אין „גוד פייט", ווי זיי זיינען דאך מחויב דאס צו טאן, ווי לאנג דער קאלעקטיווער אגרימענט צווישען זייער אסס'ן און די קלאוק מאכער יוניאן איז אין מאכט.

סער ערוואלט. עס איז ניטא קיין צווייפעל, אז די ארבייטער-ארגאניזאציעס [illegible]

---

# שנת תרפ"א

(ראש השנה-געדאנקען)

פון דזש. העלער.

די יאהרען לויפען מיט אן אויסערגעוועהנליכער שנעלקייט. דער לעבעדיגער קען קוים באמערקען דעם געלאף פון די יאהרען. [illegible] באמערקען די ענדערונגען, וואס די יאהרען ברענגען אויף אונזער וועלטעל. בלויז די יונגע, וואס וועלען קומען נאך אונז, וועלען האבען די מעגליכקייט אפצושאצען די וויכטיגקייט פון די פאסירונגען פון אונזערע צייטען.

* * *

צו דעם וואס לעבט איז א יאהר גאר ניט. א יאהר איז בלויז א שווערער שטיין אויף דער נשמה און קערפער פון לעבעדיגען. דער מענש לעבט אזוי לאנג ביז וואנען ער קען טראגען די לאסט פון יאהרען. אזוי שנעל ווי איינער זאמעלט אן מעהר יאהרען וויפיעל ער קען אויסטראגען, ברעכט ער צוזאמען אונטער דער לאסט און אוים — ער איז שוין מעהר ניטא צווישען די לעבעדיגע.

* * *

מאנכע, מיט א שטארקען קערפער און [illegible], קענען [illegible] מעהר יאהרען. [illegible] קענען [illegible] יאהרען. אבער [illegible]. ס'איז נאך ניט [illegible] שפעטער די לאסט פון לעבען. [illegible] פון [illegible] לעבט פאלען אונטער דער משא פון יאהרען. בלויז יעזוס קריסטוס, זאגט מען, איז ניט געשטארבען. אבער צווישען די לעבעדיגע האט איהם נאך קיינער ניט געזעהן. ס'איז בלויז א פראגע, וואו ער געפינט זיך יעצט, צי אין הימעל, צי אין דר'ערד. אבער דאס איז שוין א קליינער אונטערשייד.

* * *

דער מענש איז א שקלאף פון דער צייט. ער מוז נעהמען וואס די צייט גיט איהם — זיין פעקעל יאהרען. קיינער קען זיך ניט באפרייען פון דער צייט, סיידען ער זאל באגעהן זעלבסטמארד. איז אבער א זעלבסטמערדער פארדעכטיג פאר א פיילינג.

* * *

דער לאסט פון יאהרען, אין מאנכע פעלע, באשטעהט פון רייכטום, אין אנדערע — פון ארימקייט. רייכטום איז א ביסעל לייכטער צו פארטראגען איידער ארימקייט. די רייכע מוזען אבער אויך שטארבען.

* * *

ווען דער ארבייטער זאל וועלען, קען ער מאכען אלעמענס גליקליך גלייך.

* * *

די יונגע וועלען עלטער ווערען. זיי לעבען נאך [illegible] די [illegible] ווילען יונג ווערען. די [illegible] פון זייער יוגענד. די צייט הערט בלויז די יונגע — די אלטע בלייבען ענטוישט.

* * *

ראש השנה בעטען אלע א ש נ ת ח י י ם. זיי ווייסען נעבאך ניט אז מיט יעדען יאהר לעבען פארניכטען זיי דאס לעבען.

פיעלע פאנגען אן צו לעבען נאך זייער לעבען. צו דיעזען קלאס באלאנגען ארטיסטען, שרייבער און אידישע יוניאן-מאכער אמטע. דאס, פילייכט, איז די ווארזאכע ווארום זיי געהען זעהר זעלטען אין שוהל אריין בעטען לאנגע יאהר.

* * *

דער ווארט תרפ"א איז א רמז. ווער עס נאר קיינעם ניט אוים. תרפ"א מיינט: תהיה רעוואלוציאן פועלי אמעריקא, איטאליע, אינגלאנד. ה. ת. אז אין דעם יאהר וועלען מיר נאך דערלעבען אן ארבייטער-רעוואלוציאן אין אמעריקא, איטאליען און ענגלאנד. [illegible] אין גרויסע ווערט צו זעהן. [illegible] צו לעבען [illegible] יאהר און [illegible] אום ביידזואווינען אזא גליקליכען [illegible]. צו זעהן די [illegible] נאטישע מאכט אין דעם ארבייטערס הענט; צו זעהן די באפרייטע [illegible] שקלאפען; צו הערען דאס [illegible]; ביידזואווינען די [illegible] פון ארבייטער-קלאס.

[illegible]! ס'איז ווערט צו לעבען [illegible] שטארבען פאר [illegible] [illegible] צום אלטען פסוק: לשנה טובה [illegible] אמן.

# די וואך

פון נ. שווירץ.

פער געשטעלט געווארען. די אייגענט־
ער פון די אפט שפעטער וויינען פון קלי־
נערע פארט מאנופעקטשורערס, וועלכע
האבען באווייזען אייגנעזעהען, אז דער
סטרייק איז פאר זיי אן אויסגעשטער
געלד פארלוסט. ווי האבען חנים איינ־
געזעהען, וואס פאר א געשעפטען מען
קען פיהרען, אז מען קריגט שוין אפילו
א פאר סקעבס. היינט נאך עפעס: צו
די סקעבס מוז מען האלטען גענגסטערס,
ווי צו באוואכען, ווארים זיי האבען דאך
מורא אליין א טריט צו טאן. צו דעם
פון מען ווי נאך פיהרען פון דער ארבייט
און צו דער ארבייט אין אויטאמאבילען,
און די סקעבס מיט גענגסטערס, מיט די
אויטאמאבילען קאסטען דאך א סך טייע־
רער, ווי צאהלען די יוניאן לייט דעם
ריכטיגען וויידזש־סקייל! היינט וואס
לוינט זיך פאר די מאנופעקטשורערס דער
גאנצער טארארא? די אלע צרות און
פורעניות, וואס א סטרייק ברענגט מיט
זיך? סיידען בלויז עוליעב צו טאן דער
אדמיניסטראציע פון דער פראטעקטיוו
אסאסיאיישאן. אבער ווען מען לוינט זיך
דאס? האבען טאקע די קלינערע מאנו־
פעקטשורערס זיך באצייטענס ארומגע־
זעהען, און געסעטעלט מיט דער יוניאן.
די פאלגענדע פירמען האבען אין די
לעצטע צוויי וואכען געסעטעלט מיט
דער קלאוקמאכער יוניאן: ראדושערס,
ל. און ס., סעמיועל מעראו, קויפמאן און
קויפמאן, ב. שנאל, וויקטאר ס. עווערעט,
ה. בארען און דזש. קינצלער. אלע דיזע
שעפער זיינען, ווי געזאגט, אסאסיאיי־
שאן שעפער.
און די פאלגענדע אסאסיאיישאן שע־
פער זיינען נאך פארבליבען אין סטרייק,
צו זייער אייגענעם שאדען: לואיס גרינ־
בערג און בראס., סטוירן און היינעמאן,
ס. א. אפענהיימער, דזש. לודוויג, האנא־
ווער און ארענסטיין, ראזענפעלד און זיי־
מאן, גאלדשטיין בראס. און ברוסנער,
סעמיועל בלום, סליר בעל סקוירס קא.,
גאוויק בראדערס, ב. העללער און פריינס
וואוירט. די יוניאן פיהרט אן די אלע
סטרייקס גאנץ ענערגיש און אויך די
מאנופעקטשורער, וועלכע זיינען נאך
דערווייל פארפיהרט פון פארשיעדענע
איינפלוסען, וועלען באלד איינזעהען, אז
עס וועט זיין פאר זיי א סך געזונטער
באלד צו סעטלען מיט דער יוניאן.
זאל שוין דא אויך געזאגט ווערען,
דאס די געוועהנליכע ארבייט און טעטיג־
קייט אין אלע אפיסעס פון דזשאינט
באארד געהט צו גאנץ לעבעדיג. דער
סיזאן לאזט זיך שוין גוט הערען, און אין
אלע ווינקעלאך פון די פיעלע אפיסעס
פון דער קלאוק מאכער יוניאן שווימעלט
און גריבעלט מיט לעבען און טעטיגקייט.
די מאשינעריע פון דער יוניאן, מיט דעם
נייען דזשענעראל מענעדזשער ברודער
פיינבערג בראש, ארבייטעט אויסגעצייכ־
נעט, צום וואהל און בעסטען פון דער
יוניאן און פון די מיטגליעדער.

---

## פיינטערס און פייפערהענגערס ארויס אין סטרייק

ראנערשטאג אין דער פריה, דעם
12טען סעפטעמבער, האט זיך אנגעהויבען
א גענעראל־סטרייק פון אלע ניו יארקער
פיינטערס און פייפערהענגערס, ארום 8
טויזענד אין צאהל. א גרויסער טייל,
כמעט א דריטעל פון די סטרייקערס, הא־
בען גלייך אויף־צו־מארגענס זיך צוריק־
געקעהרט צו דער ארבייט, ווייל די באָ־
סעס, פאר וועלכע זיי ארבייטען, האבען
נאכגעגעבען די פאדערונגען פון דער
פיינטערס יוניאן נאך איידער דער
סטרייק איז גערופען געווארען. ריזיגע
ארבייטער זיינען ארומגענומען געווא־
רען אין סטרייק אויף איין טאג, כדי זיי
צו רעגיסטרירען און זיי געבען נייע אר־
בייט־קארטען.
וואס אנבאטרעפט די אויסזיכטען
פון די איבעריגע צוויי־דריטעל, וואס
בלייבען סטרייקען, וועט מסתמא ניט
לאנג נעהמען און זייערע באסעס וועלען
אויך סעטלען און נאכגעבען זייער פאר־
דערונג פון 10 דאלאר א טאג פאר א 5־
טאגיגער וואך, וואס זאל באשטעהן פון
40 ארבייטס־שטונדען.
די פיינטערס יוניאן פיהרט אן דעם
סטרייק אהן דער צושטימונג און קעגען
דירעקט געגען דעם ווילען פון דער „ביל־
דינג טרייד עמפלאָיס אסאסיאיישאן",
וועלכע איז די צענטראלע קערפערשאפט
פון אלע באו־ארבייטער וואס האבען א
שייכות מיט הייזער־בויאונג. אבער די
פיינטערס יוניאן איז אליין רייך גענוג
און שטארק גענוג אויסצוהאלטען א קאמף
פאר איהרע מיטגלידער און דעם קאמף
אויך געווינען. און אז דער איצטיגער
פיינטער סטרייק וועט געוואונען ווערען,
איז נאר אין גיכען אויך, דאס איז כמעט
זיכער.

### דער ב. ר. ט. סטרייק

די צווייטע וואך פון דעם סטרייק פון
די אנגעשטעלטע אויף די טריינס, סאב־
וועיס און סטריט־קארס אין ברוקלין האט
ניט געבראכט קיינע ענדערונגען. דער
ארויסטריט פון דזשאדזש מייער און רע־
סיווער גערימאן מיט זייער אולטימאטום
לעצטען שבת אז די סטרייקער מוזען זיך
אומקעהרען צו דער ארבייט ביז מיטוואך,
אז ניט וועט זיי די קאמפאני ניט צונע־
מען, האט געהאט א קנאפע ווירקונג אויף
די ארבייטער. זיי האבען צוריק געשליי־
דערט דעם פארווף פון דער קאמפאני צו
צוברעכען די יוניאן.
די אלע פארזוכען פון גאווערנאר
סמיטה און מעיאר היילאן צו שליכטען
דעם סכסוך צווישען דער קאמפאני און
די ארבייטער זיינען געווען פרוכטלאז.
דזשאדזש מייער האט אפען ערקלערט צו
אן אנפראגע פון מעיאר היילאן אז די
קאמפאניע וועט בשום אופן ניט פאר־
האנדלען מיט דער אמאלגאמייטער אסא־
סיאיישאן און סטריט ענד עלעקטריק
רעילוועי עמפלאָיס, די ארגאניזאציע פון
די מאטארמען, קאנדוקטארס, גארדס און
אנדערע אנגעשטעלטע אויף די סאב־
וועיס און סטריט קארס. די ב. ר. ט. איז
אפען ארויס צו צוברעכען די יוניאן. און
פאר דעם צוועק האבען זיי אימפארטירט
א גרויסע צאהל פון סקעבס. עס פאר־
שטעהט זיך, אז דער פארקעהר איז אין
גאנצען פארקריפעלט און מיט די קארס
וועלכע געהען יע, טרעפען אפטע עקסי־
דענטען, אלס רעזולטאט פון די אונגעניט־
קייט און דעמאראליזאציע פון די
סטרייקברעכער. די קאמפאניע גיט די
סקעבס אלע פריהייטען. זיי מעגען ניט
נאר רויכערען אין די קארס נאר זיי מע־
גען לייגען די „פעירס" אין זייערע קע־
שענעס. אבער די קאמפאניע איז, ווייזט
אויס, בארייט אויף אלעס, אבי נאר צו־
צוברעכען דעם סטרייק און די יוניאן.
די „אמאלגאמייטער אסס'ן" האט
אויפגענומען דעם קאמף מיט ענטשלאָ־
סענהייט צו געווינען זייערע פאדערונגען.
לעצטען זונטאג איז וויליאם מאהאן, דער
פרעזידענט פון דער „אמאלגאמייטער"
געקומען פון דעטראיט, מיש., אום אליין
אנצופיהרען דעם סטרייק. ער האט
גלייך ארויסגעגעבען א סטייטמענט וואו
ער האט ערקלערט, אז ער זוכט צו קומען
צו א פרידליכען סעטעלמענט מיט דער
קאמפאניע. מאהאן האט אנגערופען ריכ־
טער מייער און געריסאן אלס „מענשען
מיט ברייטע בליקען", און ער גלויבט אז
ער וועט מיט זיי קענען אויף א פרידלי־
כען אופן שליכטען דעם סכסוך. צי די
טאקטיק פון פרעזידענט מאהאן וועט
ווירקליך העלפען איז א פראגע וועלכע
די נעקסטע פאר טעג וועט ענטשיידען.
עס פארשטעהט זיך, אז די קאמפא־
ניע האט זיך באנוצט מיט די וועלכע
מיטלען צו באקעמפען דעם סטרייק, ווי
דזשאדזש גערי האט באנוצט אין דעם
שטאָל סטרייק. רעסיווער גערימאן האט
ארויסגעלאָזען א סטייטמענט אז דער
סטרייק ווערט אנגעפיהרט פון „געפעהר־
ליכע באלשעוויקעס", דאס די ארבייטער
זיינען פאלקאם צופרידען מיט זייער לא־
גע. די פרעסע איז אויך געקומען צו
הילף דער קאמפאניע. לואיס פריידר־
רושער, דער לאיער פון די סטרייקערס
האט אפען ערקלערט אז די געשעפטאל
פאבלישינג אסאסיאיישאן האט פאנאנ־
דערגעשיקט צו אלע צייטונגען פון גרויס
ניו יארק אז זיי זאלען צוריקהאלטען
„אלע פאקטען פון דער סיטואציע" פון
דעם סטרייק, און פארעפנטליכען נאר
די וועלכע זיינען גינסטיג פאר דער קאמ־
פאניע.
צוזאמענשטויסען צווישען סטרייקער
און סקעבס זיינען פארגעקומען דורך דער
צייט פון סטרייק. פיעלע עקסידענטען
זיינען פארגעקומען, און דער רעזולטאט
איז, פיעלע פארוואונדעטע און טויטע.
מיט א פאר טעג צוריק, איז א פאסאזשיר
דערהרג'עט געווארען דורך א צוזאמענ־
שטויס צווישען סטרייקערס און סקעבס,
און דערנאך זיינען פיער סטרייקערס
ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע
פון מורד.
די ארבייטער פיהרען אן ענערגישען
קאמף פאר וועלכעס פארטיידיגונג. די
אישו איז א קלארע. זאלען די ב. ר. ט.
ארבייטער זיין ארגאניזירט אין א יו־
ניאן אדער ניט?

* * *

### מען אונטערזוכט ווייטער דעם מיינערס סטרייק.

מיט עטליכע וואכען צוריק האט פרע־
זידענט ווילסאן באשטימט א קאמיסיע
צו אונטערזוכען די לאגע פון די הארטע
קוילען גרעבער. זיי אין אגרעמענט [illegible]
כן קאמיסיע, אין די ענטשיידונג פאר
א הויכערונג אין ווידזשעס [illegible] פיעל
[illegible] ווי די ארבייטער האבען [illegible]
דערט. די מיינערס האבען געענטפערט
מיט פארלאזען זייער ארבייט. די אר־
בייטער־פארטרעטער האבען אפעלירט
צום פרעזידענט און סעקרעטערי און לייר
באר פאר א העכערונג אין ווידזשעס און
דער דעפארטמענט און לייבאר האט ווייי־
טער באשטימט א קאמיסיע ווייטער צו
אונטערזוכען די פאדערונגען פון די מיי־
נערס. ה. ל. כערווין, פון דער ביורא און
קאנסיליאיישאן פון דעם דעפארטמענט
האט אנגעפאנגען איבער א נייעס צו
פארשען די אורזאכען פון סטרייק.
דער סטרייק פון די הארטע קוילען
גרעבער איז ניט קיין „אויטאריזירטער".
עס איז פון דעם מין סטרייקס וועלכע
פאסירען אזוי אפט אין די לעצטע פאר
יאהר. עס איז א סטרייק געגען דעם ווי־
לען פון די פיהרער. דזשאן ל. לואיס,
דער פרעזידענט פון די „יונייטעד מיין
וואירקערס", זוכט דורך אלע מיטלען צו
קומען צו א פרידליכען סעטעלמענט פון
די קריוודעס פון די מיינערס. אבער די
ארבייטער האבען פארלארען דעם גערולד
און דעם גלויבען, און איבער א הונדערט
טויזענט פון זיי זיינען ארויס אין
סטרייק. פון פארשידענע געגענדען זיי־
נען די מיינערס ארויס אויף „וועקיישאן"
און האבען פאראליזירט די פראדוקציאן
פון הארטע קוילען.
עס בלייבט איצט צו זעהן צי די
נייע אונטערזוכונגס־קאמיסיע וועט עפעס
טאן צו שליכטען די קריוודעס פון די
מיינערס, אדער זי וועט זיך צופרידענ־
שטעלען מיט דעם געוועהנליכען רעפארט
וועלכער ווערט באנוצט אלס א מיטעל
אפצוהאלטען דעם סטרייק.

* * *

### אמעריקאנער ארבייטער סטרייקען פאר דער באפרייאונג פון מעקסוויני.

זעקס טויזענד לאנגשאָרמען אין ניו
יארק און ברוקלין זיינען ארויס אין
סטרייק פאר דער באפרייאונג פון דעם
איירישען רעוואלוציאנער, טערענס מעק־
סוויני, דער לארד־מעיאר פון קארק,
וועלכער פיהרט אן א הונגער סטרייק אין
אן ענגלישען פריזאן פאר דער באפריי־
אונג פון די איירישע ארעסטירטע. דער
סטרייק האלט זיך אין פארשפרייטען אי־
בער אנדערע פארטען. די לאנגשארמען
האבען זיך אפגעזאגט צו פאקען מאטע־
ריאלען, וועלכע ווערען געשיקט נאך
ענגלאנד. סירקולארס זיינען פארשפרייט
געווארען צווישען די ברעג־ארבייטער
אויפפאדערנדיג זיי צו סטרייקען געגען
ענגלאנד. דער סטרייק איז א באוויז ווי
די ארבייטער הויבען אן אויסנוצען זייער
איינפלוס אויף ערשיינונגען, וועלכע
ריהרען ניט אן נאר די פראגע פון וויר־
דזשעס. וואס עס איז באמערקונגסווערט
איז, וואס דער סטרייק איז געווענדעט
געגען אן אנדער לאנד. צו סטרייקען פאר
דער באפרייאונג פון פאליטישע ארעס־
טירטע איז ניט קיין נייעס. מען האט
זעהר פיעל געארבייט פאר אזא סטרייק
דעמאנסטראציע פאר דער באפרייאונג
פון טאם מוני, אבער עס איז ניט געווען
קיין ערפאלג; מען הערט ניט אז אר־
בייטער זאלען ארגאניזירען א סטרייק
פאר דער באפרייאונג פון דעבס און פאר
די איבעריגע פאליטישע און אינדוסט־
ריעלע ארעסטירטע. דער סטרייק פאר
מעקסוויני איז ניט אזוי קיין ארבייטער־
סטרייק, נאר א נאציאנאלער סטרייק.
עס איז א פראטעסט געגען דער הער־
שאפט פון ענגלאנד איבער אירלאנד.
אז דער סטרייק טראגט א נאציאנאלען
כאראקטער איז צו זעהן פון דער קאמיטע
פון דער „איריש־אמעריקען אטלעטיק
קלאב", וועלכער איז פארמירט געווארען
צו העלפען דעם סטרייק.
עס איז גאנץ מעגליך אז דער סטרייק
וועט געהאלפען ווערען ביי פיעלע, וועל־
כע וואלטען געקעמפט קעגען א סטרייק
פאר דער פארבעסערונג פון דער לאגע פון
די ארבייטער.

* * *

### דער סטרייק פון די מעטאל ארבייטער אין איטאליען.

בעריכטען אין די צייטונגען דער־
צעהלען אז די סאוועט־באוועגונג אין
איטאליען וואקסט פון טאג צו טאג. די
מעטאל ארבייטער קאנטראלירען איצט
די גאנצע אינדוסטריע און די שעפער
ווערען אנגעפיהרט פון די ארבייטער מיט
א שטרענגער מיליטערישער דיסציפלין.
די אלע שעפער, דערצעהלען ווייטער די
צייטונגען, זיינען ארומגערינגעלט מיט
שווער־באוואפענטע ארבייטער, און דער
[illegible] איז, אז אין אינדוסטריע, די
מעטאל־אינדוסטריע, איז אין דער פולער
קאנטראל פון די ארבייטער.
די איטאליענישע רעגירונג באציהט
זיך צו דער באוועגונג מיט דער גרעסטער
[illegible]. עס קען [illegible]
[illegible] די סטרייקער
[illegible] אבער עס איז [illegible]
א כאראקטער פון א ביטער קריג. די
רעגירונג פילט זיך ניט צו שיקען אן
ארמעע צו דערשטיקען די באוועגונג.
די ארגאניזאציאן פון די מעטאל־אר־
בייטער אין איטאליע איז פיעל געוואקסען
דורך דער מלחמה. עס איז אינטערע־
סאנט צו דערמאנען, דאס ווען די סאציא־
ליסטישע פארטיי אין איטאליע איז
פיינדליך ארויסגעטרעטען געגען דעם
קריעג, זיינען די מעטאל־ארבייטער גע־
ווען פאר דעם קריעג. א גאר גרויסער
פראצענט פון די ארבייטער זיינען פרו־
מע קאטוילישען, וועלכע גלויבען אין
פאבסט. פיעלע פון זיי זיינען ניט גע־
ווען צו פריינדליך צו דער סאציאליס־
טישער פארטיי. די באוועגונג פון די
מעטאל־ארבייטער ווערט געשטיצט פון דער
איטאליענישער ארבייטער קאנפעדערא־
ציע וועלכע באשטעהט פון צוויי און א
האלב מיליאן ארבייטער. דער ארבייטס־
מיניסטער לאבריאלא האט פארגעשלא־
גען צו פארמירען א קאמיסיע, וועלכע
זאל באשטעהן פון דער רעגירונג, די אר־
בייטער און ארבייטס־געבער. אבער ביז
אהער האט מען נאך דעם פלאן ניט אנ־
גענומען. די רעגירונג איז נעוטראל און
ווארט אויף ווייטערע ענטוויקלונגען. עס
ווייזט אויס צו זיין צווייפעלהאפט אויב
די באוועגונג פון די מעטאל ארבייטער
וועט ברענגען די סאוועט־רעגירונג אין
איטאליע.

---

### די ענגלישע ארבייטער קאנפערענץ אין פארטסמוטה.

950 דעלעגאטען צו דעם טרייד יוני־
יאן קאנגרעס אין פארטסמוטה, וועלכע
פארטרעטען זעקס און א האלב מיליאן
ארבייטער, האבען אנגענומען שריטע גע־
גען דער ענגלישער רעגירונג פאר איהר
באהאנדלונג פון מעקסוויני, דעם איירי־
שען מעיאר פון קארק, וועלכער פיהרט
אן א הונגער־סטרייק אין פריזאן, און
אנדערע ארעסטירטע. די קאנפערענץ
האט ערקלעהרט, אז די ארבייטער וועלען
האלטען דער רעגירונג פאראנטווארטליך
פאר דעם טויט פון מעקסוויני אין פאל
די רעגירונג וועט איהם ניט באפרייען
צוזאמען מיט די אנדערע פריזאנערס.
די ענגלישע ארבייטער האבען אויך
באשלאסען צו שיקען צוויי פון זייערע
פארשטעהער צו די פריעדענס־פארהאנד־
לונגען צווישען רוסלאנד און פוילען אין
ריגא. די צוויי פארשטעהער זיינען ווי־
ליאם אדאמסאן און דזשיימס פורסעל.
די ענגלישע ארבייטער זיינען מעהר ניט
צופרידען מיט די בעריכטען אין דער קא־
פיטאליסטישער פרעס און די פראפאגאנ־
דא אגענטורען. זיי האבען באשלאסען
צו קריגען די פאקטען פון דירעקטע קווע־
לען.
אין דער צייט ווען די ענגלישע אר־
בייטער זיינען שטארק פארנומען אויף
דעם פאליטישען געביט איז די אינדוס־
טריעלע לאגע ווייט פון רוהיג. ניט נאר
האבען די קוילען־גרעבער געשטימט פאר
אן אלגעמיינעם סטרייק פאר דער נאציא־
נאליזירונג פון דער אינדוסטריע, נאר די
אנדערע אינדוסטריען פון לאנד ווערען
געטראשעט מיט סטרייקס און לאק־
אוטס. אין די אינזשיניריגג טריידס,
צום ביישפיעל, טראשען די באלעבא־
טים מיט אן אלגעמיינעם לאקאוט. דער
קאמפסגעפיהל צווישען די ארבייטס־גע־
בער און ארבייטער אין ענגלאנד האט
זיך פארשארפט.
די ענגלישע ארבייטער זיינען איצט
אין קאמף געגען דער רעגירונג אין דער
נאציאנאלער און אינטערנאציאנאלער
פאליטיק, אזוי גוט ווי געגען די אר־
בייטס־געבער. זיי האבען געגען זיך די
גאנצע פערייניגטע מאכט פון דער גאנצער קא־
פיטאליסטישער ארדנונג, און זיי זיינען
פול באוואוסט פון זייער [illegible]. זיי
וויסען אז זיי זאגען מען ארויס, אז
זייער איצטיגער קאמף איז דירעקטירט
געווארען געגען דער איצטיגער ארדנונג,
אבער זיי ווייסען אויך אז קיין אנדער
אויסוועג איז ניטא. אויסער רוסלאנד
זיינען די ענגלישע ארבייטער די איינצי־
גע מאכט, וועלכע קען פארהיטען איצט
פון אן אנדער קאטאסטראפע.

---

### סעפטעמבער 13 אמנעסטיע טאג.

דעם 13טען סעפטעמבער וועט ווע־
רען צוויי יאהר זינט יודזשין וו. דעבס
איז פאראורטיילט געווארען צו 10 יאהר
געפענגניס. דיזען טאג וועלען געהאל־
טען ווערען מיטינגען אין פארשיעדענע
טיילען פון לאנד צו פאדערען די באפריי־
אונג פון אלע פאליטישע געפאנגענע.
סעמיועל גאמפערס מיט אן ארבייטער
דעלעגאציע וועט דעם טאג קאנפערירען
מיט אטוירני דזשענעראל פאלמער, אז
ער זאל רעקאמענדירען אן אלגעמיינע
אמנעסטיע. א קאמיטע פון דער סא־
ציאליסטישער פארטיי, באשטעהענד פון
מאריס הילקוויט, [illegible] און
[illegible], וועט זיך אויך זעהן
מיט פאלמער'ן דעם טאג.
אן אפיל פון דער סאציאליסטישער
פארטיי צו אלע סאציאליסטישע לאקאלס
אין אמעריקע [illegible]

# גרויסע און קליינע פאסירונגען אין דער קליוולאנדער קלאוק אינדוסטרי

פון מ. פערעלשטיין.

ניטא קיין ארבייט.

דער סיזאן אין קליוולאנד איז פונקט ווי אין אנדערע שטעדט, ניטא קיין ארבייט. אין א פאר געצעהלטע שעפער ארבייטען אפילו די ארבייטער פאר די לעצטע איינציגע וואכען, אין די מעהרסטע שעפער אבער, האבען די ארבייטער מעהר ווי איינע אדער צוויי פולע וואכען וויידזשעס ניט געהאט. דאס איז אלץ גערעדט פון ארבייטער וועלכע האלטען אן רושעכס, עס זיינען אבער דא א נעניגערע צאהל, וועלכע האבען אפילו קיין בעלי-בתים אויך ניט, ארבייטער וועלכע האבען געארבייט אין אוטסייד שעפער. א צאהל פון דיזע קאנטראקטארס זיינען ארויס פון ביזנעס, א צאהל האבען זייערע שעפער אין גאנצען צוגעמאכט. דיזע ארבייטער געהען אין גאנצען ארום לעדיג, און די געלעגענהייטען צו קריגען ארבייט אין דעם היינטיגען סיזאן זיינען גאנץ שלימע. אפשר וועט עס בעסער ווערען, דערווייל איז שלעכט.

* * *

די 41 וואכען גאראנטי.

עס דערנעהענטערט זיך די צייט ווען דער אגרימענט וואס די יוניאן האט דא געמאכט מיט דער אסאסיאיישאן פון די גרויסע מאנופעקטשורערס, פון וועלכער בלעק איז פרעזידענט, וועגען א מינימום פון 41 וואכען „פול פעי" דורך דעם יאהר, זאל אריין אין קראפט. לויט דעם אגרימענט גאראנטירען די מאנופעקטשורערס צו די ארבייטער ניט ווייניגער ווי 41 וואכען „פול פעי" דורכ'ן יאהר. דער אגרימענט געהט אריין אין קראפט דעם ערשטען דעצעמבער, 1920 און איז גוט ביז דעצעמבער 1921.

א צאהל פון אונזערע מאנופעקטשורערס געהען אפילו ארום א ביסעלע מיט פארקריסטע פנים'ער. זיי זיינען נעבעך ביז יעצט געווען געוואוינט אריינצונעמען די ארבייטער ווען דער פייער האט געברענט, דעם פייער איינצולעשען. אזוי שנעל אבער ווי דער פייער איז געווען איינגעלאשען, האבען זיך די ארבייטער געקענט שלאגען קאפ אן וואנט, זייערע פראפיטען האבען זיי דאך שוין געהאט געמאכט, און פאר די ארבייטער, וועמען ארט עס?...

יעצט אבער, ווען א מאנופעקטשורער וועט מוזען זיין פאראנטווארטליך, איז ניט נאר וועט ער די ארבייטער דארפען באצאהלען פאר דער צייט וואס זיי לעשען דעם פייער, און פון איין פייער ביז דעם אנדערען זאל דער ארבייטער דארפען הונגערען, נאר דער מאנופעקטשורער זאל איהם דארפען באצאהלען, און מאקע איהם גאראנטירען אז דורכ'ן יאהר דארף ער האבען אמווייניגסטען 41 וואכען פולע פעי, — נו, געוועהנליך, קענען דאס נאך ביי אונז א צאהל מאנופעקטשורערס אזא זאך ניט פארדייען. וואס הייסט עפעס זיין פאראנטווארטליך פאר ארבייטער? האסטו געהערט? גאר א נייער מין אנשיקעניש!...

די מעהרסטע מאנופעקטשורערס אבער, און די אסאסיאיישאן אין אלגעמיין, האבען שוין דאס פארדייעט, און פון דעם ערשטען דעצעמבער וועלען זיי וויסען, אז זיי זיינען פאראנטווארטליך אז די מענשען וועלכע מאכען די קלאוקס און דרעסעס, דארפען כאטש אמווייניגסטען זיין גאראנטירט מיט א שטיקעל ברויט פאר זיך מיט זייערע פאמיליען.

די גאראנטי איז: 40 וואכען פול פעי און איין וואך וועקיישאן און פעי.

* * *

אונזער „עפישענסי סיסטעם".

א סך אנפראגען קומען אונז אן טעגליך וועגען דעם סיסטעם פון וואך ארבייט וואס מיר פיהרען איין אין קליוולאנד. דיזע אנפראגען קומען אן פון פארשיידענע ווינקעלעך. עס געהט אזוי ווייט, אז די ענגלישע רעגירונג האט דורך איהר קאנסול געטרייט אויסגעפינען וואס מיר טוען דא.

עס קומען אויך אן אנפראגען פון אונזערע איינענע מענשען, איבער'ן גאנצען לאנד, וועלענדיג אויסגעפינען ווי אזוי דער סיסטעם ווערט איינגעטיילט אין ווי אזוי עס וועט ארבייטען. וועגען דעם קאנען מיר זאגען פאלגענדעס:

ערשטענס, מוזען מיר געדענקען, א פרינציפ וועלכער איז אנגענומען ביי די קלאוקמאכער איבער'ן גאנצען לאנד, און דאס איז, אז יעדער ארבייטער זאל קריגען באצאהלט נאך זיינע פעהיגקייטען. [illegible], און קיינער זאל ניט קריגען ווייניגער ווי דעם מינימום סקייל.

דיזע פרינציפ [illegible]

יעצט די פראגע, ווער דארף קריגען מעהר, און ווער — ווייניגער?

אין אנדערע שטעדט לאזט מען דאס איבער צום באס מיט א קאמיטע פון שאפ. איז דער סיזאן א גוטער, רייסט דער ארבייטער ארויס א פאר דאלאר מעהר, אויב ניט, קען דער בעסטער ארבייטער אמאל ארבייטען פאר דעם מינימום סקייל. ביי אונז, אין קליוולאנד, שטעלען מיר איין א סיסטעם, אז דער ארבייטער זאל וויסען ריכטיג, ווער עס איז בארעכטיגט צו מעהר און ווער — צו ווייניגער, און דער גוטער אדער שלעכטער סיזאן זאל גאר ניט האבען צו טאן מיט דעם פרייז פון דעם איינצעלנעם. ארבייט נאר אן ארבייטער א שטונדע, דארף ער קריגען באצאהלט, צי די שטונדע ווערט געארבייט אין א גוטען סיזאן, צי אין א שלעכטען, דארף ניט זיין קיין אונטערשייד.

אלזא, מיר טוען פאלגענדעס:

מיר וועלען מעסטען די ארבייט אויף דעם פאלגענדען אופן: אין יעדען שאפ, צום ביישפיעל, זיינען דא 3 קלאסען ארבייטער — שנעלע, מיטעלע און „סלאוע" ארבייטער.

צו מעסטען די ארבייט וועלען מיר טאן אזוי: ווען מיר קריגען אריין א גארמענט, וועלען מיר פריהער אויסגעפינען ווי לאנג דער גארמענט דארף נעמען אויסמאכען. כדי דאס אויסצוגעפינען טוען מיר פאלגענדעס: מיר באזייטיגען די „סלאוע" און די שנעלע ארבייטער און מיר קלייבען אויס איינעם פון די מיטעלמעסיגע ארבייטער. מיר גיבען איהם דעם גארמענט און מיר געפינען דאן אויס ווי לאנג דער גארמענט האט ביי איהם גענומען מאכען. דער פרייז פון דיזען מיטעלען ארבייטער, ווען ער ארבייט אויף דעם ערשטען גארמענט, איז מיט 10 פראצענט העכער פון דער מינימום סקייל. לאמיר זאגען, אז ווען דער מינימום סקייל איז, צום ביישפיעל, 50 דאלאר א וואך, איז זיין פרייז 55 דאל. א וואך. דאס הייסט, 55 דאלאר א וואך פאר איינשטעלען די צייט ווי לאנג דער גארמענט דארף נעמען מאכען. צו יעדער שטונדע וואס דער גארמענט נעמט מאכען, קריגט דער ארבייטער צוגערעכענט אויף פאלגענדע עקסטרא צייט: 6 מינוט צו דער שטונדע, פאר מענשליכע באדערפניסען און נאך א 5 אדער 6 מינוט, צו יעדער שטונדע, טאמער צוברעכט זיך א מאל א נאדעל אין דער מאשין און ד. גל. דאס הייסט, אז אן ארבייטער וועלכער ארבייט, לאמיר זאגען, 8 שטונדען א טאג, קריגט 48 מינוט פאר אפרוהען זיך ווען ער וויל, און נאך א 40 אדער 45 מינוט פאר ביימען סילק אדער טאמער צוברעכט זיך א נאדעל און אז. וו. דאס אלעס ווערט צוגערעכענט צו דער צייט וואס דער גארמענט נעמט מאכען, און דיזע צוזאמענגערעכענטע צייט ווערט דער סטאנדערד פון דעם גארמענט. דער סטאנדערד ווערט געמאכט אויף דעם ערשטען אדער דעם צווייטען גארמענט. נאטירליך, ווען דער זעלבער ארבייטער פאנגט אן צו ארבייטען אויף דעם 4טען אדער 5טען גארמענט פון דעם זעלבען סטייל, טרייט ער זיך איין מעהר און פאנגט אן צו פראדוצירען מעהר. דאס איז שוין דעם ארבייטער'ס פראפיט. מאכט ער מעהר, קריגט ער באצאהלט מעהר.

געוועהנליך ארבייט זיך דאס אויס אזוי: גאנצע הונדערט פראצענט פון די געוועהנליכע ארבייטער, דאס הייסט, ניט די שנעלע און ניט די „סלאוע", נאר די מיטעלע ארבייטער, וואס לויט זייער ארבייט שטעלט מען דאס איין די סטאנדארדס, פארדיענען מעהר ווי דער סטאנדארד וויידזש. דער סטאנדארד וויידזש איז 10 פראצענט העכער ווי דער מינימום, עס מאכט ניט אויס וויפיעל דער מינימום זאל ניט זיין.

עס וועט ארבייטען אויף דעם פאלגענדען אופן: ווען ארבייטער קומען אריין, לאמיר זאגען, מאנטאג אין דער פריה אין שאפ צו דער ארבייט, איז יעדער איינער פון זיי, שנעלע, מיטעלע און סלאוע, אלע זיינען זיי גאראנטירט מיט דעם מינימום סקייל, ניט מעהר. ווען זיי זעצען זיך ארבייטען, ארבייטען זיי אפ, לאמיר זאגען, די וואך. נאך דער וואך זעהט מען וויפיעל יעדער איינער האט פראדוצירט און ער קריגט אזוי פיעל באצאהלט וויפיעל ער האט געמאכט. ד. ה., נאך דעם סטאנדארד נאך. די, וואס האבען פראדוצירט מעהר, קריגען מעהר, און די וואס האבען פראדוצירט א סך ווייניגער ווי דער סטאנדארד, ד. ה., די [illegible] [illegible]

אזוי אויסגעארבייט אז גאנצע 95 פראצענט פון די ארבייטער פון גאנצען טרייד מוזען מאכען מעהר, א סך מעהר, ווי דער סטאנדארד וויידזש. ווען ניט — טויג דער סטאנדארד ניט.

נאך א זאך: ווען ארבייטער קומען אריין, לאמיר זאגען, אין דער פריה אין שאפ אריין, טארען זיי שוין דעם טאג ניט אפגעלייגט ווערען. ווי איז אבער דער פאל אז דער באס האט ניט קיין ארבייט פאר דעם גאנצען טאג? מיר'ן זאגען אז די ארבייטער האבען מעהר ניט קיין ארבייט ווי נאר ביז דינער און נאך דינער איז ניטא קיין ארבייט. ווערט געטאן פאלגענדעס: פון אין דער פריה ביז דינער ווען די ארבייטער ארבייטען, קריגען זיי באצאהלט פאר דאס וואס זיי פראדוצירען. נאך דינער ווען זיי זיצען לעדיג און האבען אין גאנצען קיין ארבייט ניט, ווערען זיי ניט אפגעלעגט, נאר זיי קריגען אלע פאר דינער צייט באצאהלט אויף דעם רייט פון דעם מינימום. אדער ווען עס מאכט זיך אז אן ארבייטער האט קיין ארבייט ניט פאר א פאר שטונדען דורכ'ן טאג, קריגט ער פאר זיצען ליידיג באצאהלט אויף דעם רייט פון דעם מינימום סקייל. ד. ה. זיצענדיג ליידיג זיינען אלע גלייכע יחסנים און זיי קריגען אלע דיזעלבע וויידזשעס. ווען זיי ארבייטען, קריגט יעדער איינער נאך זיינע פעהיגקייטען נאך, ווען זיי זיצען ליידיג קריגען זיי אלע גלייך דעם מינימום פרייז.

ווי געזאגט, געהט דער סיסטעם אריין אין קראפט דעם ערשטען דעצעמבער. וואס מיר טוען יעצט איז פאלגענדעס: די יוניאן, צוזאמען מיט די מאנופעקטשורערס, האבען געעפענט א ביורא. א „ביורא אף סטאנדארדס" הייסט דאס. דיזע ביורא איז אונטער דעם אויפזיכט פון אן „עפישענסי-אינזשעניער". דיזער אינזשעניר קריגט באצאהלט העלפט פון זיין געהאלט פון דער יוניאן און העלפט פון דער אסס'ן.

די פארשיידענע מאנופעקטשורערס האבען יעדער איינער פון זיי, געדונגען א פערזאן, וועלכער ווערט אין דיזער ביורא געלערענט ווי אזוי אויסצורעכענען א סטאנדארד אויף א גארמענט. דיזע פערזאנען זיינען ניט פון קלאוק טרייד נאר סתם יונגע לייט. א סך פון זיי זיינען דורכגעגאנגען קאלעדזש. עס זיינען דארט אויך דא א פאר פון אונזערע יוניאן לייט, זיי וועלען דאס זיין די עפישענסי לייט פאר יעדען שאפ באזונדער. זיי וועלען געצאהלט ווערען פון דעם מאנופעקטשורער, פאראנטווארטליך וועלען זיי אבער זיין צו דער ביורא וועלכע, ווי געזאגט, ווערט אויפגעהאלטען פון ביידע צדדים. ד. ה. די יוניאן וועט אויף דיזע מענשען האבען א גלייכע דעה ווי די מאנופעקטשורערס, כאטש באצאהלט וועלען זיי ווערען פון די מאנופעקטשורערס.

ווען איינינע מאנופעקטשורערס האבען געוואלט אריינשיקען זייערע פארלייט אז זיי זאלען ווערען עפישענסי לייט האט דאס די יוניאן ניט דערלאזען, צוליעב דער אורזאכע ווייל די קליוולאנדער פארלייט ספעציעל, זיינען צופיעל אנגעשטעקט מיט צופיעל גנב'שע שטיק פון קלאוק טרייד און אונטער א מאדערנעם סיסטעם, האבען מיר געוואלט מאדערנע מענשען, וועמעס מוחות זיינען נאך ניט פארסמ'ט און צו וועמען יושר קען אמאל אפעלירען.

אלזא, יעצט „טריינט" מען דאס איין דיזע לייט און אזוי שנעל ווי זיי וועלען דורכגעהן דעם קורס, וועלען זיי אריינגעשיקט ווערען אין די פארשידענע שעפער. אין דיזע שעפער וועט די יוניאן ערוועהלען קאמיטעס, צו קאנטראלירען די סטאנדארדס. דיזע קאמיטעס וועלען באשטעהן צו 5 אין א שאפ. ד. ה. א קאטער, אפרייטאר, פינישער, פרעסער, א. אז. וו. יעדער עפישענסי מאן פון יעדען שאפ וועט דאס ארבייטען מיט דער שאפ-קאמיטע.

ווען א סטאנדארד וועט דארפען געמאכט ווערען אויף א גארמענט, וועט דער עפישענסי מאן דארפען קומען צו דער קאמיטע אז זיי זאלען עלעקטען דעם ארבייטער וועלכער זאל „נע'טוירמ'ם" ווערען. ד. ה. דעם ארבייטער אויף וועמעס פעהיגקייט דער סטאנדארד דארף געמאכט ווערען. נאך דעם ווי דער סטאנדארד אויף דעם גארמענט וועט איינגעשטעלט ווערען, דארף דער גארמענט צוריק געבראכט ווערען צו דער קאמיטע וועלכע דארף דעם סטאנדארד באשטעטיגען און איהם גוט-הייסען אדער ניט גוט-הייסען. ווען דער סטאנדארד ווערט פון דער קאמיטע ניט גוט-געהייסען, וועלען די ארבייטער אויף דעם גארמענט ניט ארבייטען, און אן אנדער סטאנדארד וועט אויף דעם גארמענט [illegible] [illegible] סטאנדארדס

[illegible] ווערט אויפגעהאלטען פון ביידע צדדים וואס דארפען זעהן אז די סטאנדארדס אין אלע שעפער זאלען זיין גלייך און אויך שליכטען אלע סכסוכים וואס קענען פארקומען.

דאס איז אין קורצען אן ערקלעהרונג וועגען דעם נייעם סיסטעם וואס מיר פיהרען איין אין קליוולאנד.

* * *

נאך אמאל וועגען די 41 וואכען גאראנטי

מיר האבען אויך אין קליוולאנד אן אסאסיאיישאן פון קליינע מאנופעקטשורערס. די אסאסיאיישאן באשטעהט פון 14 קליינע מאנופעקטשורערס און פארהאנדלונגען געהען יעצט אן מיט דיזער אסאסיאיישאן אז זיי זאלען טאן דאס זעלבע וואס די גרויסע מאנופעקטשורערס האבען געטאן — גאראנטירען דעם מינימום פון 41 וואכען „פול פעי" דורך דעם יאהר. די פארהאנדלונגען האבען זיך נאך ניט געענדיגט.

אויף די קאנטראקטארס און סוב-מאנופעקטשורערס איז דא ביי אונז געווארען א בחלה. זיי האבען זיך דערשראקען פאר די 41 וואכען און א סך געהען ארויס פון ביזנעס. וואס ווייניגער, אלץ געזונטער...

## דער סטרייק אויף דיוויזשאן סט. מוז געוואונען ווערען!

(שלוס פון זייט 1.)

פון זייערע ברידער-מיטארבייטער פון דע״ אינטערנעשאנאל.

דיענסטאג אין דער פריה, דעם 7טען סעפטעמבער, האבען די קלאוקמאכער וואס ארבייטען אין דיוויזשאן סטריט סטארס פינקטליך אויסגעפיהרט דעם באשלוס פון זייער יוניאן און זיינען מיט שטאלץ און זעלבסטבאוואוסטזיין ארונטער אין סטרייק.

אלזא, צו די סיילסמענס פיקעטס אויף דיוויזשאן סטריט זיינען איצט צוגעקומען די קלאוקמאכער פיקעטס, און איבער די איינגעשפארטע סטאר-קיפערס פון דיוויזשאן סט. ווילען ניט דער טרייד פון דארטען זאל אין גאנצען פארטריבען ווערען וועלען זיי באלד מוזען סעטלען דעם סטרייק. די זעלבע „מציאות" וואס מען קריגט אויף דיוויזשאן סטריט קען מען אויך באקומען אויף גרענד סט. און עסעקס סט. און אין אנדערע סטארען, און קיינער וועט ניט וועלען געהן קויפען קלאוקס גראדע אין דיוויזשאן סט. אין דער צייט ווען דארט געהט אן א ביטערער קאמף פאר יושר און גערעכטיגקייט.

דער אמת איז, דאס די סיילסלייט אין יענע סטארס האבען איצט קיין גרויסע פאדערונגען ניט ארויסגעשטעלט. זיי האבען בלויז געוואלט באנייען דעם אגרימענט פון פאר א יאהרען, וואס זיי האבען דעמאלט אויך אויסגעקעמפט דורך א ביטערען קאמף. די סטאר-קיפערס זיינען אבער געווען ענטשלאסען צו ברעכען די יוניאן און האבען געמאכט א לאקאוט. זיי וועלען שוין איצט איינזעהן, אז צו ברעכען א יוניאן איז ניט אזוי לייכט ווי זיי האט זיך עס, אין זייער בלינדקייט, געקענט דוכטען.

אין קורצען, דער סטרייק אויף דיוויזשאן סטריט מוז און וועט געוואונען ווערען! דאס איז איצט דער געשריי פון דער סיילסמענס יוניאן, פון דער קלאוקמאכער יוניאן, פון אונזער אינטערנעשאנאל און פון דער גאנצער אידישער ארבייטער באוועגונג. די סטאר קיפערס וויסען שוין איצט וואס פאר א מעכטיגע קראפט זיי האבען געגען זיך און וואס גיכער זיי וועלען קומען צו זייער באזינונג און סעטלען דעם סטרייק, אלץ בעסער וועט זיין פאר זיי. מען קען האפען, אז עס וועט זיי ניט נעהמען צו לאנג דאס זיך איבערצולעגען. דער סטרייק ווערט איצט געפיהרט נאך מיט מעהר פרישקייט, אונטער דער אויפזיכט פון וויים-פרעזידענט ה. וואנדער מיט א קאמיטע פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

מיר קענען זיך ניט אפהאלטען פון אויסרופען: בראווא, קלאוקמאכער! דעם מאל ווי אלע מאל האט איהר ווידער געטאן אייער פליכט! איהר זייט נאך אלץ א כבוד און א שטאלץ פאר דער גאנצער אידישער ארבייטער באוועגונג!

## ער דאנקט פאר ברידערליכער הילף.

ווערטער רעדאקטאר:

ערלויבט מיר דורך דער „גערעכטיגקייט" צו באדאנקען די ארבייטער [illegible] דעם משערמאן און א קאמיטע פון לייטמאן'ס שאפ, 145 וועסט 28טע סט., [illegible] זייער ברידערליכער הילף, וואס זיי האבען מיר געליסטעט ווען איך בין [illegible] געווען.

מיט דאנק צו [illegible]

[illegible]

# מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקסמא־כער יוניאן

## ספּעציעלע קאמיטע בעריכט.

די קאמיטע, וועלכע איז בעשטימט געווארען אויפצונעהמען די פראגע פון לאקאל 3 און לאקאל 80, בעריכטעט דאס זיי האבען געהאט א קאנפערענץ מיט א קאמיטע פון דיזע לאקאלס, ווי בעריכטעט דאס עס זיינען דא 4000 ארבייטער אין דער ליידיעס טיילארס אינדוסטרי, 2400 פון דיזע ארבייטער זיינען גוטשטעהענדע מעמבערס אין דער יוניאן. זיי קאנטראלירען 270 ארגאניזירטע שעפּער וואו דיזע ארבייטער זיינען בעשעפטיגט מיט דער אויסנאהמע פון עטליכע הונדערט, וועלכע ארבייטען אין שעפּער וועלכע זיינען קאנטראלירט פון דזשאינט באארד.

עס זיינען דא צווישען די 2400 מעמבערס ארום 500 איטאליענער און די קאמיטע האט זיי אויפמערקזאם געמאכט, דאס דיזע איטאליענער מעמבערס וועלען מוזען איבערגעהן צו לאקאל 48, וועלכע האט א טשארטער פון דער אינטערנעשאנאל צו קאנטראלירען אלע איטאליענישע ארבייטער וועלכע בעלאנגען צו די לאקאלס פון דזשאינט באארד.

ווייטערע 270 שעפּער זיינען ווי פאלגט:

| | | |
|---|---|---|
| אונטער 15טע סט. | 49 | שעפּער |
| אין הארלעם און בראנקס | 49 | " |
| אין ברוקלין | 50 | " |
| פון 20טער סט. ביז 76טער סטריט | 106 | " |
| אויף דער וועסט סייד ביז 190 סטריט | 16 | " |
| סך הכל | 270 | " |

די קאמיטע איז דורכגעגאנגען אלע איינצעלהייטען מיט דער קאמיטע פון לאקאל 3 און 80 און האט זיי געגעבען צו פארשטעהן דאס מיט זייער אריינגעהן אין דזשאינט באארד, וועט די לעצטע קערפערשאפט אויפנעהמען די קאמפּלייניטס און דעם קאנטראלירען פון די שעפּער און נאך איינינע זאכען, אזוי ווי פאר די איבעריגע לאקאלס פון דזשאינט באארד.

די קאמיטע איז מיט דער מיינונג, דאס מיט דער אריינטריט פון לאקאל 80 אין דזשאינט באארד וועלען מיר האבען געוויסע שוועריגקייטען, זי גלויבט אבער, דאס עס וואלט ניט ריכטיג געווען פון דזשאינט באארד ניט אנצונעהמען לאקאל 80, ווייל דיזער לאקאל האט באשלאסען צוזאמען צובינדען זיך מיט לאקאל 3 נאך איידער דער קאנווענשאן און די קאנווענשאן האט זייער בעשלוס גוט געהייסען.

די פראגע ווערט לאנג דיסקוטירט און פיעלע דעלעגאטען זיינען מיט דער מיינונג דאס לאקאל 80 דארף אריינגענומען ווערען און דאס די עקזעקוטיווע דיסטריקט מענעדזשערס זאלען קאנטראלירען די שעפּער אין די דיסטריקטען וואו זיי געפינען זיך, מיט דער פארשטעהונג, דאס קיין נייע דעפּארטמענט זאל געמאכט ווערען פאר די ליידיעס טיילארס שעפּער.

דער בעריכט פון דער קאמיטע ווערט גוט געהייסען.

* * *

דער דזשאינט באארד נעהמט אויף די פראגע פון עטליכע טשערליטע וועלכע בעטען דאס מען זאל ערלויבען זייערע שעפּער צו ארבייטען די זונטאגס פאר ראש השנה און פאר יום כפור, ווייל זיי וועלען דארפען פארלירען צייט צוליעב די יום טובים.

עס ווערט בעשלאסען דאס קיין ערליבנים זאל ניט געגעבען ווערען צוליעב דעם, ווייל עס זיינען נאך פאראן א סך ארבייטער וואס זיינען ניט בעשעפטיגט.

די פינאנץ קאמיטע רעקאמענדירט, דאס $25.00 זאל געגעבען ווערען צו דער „ראשען רעפּעס קאמיטע". רעקאמענדאציע ווערט גוטגעהייסען.

דער דזשאינט באארד באשליסט צו שיקען א פּראטעסט רעזאלוציע צו דער אמעריקאן רעד קראס (דער רויטער קרייץ) דערפאר וואס זיי ווילען שיקען די רוסישע קינדער קיין פאריז, און דאס אנשטאט קיין פאריז זאלען זיי געשיקט ווערען קיין פעטראגראד, וואו זיי בעלאנגען.

דער סעקרעטער ווערט אינסטרואירט א שיקען דיזע טעלעגראמע.

## דזשענעראל מענעדזשער'ס בעריכט.

ברודער פיינבערג בעריכטעט, דאס פיעלע נייעס האט פאסירט זינט זיין לעצטען בעריכט צו די באארד אוו דירעקטארס. ער בעריכטעט וועגען דעם סטרייק פון די דיוויזשאן סטריט קלוירקס און [illegible]

א קאנפערענץ מיט זיי און וועט זיי דערקלעהרען דאס אויב זיי וועלען ניט קומען צו איין פארשטענדניס מיט זייערע קלוירקס, וועלען מיר זיין געצוואונגען ארויסצורופען אונזערע ארבייטער, וועלכע ארבייטען אין די סטארס, אום צו העלפען די פיילס קלוירקס געווינען זייער סטרייק.

דער בעריכט פון ברודער פיינבערג ווערט גוטגעהייסען.

ברודער פיינבערג בעריכטעט ווייטער, דאס ער האט אויפגערופען אלע אונזערע לאקאלס צו ערוועהלען דעלעגאטען צום קאנפערענץ ארראנזשירט פון דער א. פ. און ל. וועגען דער גרינדונג פון איין צענטראלער קערפערשאפט אין פלאץ פון די עטליכע, וועלכע עקזיסטירען יעצט, און דאס ער האט אויך בעשטימט א קאנפערענץ פון אונזערע דעלעגאטען כדי מיר זאלען קענען אויפנעהמען און אנאליזירען די פראגע בעפאר מיר קומען צו דער קאנפערענץ פון דער א. פ. און ל., אום מיר זאלען דארטען שטעהן פאראייניגט אין אונזערע מיינונגען און האבען א קלאהרען בעגריף וועגען וואס עס האנדעלט זיך דארטען. ברודער פיינבערג בעהויפּטעט, דאס די פראגע איז גאנץ וויכטיג פאר דעם דזשאינט באארד און דאס מען מוז איהר געבען פיעל אויפמערקזאמקייט.

## בעריכט פון באארד אוו דירעקטארס.

פראנק וואוירטה:—א קאמיטע פון די סטרייקערס פון דיזען שאפ ערקלעהרט דאס זיי סטרייקען צוליעב דעם וואס זייער פירמע צאהלט ניט דעם סקייל, און ווייל אויך ניט ארונטערשיקען אן ארבייטער וועלכען די יוניאן האט ענטשיידען ער זאל ארונטערגעשיקט ווערען. זיי פארלאנגען דאס בענעפיט זאל זיי געצאהלט ווערען, ווייל זיי האבען געהאט א לאנגען סלעק און זיי נויטיגען זיך זעהר אין דעם.

דער פארלאנג ווערט איבערגעגעבען צום אפיס.

ב. העלער:—א קאמיטע פון די סטרייקערס פון דיזען שאפ ערקלעהרט דאס זיי זיינען ארונטערגעשיקט געווארען ביי דער פירמע מיט עטליכע וואכען צוריק, און ווען זיי זיינען ארויפגעקומען אין שאפ, האט די פירמע ערקלעהרט דאס זיי געהען ארויס פון די ביזנעס און דאס זיי וועלען ווערען דזשאבבערס. זינט דאן מאכט די פירמע קיין ארבייט און די יוניאן האלט זיי אין סטרייק. כמעט אלע סטרייקערס האבען געפונען אנדערע פלעצער און ארבייטען. עס זיינען נאר געבליבען 5 ארבייטער, וועלכע סטרייקען און זיי פארלאנגען דאס אויב די יוניאן איז ענטשלאסען אנצופיהרען דעם סטרייק, זאל זי זעהן דאס זיי זאלען באווארנט ווערען, ווייל זיי וועלען מוזען פארלירען דעם גאנצען סיזאן.

דער באארד אוו דירעקטארס באשליסט דאס דער שאפ זאל אויפגעפאסט ווערען פון דער קאמיטע און דאס די, וועלכע זיינען איבערגעבליבען, זאלען גלייך קריגען בענעפיט.

נארוואלק בראס.—די ארבייטער פון דיזען שאפ סטרייקען צוליעב דעם, וואס זייער פירמע האט ארונטערגעשיקט א פינישער. זיי פארלאנגען דאס מעהר אויפמערקזאמקייט זאל געגעבען ווערען צו זייער סטרייק, ווייל דער רוב פון זייערע סטרייקערס זיינען עלטע מענשען און זיינען ניט בכוח צו פיקעטען און דאס גלייכען.

דער אפיס ווערט אינסטרואירט צו געבען אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט, ווי נאר מעגליך אויף דעם שאפ.

א קאמיטע פון די סטרייקענדע קלוירקס פון דיוויזשאן סטריט ערקלעהרט דאס זיי זיינען אין סטרייק פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען ניט ווייל זייער יוניאן האט ערקלערט א סטרייק, נאר ווייל זיי זיינען ארויסגעשלאסען געווארען פון זייערע בעלי בתים צוליעב דעם וואס זיי האבען זיי פארדעכטיגט, דאס זיי וועלען בעטען א העכערונג אויף זייערע ווידזשעס. די קאמיטע ערקלערט דאס זיי זיינען א טייל פון אונזער אינטערנעשאנאל און האבען א טשארטער, און פארלאנגען מאראלישע שטיצע פון דזשאינט באארד. זיי ערקלערען דאס עס ארבייטען פיעלע קלוירסמאכער ביי זייערע מאנופעקטשורערס און ווען זיי וואלטען אפּגעשטאפּט ווערען, וואלט זייער סטרייק געקומען צו אן ענדע און זיי וואלטען געוואונען זייערע פארדערונגען.

ברודער פיינבערג ערקלערט דאס אונזער אפיס מאכט יעצט די נויטיגע אונטערזוכונג וועגען דער פראגע, און ווען די אונטערזוכונג וועט פארטיג ווערען, וועלען מיר זיין איינשטאנד צו ענטפערען די דיוויזשאן סטריט סטרייקער אויף זייער פארלאנג.

## בעריכטען פון מענעדזשערס.

ברודער [illegible] בעריכטעט דאס [illegible]

ענדערונגען אין אפיס הויז די פּראבעל אין שאפ פון רזשיי ראזענבערג, וואו צוויי פינישערס זיינען ארויסגעווארפען געווארען פאר 22 דאלאר א וואך, ווען דער טשאפּלייט איז אונטערזוכט געווארען האט די פירמע ערקלערט דאס די פינישערס זיינען לערנער און האבען איינגעשטימט צו נעהמען דעם פרייז. נאך א פינישער איז ארויסגענומען געווארען פאר 35 דאלאר א וואך און קריגט די זעלבע געצאהלט אויף יעצט.

פון סקירט דעפּארטמענט ווערען באריכטעט די פאלגענדע שעפּער אין סטרייק: ה. שטיין, לוסיל דרעס קא., אונגאר דרעס קא. און ה. גורמאן.

דער סטרייק פון גרונאער איז געסעטעלט געווארען. א ספּעציעלער אגרימענט איז געמאכט געווארען מיט דער פירמע דאס זיי וועלען ניט קויפען און ניט ארויסשיקען קיין ארבייט אין אנדערע פלעצער ביז די ארבייטער אין זייער שאפ וועלען האבען גענוג ארבייט.

הערמאן און הענדלער: דער אפיס האט אויסגעפונען דאס די פירמע שיקט ארויס ארבייט אין צייט ווען די ארבייטער פון שאפ ווערען אפּגעלעגט צוליעב דעם וואס עס איז ניטא וואס צו טאן. דער שאפ איז ארונטערגערופען געווארען אין סטרייק, און די פירמע האט איינגעשטימט ניט ארויסצושיקען קיין ארבייט און האט אויך איינגעצאהלט 500 דאלאר אלס סעקיוריטי.

קוירשענבאום און סלאטקין: די פינישערס און פרעסערס זיינען פארדעכטיגט געווארען אז זיי ארבייטען פון שטיק. דער אפיס האט עס אבער ניט געקענט איבערצייגען. דער אפיס האט געקראגען 100 דאלאר סעקיוריטי דאס אין פאל דער פארדאכט איז אמת, זאל די פירמע פארלירען די סעקיוריטי, און די פרעסערס און די פינישערס וועלען גערופען ווערען צו דער גריוואנס קאמיטע.

געסערמאן דרעס קא.: דער אפיס האט געקראגען א העכערונג פאר די ארבייטער פון 5 דאלאר.

## דזשענעראל מענעדזשער'ס בעריכט

ברודער פיינבערג בעריכטעט וועגען דער אלגעמיינער לאגע אין דער אינדוסטריע. ער בעהויפּטעט דאס אין די אמעריקאן און פּראטעקטיוו שעפּער געהט אלעס אין רעגעלמעסיג און קיין טראבעל ווערט ניט ערווארטעט. דער סטרייק ביי די קילער דרעס קא., א פּראטעקטיוו שאפ, געהט נאך אלץ אן.

ברודער קאפלאוויץ נעמט אויף די פראגע וועגען די 50,000 דאלאר, וועלכע די דזשאינט באארד האט באשטימט צו געבען די פאריערס יוניאן. ער ערקלערט דאס בעפאר ער איז אוועק געפאהרען פאר זיין וואקיישאן האט ער איבערגעלאזען א טשעק פאר 10,000 דאלאר און נאך צעהן טויזענד דאלאר האט זיי דער אפיס געגעבען אין דער צייט ווען ער איז ניט געווען. די פאריערס יוניאן ווענדעט זיך צו איהם פאר דעם באלאנס ווייל זיי נויטיגען זיך זעהר אין דעם יעצט. ער פארלאנגט צו וויסען וואס עס קען יעצט געטאן ווערען אין דעם הינזיכט אום זיי די געלט צו באצאהלען.

דער באארד אוו דירעקטארס באשטימט דאס די געלט זאל אויסגעצאהלט ווערען אזוי גיך ווי נאר מעגליך.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעק.

# די סאציאליסטישע אסעמבלי־לייט מוזען ערוועהלט ווערען!

(שלוס פון זייט 1.)

זאלען די מיטגלידער פון אונזערע יוניאנס זיך אפּרופען אלס וואלונטירען. זאלען זיי קומען זיין די וואטשערס, אז די שטימען זאלען ריכטיג געצעהלט ווערען. וואס מעהר אזעלכע וואלונטירען עס וועלען זיך אפּרופען, אלץ זיכערער וועט עס זיין, אז די סאציאליסטישע אסעמבלימען וועלען ווידער זיצען אין דער אסעמבלי, אויף צופוקעניש סוויט'ן, לאסק'ן און די גאנצע כאפטע זייערע.

868 נייע סאציאליסטישע רעגיסטרירטע אין די 6 אסעמבלי דיסטריקטען, און קיין איינציגער נייער רעפּובליקאנער אדער דעמאקראטישער רעגיסטראנט — איז דאס אין דער רעזולטאט פון דעם טיכטיגען קעמפּיין פאר רעדזשיסטריישאן, וואס די סאציאליסטען האבען אנגעפיהרט אין די זעקס אסעמבלי דיסטריקטען. אזוי האט ערקלעהרט מר. רזשאהן וואורהיס, פּרעזידענט פון דער באארד אוו עלעקשאנס, נאכדעם ווי די רעגיסטראנטען אין אלע 6 דיסטריקטען זיינען איבערגעצעהלט געווארען.

ווי באקאנט האבען זיך פאר די ספּעציעלע וואהלען אין סעפּטעמבער געדארפט רעגיסטרירען בלויז נייע בירגער. דאס הייסט, אזעלכע, וואס זיינען ערשט פּול־עהריג און צום ערשטען מאל געקראגען דאס רעכט צו שטימען, און אזעלכע, וואס האבען ארויסגענומען זייערע צווייטע סיטיזען־פּייפּערס. אט אזעלכע נייע בירגער האבען זיך רעגיסטרירט 863, און דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואס קיין איינציגער פון זיי האט זיך ניט אנגעגעבען פאר א דעמאקראט אדער רעפּובליקאנער, נאר אלע וועלען זיי שטימען דעם סאציאליסטישען טיקעט. די קאפּיטאליסטישע צייטונגען גיבען איצט אפּען צו, אז די סאציאליסטען וועלען זיכער ערוועהלען זייערע קאנדידאטען אפילו אין יענע דיסטריקטען, וואו די רעגעקציאנערע פּארטייען האבען זיך פאראייניגט געגען די סאציאליסטען.

די קאפּיטאליסטישע פּאליטישענס קענען איצט דעם פּנים ניט ווייזען פאר שאנדע, און זיי ערקלעהרען, אז די סאציאליסטען האבען „קאלאניזירט" די רעדזשיסטריישאן, ד. ה. זיי האבען צוזאממענגעבראכט פון אנדערע דיסטריקטען בירגער און זיי באזעצט אין די וואהל־דיסטריקטען. מר. וואורהיס האט ערקלעהרט, אז ער וועט דינסטאג איבערגעבען די גאנצע ליסטע פון רעגיסטראנטען צו דער פּאליציי, וועלכע וועט אונטערזוכען יעדען פאל באזונדער.

## נאך 15,000 דאלאר נויטיג פאר דעם קעמפּיין פאנד.

די ערשטע 15,000 דאלאר פון דעם 30,000 דאלארדיגען סאציאליסטישען קעמפּיין פאנד זיינען שוין אריינגעקומען, אבער די אנדערע 15 טויזענד מוזען ווערען געשאפען אין פארלויף פון די נעקסטע איינינע טעג, אויב די סאציאליסטען ווילען אז זייער זיעג דעם 16טען סעפּטעמבער זאל זיין געזיכערט. ביי דעם גרויסען יקרות, וואס הערשט היינט, זיינען די קעמפּיין־אויסגאבען נאטירליך גרעסער ווי געוועהנליך. דרוק־ארבייט און ליטעראטור קאסטען באזונדערס טייער, און אויב די געלד וועט ניט קומען אין צייט וועט די קעמפּיין־ארבייט שטארק ליידען.

אויך וועט עס מעגליך נויטיג זיין אין די בראנקס אנצושטעלען עטליכע נעדונגענע קענוועסערס צו באארבייטען דעם בראנקסער דיסטריקט. ניט קוקענדיג אויף אלע אפּיעלס, האבען זעהר ווייניג סאציאליסטען פון די בראנקס וואלונטירט פאר דער ארבייט. די אורזאכע ווערט ערקלעהרט איז דאס וואס פיעלע האבען זיך נאך ניט צוריקגעקעהרט פון די קאנטרי. אבער אנצושטעלען איינינע קענוועסערס וועט פאדערען געלד, וואס מוז געשאפען ווערען וואס שנעלער. מרס. מאלקיעל, וועלכע איז די פיהרערין פון דעם „דרייוו" פאר'ן קעמפּיין־פאנד, ארבייט איצט אויס פלענער צוזאמען מיט דער סטייט קאמיטע ווי אזוי צו ארגאניזירען די זאמלונגען פאר'ן פאנד.

## דער סטרייק פון די פאר קעפּ ארבייטער געסעטעלט

די פאר קעפּ טיקערס, וועלכע זיינען געווען אין סטרייק צוזאמען מיט אלע אנדערע פאר־ארבייטער, זיינען שוין זיגרייך ביי דער ארבייט. לעצטען מיטוואך האבען די פאר קעפּ באסעס נאכגעגעבען אלע פארדערונגען פון דער יוניאן און געסעטעלט. מיט דעם איז א טייל פון דעם גרויסען פאריער סטרייק שוין פאלשטענדיג ארויס זיעגרייך.

די ארבייטער האבען געוואונען א 40 שטונדיגע ארבייטס־וואך איינגעטיילט אין 5 טעג; גלייכע צוטיילונג פון ארבייט; קיינע רעדוקשאנס פון ווידזשעס און פולע אנערקענונג פון דער יוניאן מיט'ן יוניאן לייבעל. דער סטרייק אין דיזען ברענטש פון דער פאר אינדוסטריע האט געדויערט 3 מאנאטען, ווייל זיי זיינען ארויס סטרייקען שפּעטער פ'ון די אנדערע פאריער.

ווי עס ווערט באהויפּטעט, וועט דער סעטעלמענט פון דעם סטרייק האבען א ווירקונג אויף דעם פאריער־סטרייק און אויך דער סטרייק וועט געסעטעלט ווערען.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Secy-Treas. — S. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.50 per year.
Vol. II. No. 37. New York, Friday, Sept. 10, 1920.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

# וואס הערט זיך ביי די ליידיס טיילארס פון באסטאן?

## פארהאנדלונגען געהען אן וועגען א נייעם אגרימענט מיט די בעלי בתים.

פון אב. סניידער.

דער אגרימענט, וואס האט עקזיס־טירט צווישען דער באסטאנער ליידיס טיילארס יוניאן לאקאל 36 און די בא־לעבאטים האט זיך געענדיגט לעצטען דזשולי. א נייער אגרימענט האט בא־דארפט אויסגעארבייט ווערען. נאר אזוי ווי עס איז נאך געווען ווייט פון סעזאן זיינען נאך די שעפער געווען פארמאכט און די ליידיס טיילארס, די מעמבערס פון דער יוניאן, זיינען געווען ערגעץ צו־זעעט און צושפרייט און עס איז אונ־מעגליך געווען דורכצורעדען זיך מיט זיי וועגען א נייעם אגרימענט, וואס זאל פאר די באלעבאטים פארגעלעגט ווערען.

אזוי ווי אבער ווי דער מאנאט אווי־גוסט איז געקומען, ווען די שעפער האר־בען זיך עפענען, האבען זיך די מעמבערס פון דער יוניאן אנגעהויבען באוויזען. זייט דאן זיינען שוין איינינע מאס־מי־טינגען און אויך איינינע עקזעקוטיוו מי־טינגען אפגעהאלטען געווארען. א נייער אגרימענט איז פארבארייטעט געווארען און איז שוין איצט פארטיג פארגעלעגט צו ווערען פאר די באלעבאטים. דיעזער נייער אגרימענט ענטהאלט איינינע אויס־בעסערונגען, וועלכע זיינען הויכאוים נוי־טיג און וואס די ארבייטער געבען א מעג־ליכקייט צו מאכען א בעסערען לעבען. די נייע פארדערונגען זיינען:

1 א מינימום־סקייל פון 50 דאָ־לאר א וואך פאר שניידער, 40 דאלאר א וואך פאר מענער העלפערס, 35 דאלאר א וואך פאר פרויען העלפערס, 45 דאָ־לאר פאר אלטערייששאן שניידער.

2. קיין פארמאן אדער קאטער זאל ניט טארען ארבייטען אלס שניידער.

3. די אפשאפונג פון אווערטיים־ארבייט שבת נאך 12 אוהר, און נאך איינינע באדינגונגען, וועלכע זיינען פאר די באסטאנער ליידיס טיילארס גאנץ וויכטיג.

עס איז ארויסגעשיקט געווא־רען א בריעף צו דער אסאסיאיישאן, אין וועלכען די בעלי בתים ווערען איינגעלא־דען צו א קאנפערענץ זיך דורכצורעדען איבער די אלע פראגען, וואס ווערען אין אגרימענט פארגעלעגט. דער בריעף גיט דער אסס'ן צייט ביז דעם 7טען סעפ־טעמבער צו ענטפערען.

ווען דיעזעס ווערט געשריבען, איז שוין דער ענטפער פון דער אסאסיאיי־שאן געקומען און א קאנפערענץ איז אראנזשירט געווארען אויף דיענסטאג, דעם 7טען סעפטעמבער. דער ענטפער באווייזט, אז די אסס'ן פון די ליידיס טיילארס פארשטעהט די וויכטיגקייט פון ציזאמענקומען זיך און אויסארבייטען א נייעם אגרימענט.

אין דער זעלבער צייט, וואס מיר האָ־בען ארויסגעשיקט דעם בריעף צו דער אסאסיאיישאן, האבען מיר אויך ארויס־געשיקט א בריעף צו די אינדעפענדענט באלעבאטים, און אויך זיי, די אינדעפענ־דענטס, איז געגעבען געווארען די זעלבע צייט אויף צו ענטפערען. ביי דיעזען מאמענט האבען זיך שוין איינינע פון זיי געמעלדעט פאר א סעטעלמענט.

דערווייל איז אין אונזער אפיס גאנץ לעבעדיג. די קאמיטע פון לאקאל 36 איז ביזי מאכענדיג די נויטיגע פארבריטונ־גען פאר דער קאנפערענץ און אויף ווערט אלעס געטאן צוזאמענצוברענגען וואס מעהר ליידיס טיילארס צו די מיטינגען. מען האלט ווי אין צוגרייטען פאר האנדלונג אין פאל די קאנפערענצען זאָ־לען אונז ניט צופרידענשטעלען. און דער גאנצער ליידיס טיילארס לאקאל קוקט אויס פאר א מאביליזאציע. חוץ די

ווערכענטליכע מיטינגען און עקזעקוטיווע מיטינגען ווערען אויך אפגעהאלטען שאפ מיטינגען פון די שעפער, אין וועלכע די ארבייטער זיינען שוין צוריקגעקומען און ארבייטען דערווייל ביז די יוניאן וועט זיי אנדערע ארדערס געבען.

די דזשאינט באארד פון די קלאוק־מאכער לאקאלס איז נאטירליך שטארק פאראינטערעסירט אין דעם פראגרעס פון לאקאל 36 און העלפט ארויס מיט אלעס וואס נאר מעגליך, געבענדיג די ליידיס טיילארס דעם אפיס און אלעס וואס איז נויטיג צום אפיס, ווייל די ליידיס טיי־לארס אליין האבען אין דער לעצטער צייט קיין אייגענע אפיס ניט געהאט. קיין דאנק קומט זיי נאטירליך ניט דערפאר. עס ווערט בלויז דא דערמאנט צו ווייזען אויף ווי ווייט איין לאקאל פיהלט זיך דא פארפליכטעט צום צווייטען.

לאמיר שוין דא אויך אנמערקען, אז מיר האבען דא אין באסטאן א פאר בא־לעבאטים, וועמען עס איז ניט אזוי לייכט צו גאווענען, אז זיי זאלען אונטערשריי־בען אן אגרימענט מיט דער יוניאן. מיר האבען א ברענטש פון היקסאן און א ברענטש פון ל. פ. האלענדער. ביידע דיעזע באלעבאטים זיינען גוט באקאנט די ניו יארקער ליידיס טיילארס. זיי זיינען די גרעסטע פירמען דא אין באס־טאן און באשעפטיגען א סך ארבייטער. זיי זיינען ניט קיין מעמבערס אין דער באלעבאטים אסאסיאיישאן. מיט דער פיר־מע היקסאן האט שוין די יוניאן לעצטען יאהר געהאט אן אפמאך און מיר ער־ווארטען ניט קיין צו גרויסע שוועריגקיי־טען מיט דער פירמע, ווען עס וועט קו־מען צום באנייען דעם אגרימענט.

מיט ל. פ. האלענדער אבער איז עס גאנץ אנדערש, ווייל מיט דיעזער פירמע האט נאך די יוניאן ביז איצט קיין שום פארבינדונגען ניט געהאט. ווען די יוני־יאן האט לעצטען יאהר געפרואווט קומען צו א פארשטענדניש מיט דיעזער פירמע, האט זיך דאס דער יוניאן ניט איינגע־געבען. א סטרייק איז דאן ערקלעהרט געווארען, וועלכער האלט נאך יעצט אויף אן. מיר מעגען אבער ערווארטען, אז דיעזען מאל וועט עס דער יוניאן געלינ־גען צו קומען צו א פארשטענדניש מיט דער פירמע. די אורזאכע ווארום מיר גלויבען אזוי איז איינפאך די, וואס מיר ווייסען, אז ל. פ. האלענדער האט געהאט זעהר ווייניג נחת פון דעם ער־קלעהרטען סטרייק און מיר צווייפלען שטארק, אויב דער פירמע וועט זיך גלוס־טען יעצט איבער א נייעם אנצופאנגען א קאמף מיט דער יוניאן' ווייל אויב די יוניאן איז ביים לעצטען סטרייק גע־ווען שוואך און ווייניג געניט אין פיהרען סטרייקס, איז זי אבער יעצט אויסגע־וואקסען און פארשטעהט מעהר די מע־טאדען, וואס דארפען אנגעווענדעט ווע־רען אום א סטרייק צו געווינען. חוץ דעם ווערען געמאכט אראנזשמענטס מיט לאקאל 8 פון ניו יארק, אז א קאמף זאל געגען דער פירמע אנגעפיהרט ווערען אין איין און דער זעלבער צייט אויך אין ניו יארק, און אויף אזא אופן גלויבען מיר, אז עס וועט אונז געלינגען צו געווינען דעם קאמף מיט דער פירמע ל. פ. האָ־לענדער.

צום שלוס א ווארט צו די ליידיס טיילארס גופא.

עס איז ווינשענסווערט, אז די גאנ־צע מעמבערשיפ זאל ניט איבערלאזען די ארבייט פון דער יוניאן בלויז אויף די הענד פון די אקטיווע מעמבערס. זאלען אלע קומען צו די מיטינגען און נעהמען אן אנטייל אין דער יוניאן־טעטיגקייט. די יוניאן טוט דאס בעסטע צו פארבע־סערען די לאגע פון די ארבייטער, אבער די ארבייטער דארפען מעהר טעטיג ווע־רען פאר זייער אייגענעם בעסטען.

זאל דער וואהלשטאנד זיין אויפגעוואָ־כען פון דעם פארשלאפענעם טייל פון די באסטאנער ליידיס טיילארס.

אב. סניידער.

באסטאן, 6טען סעפטעמבער.

---

סערס.

דזשענעראל מעמבער שאפ מיטינג יעדען מאנטאג.

א גלייכע טייל פארטרעטערס צו דער עקז. און דזשאינט באארד.

פראטעסטען צו קריגען א ד...

קיינע אסעסמענטס צו ד...

באארד.

און נאך פארערונגען, ...

פון וועלכע איז געווען אויך ...

שטימען.

פריינד בראדסקי איז אויך געווען דעלעגאט ווען די פראטעסטס. פון לאקאל 100 האבען נאך א קאנפערענץ וואס האט אנ־געהאלטען 4 שטונדען, זיך אנטזאגט צו טראנספערירען ביז די אלע איבערגענויס־גערעכענטע פארערונגען וועלען ניט נאר ראטיפירט ווערען. און אזוי איז דאס ביז היינט צו טאג.

דאס צייגט קלאהר, אז פריינד בראד־סקי איז ווייט פון דעם וואס מען רופט אמת, וועלכעס ער זאגט אזוי גערן פון א צייטונג.

דזשייקאב [illegible],

רעק. סעק. פון לאק. 18.

# די פראפעטישע בילדער

(ערצעהלונג)

פון נעטהענניעל האטהארן

א מערקווירדיגער מענש, אט דער מאהלער! — האט לעבעדיג ארויסגעשריען וואלטער לודלאוו. — ניט נאר איז ער אונאיבערטרעפליך אין זיין מערקווירדי־גער קונסט, נאר ער בעווייזט אויך א סך בילדונג און איז א בקיא אין וויסענשאפט. ער רעדט העברעאיש מיט דר. מאטהער, און גיט לעקציעס דר. באילסטאנ'ען אין אנאטאמיע. אין קורצען, ער קען זיך פארמעסטען מיט דעם געבילדעטסטען מענש אין יענעמס אייגענעם געביט. דער־צו איז ער א פאלקאמענער דזשענטעלמען — א וועלט־בירגער — יא, אן אמת'ער קאסמאפאליט; ווארים ער קען רעדען ווי א געבירטיגער פון יעדער געגענד און לאנד פון דער וועלט, חוץ אונזערע אייגע־נע וועלדער, וואוהין ער קלייבט זיך איצט. און דאס איז נאך אלץ ניט דער עיקר, פארוואס איך באוואונדער איהם אזוי.

— ווירקליך! — האט געזאגט עלע־נאר, וועלכע האט זיך צוגעהערט מיט פרויען־נייגעריגקייט צו דער שילדערונג פון אזא מאן. — דאס אליין איז דאך שוין גענוג וואונדערבאר.

— געוויס! — האט איהר געליבטער געענטפערט. — דאך איז עס אלץ נאך ניט אזוי וואונדערבאר, ווי זיין נאטיר־ליכע פעהיגקייט זיך צוצופאסען צו די פארשיעדענע כאראקטערע אויף אזוי וויים, דאס אלע מענער — און אויך אלע פרויען — זאלען קענען געפינען אן אפשפיגלונג פון זיך זעלבסט אין איהם, דעם וואונדערבארען מאהלער. דאך דער גרעסטער וואונדער קומט נאך ערשט!

— איך ווייס שוין ניט! אויב ער האט נאך מעהר וואונדערבארע אייגענ־שאפטען ווי די, — האט עלענאר געזאגט לאכענדיג, — דאן איז באסטאן א גע־פעהרליכער ארט פאר איהם. דער־צעהלסטו מיר וועגען א מאהלער אדער א מכשף?*)

— אט די פראגע מעג מען פיעל ערנ־סטער שטעלען, ווי דו שטעלסט זיך פאר, — האט ער געענטפערט. — מען זאגט, אז ער קען מאהלען ניט נאר א מענשען'ס געזיכטס־ציגע, נאר אויך זיין געדאנק און זיין הארץ. ער כאפט אויף די פארבאר־גענע געפיהלען און ליידענשאפטען און ווארפט זיי ארויף אויפ'ן לייוואנט, ווי זו־נען־שטראהלען — אדער, אין דעם פאל פון מענשען מיט טונקעלע נשמות, ווי דער שיין פון גיהנום־פייער. עס איז א שרעקליכע פעהיגקייט, — האט וואל־טער צוגעלעגט, און זיין שטימע איז ארויפגעפאלען פון איהר ענטוזיאסטישען טאן. — איך וואלט מורא געהאט צו פאָ־זירען פאר איהם.

— וואלטער, מיינסטו דאס ערנסט?

— האט עלענאר ארויסגעשריען.

— ווי גאט איז דיר ליעב, טהייער־סטע עלענאר. לאז איהם ניט מאהלען דעם אויסדרוק, וואס ליגט יעצט אויף דיין פנים, — האט דער געליבטער גע־זאגט מיט א שמייכעל, דאך אין פארלע־גענהייט. — אט פארשווינדט עס איצט, אבער, ווען דו האסט פריהער גערעדט, האסטו אויסגעקוקט דערשראקען אויף טויט און זעהר טרויעריג דערצו. וועגען וואס האסטו געטראכט?

— גארנישט, גארנישט, — האט עלע־נאר שנעל געענטפערט. — דו מאהלסט מיין געזיכט מיט דיין אייגענער פאנ־טאזיע. קום נאך מיר מארגען, וועלען מיר צוזאמען באזוכען דעם דאזיגען וואונדערבארען קינסטלער.

מען קען אבער ניט אפלייקענען, אז נאכדעם ווי דער יונגער מאן איז אוועק־געגאנגען, האט זיך ווידער א מערקוויר־דיגער אויסדרוק באוויזען אויף דעם שעהנעם, יונגען פנים פון זיין געליעב־טער. עס איז געווען א קוק פול מיט טרויער און מורא, נאר ניט אין איינ־קלאנג מיט די געפיהלען, וואס א מיידעל דארף האבען ערב איהר חתונה. און וואלטער לודלאוו איז אבער געווען איהר אויסדערוועהלטער־געליעבטער.

— וואס א קוק איז! — האט עלענאר געזאגט צו זיך אליין. — עס איז נאך קיין וואונדער ניט, וואס ער האט זיך אזוי דערשראקען, אויב עס האט...נאר אויסגעדריקט וואס איך פיהל אמאל. פון מיין אייגענער ערפאהרונג ווייס איך ווי שרעקליך א קוק קען זיין. אבער עס איז אלץ געווען ניט מעהר ווי א פארשטע־לונג. איך האב בעת מעשה גאר ניט גע־טראכט וועגען דעם — איך האב עס ווייס האן ניט געזעהן — עס האט זיך מיר נאר געחלומ'ט.

און זי האט זיך אנגענומען צו דער אר־ביים ארויסצוהעפטען א ראמעל, אין וועל־כען זי האט געוואלט איהר פארטרעט זאל געמאלט ווערען.

דער מאהלער, וועגען וועלכען זיי האבען גערעדט, איז ניט געווען איינער פון יענע היימישע קינסטלער, וועלכע האבען אנטליהען זייערע פארבען פון די אינדיאנער און געמאכט זייערע פינזלען פון די האר פון ווילדע חיות. ווען ער וואלט געקענט אנזאגען זיין לעבען פון דאסניי און איבערמאכען זיין שיקזאל, וואלט ער פיליכט אויסגעקליבען צו בא־לאנגען צו אט דער שולע, וואס האט ניט קיין מייסטער, אין דער האפנונג וועניג־סטענס צו זיין אריגינעל, ווארים עס וואָל־טען פאר איהם ניט געווען קיינע קונסט־ווערק נאכצואהמען און קיינע רעגלען אויסצופאלגען. ער איז אבער געבארען געווארען אין אייראפא. מען פלעגט זא־גען, אז ער האט שטודירט די גראנדיאָזי־טעט פון שאפען אויף יעדען ווערק, וואס האט געוויזען די באריהרונג פון א קינ־סטלער־האנד, אויף אלע באריהמטעסטע בילדער, אין די קאבינעטען און גאלע־רעען און אויף די ווענד פון קירכען, ביז עס איז פאר זיין גרויסען קאפ מעהר גאר ניט געבליבען וואס צו לערנען. די קונסט האט שוין מעהר גאר ניט געקענט צוזאָ־געבען צו איהרע לעקציעס, אבער די נאטור האט ער זיך געטראכט, קען עס מסתמא יא.

און דערפאר איז ער געקומען באַ־זוכען א וועלט, וואס קיינער פון זיינע פראפעסיאנעלע ברידער האט פאר איהם ניט באזוכט, צו זעהען זיינע אויגען מיט געזיכטער, וואס זיינען נאבעל און פארבענרייך און זיינען נאך קיינמאל ניט אריבערגעטראגען געווארען אויף לייי־ווענט. אמעריקא איז געווען צו ארים צו קענען אנבאטען אנדערע נסיונות פאר א באריהמטען קינסטלער, כאטש גלייך ווי דער מאהלער איז אנגעקומען האבען פיעלע חשוב'ע לייט פון די קאלאניעס אויסגעדריקט זייער וואונש איבערצוגע־בען זייערע געזיכטס־ציגע צו די צוקונ־פטיגע דורות דורך זיין קונסט. יעדעס מאל, ווען אזעלכע פארשלאגע זיינען גע־מאכט געווארען, פלעגט ער אנשטעלען זיינע דורכדרינגענדע אויגען אויף דעם אפליקאנט און איהם דורכקוקען דורך און דורך. ווען ער פלעגט נאר דערזעהן א כיטרען און צופריעדענעם פנים, כאטש עס איז געווען א ראק מיט גאלדענע טרעס־מעס צו באפוצען דאס בילד און גאלדענע מטבעות צו באצאהלען פאר איהם, פלעגט ער זיך העפליך אפזאגען פון דער ארביים און פון דער באלוינונג. אויב אבער דער פנים האט מיט זיך פארגע־שטעלט עטוואס אונגעוועהנליכעס, אין געדאנק, געפיהל אדער ערפאהרונג; אדער ווען ער האט געטראפען א בעטלער אין גאס מיט א ווייסער בארד און א צוקניי־שטען שטערען; אדער ווען א קינד פלעגט ארויפקוקען צו איהם און שמייכ־לען, פלעגט ער אויף זיי פארשווענדען זיין גאנצע קונסט, וואס ער האט ענט־זאגט צו רייכטהום.

אזוי ווי די קונסט פון בילדער־מאה־לעריי איז דאן געווען א גרויסע זעלטענ־הייט אין די קאלאניעס, איז דער מאה־לער גלייך געווארען א געגענשטאנד פון אלגעמיינער קוריאזיטעט. אויב וועניגע אדער קיינער האט ניט געקענט אפשע־צען די טעכנישע מעלות פון זיינע שאַ־פונגען, זיינען אבער געווען פונקטען, ווע־גען וועלכע די מיינונג פון דער מאסע איז געווען ניט ווייניגער ווערטפול ווי די אינטעליגענטע אפשאצונג פון דעם מבין. ער פלעגט זיך צוקוקען צום איינ־דרוק, וואס יעדעס בילד פלעגט מאכען אויף די אומשולדיגע צושויער און פלעגט פיעל לערנען פון זייערע באמערקונגען, כאטש זיי האבען אפילו ניט געחלומ'ט אז ער זאל פון זיי עפעס קענען לערנען; זיין קונסט איז געווען אזוי נאטור־טריי, אז זי איז זיי פארגעקומען ווי א מין קאנקורענץ צו דער נאטור גופא. זייער באוואונדערונג פון אט די קונסט־ווערק מוז מען צוגעבען, איז געווען געמיש מיט די פארורטיילען פון דער צייט און דעם לאנד. פיעלע האבען דאס גע־רעכענט פאר א פארברעכען געגען תורת משה, און אפילו א חוצפה'דיגע אפשפעט־טונג פון דעם בורא אליין, צו שאפען אזעלכע לעבעדיגע פסלים פון זיינע בא־שאפענישען. אנדערע, ערשרעקענדיג זיך פאר דער קונסט וואס קען ארויסרופען געשפענסטער און דערהאלטען דאס גע־שטאלט פון די טויטע צווישען די לעבע־דיגע, זיינען געווען געניינט צו באטראכ־טען דעם מאהלער פאר א כשוף־מאכער, אדער פיליכט פאר א גלגול פון דעם בע־ריהמטען שווארצען מאן' פון די אלטע כשוף־מאכער צייטען.

(פארזעצונג פאלגט)

---

*) אין די קאלאניעלע צייטען פלעגט מען זעהר שטרענג פארפאלגען כשוף־מאכער אין ניו ענגלאנד, טויזענטע מענשען זיינען דאר־טען אומגעבראכט געווארען — איבערזעצער.

# אלערליי פון שיקאגא

פון ב. סקולמאן.

**א וועה-געשריי וועגען שלעכטען קלאוק סיזאן.**

צו זאגען אז מיר האבען דיזען יאהר א שלעכטען סיזאן, וואלט ניט קלאהר געמאכט די אמת'ע סיטואציע אין קלאוק־טרייד אין שיקאגא. דער אמת איז, אז מיר האבען גאר קיין סיזאן ניט געהאט, לחלוטין ניט. און עס פארשטעהט זיך, אז ווען קיין ארבייט איז ניטא, ראן לאזט זיך דאס שטארק פיהלען אויף יעדער געביט פון טעטיגקייט אין אונזער ארגאניזאציאן. אזוי ארום פארקויפט זיך כמעט גאר ניט קיין בילדינג באנדס, וועלכע מיר האבען ארויסגעלאזען צו 80 דאלאר א שטיק, בכדי צו קענען אויפבויען אונזער געפלאנטע חיים. עס נעהמט זיך אויך ביי קייגעם ניט די הענד צו מאן אירגענד וועלכע ארגאניזאציאנס ארבייט, פון וואס עס ליידעט הויפטזעכליך דער דרעס און סקירט דעפארטמענט פון אונזער יוניאן, שוין ניט ריידענדיג פון דעם, וואס די באסעס נוצען אויס די געלעגענהייט אויסצוטייטשען אליץ מעהר און מעהר, אז שולדיג אין דעם אלעס איז די וואך ארבייט, און אז ווען מיר וואלטען געהאט די פריהערדיגע סיסטעם פון שטיק ארבייט, וואלט צו די אלע צרות ניט געקומען. און ווי לעכערליך אט דיזע באשולדיגונג נעגען וואך ארבייט זאל ניט זיין, איז דאס אבער די נאטור פון מענשען, וועמען עס איז ניט גוט אויס'ן הארצען, צו גלויבען אין אירגענד וועלכע נארישקייטען, און צופיעל געזוכט קומט דער יוניאן פון אזא מין לאגע ניט צו.

וואס עס איז באמת שולדיג אין דעם וואס מיר האבען קיין ארבייט ניט, דאס נעהמען מיר זיך ניט אונטער צו ערקלעהרען. דער פאקט איז, אז אפילו אונזערע מאנופעקטשורערס, די זאגענאנטע „קאפיטאנען פון אונזער אינדוסטרי", שטעהען אויך מיט אפענע מיילער און הויבען ניט אן צו וויסען אויף וואס פאר א וועלט זיי זיינען, זיי, וועלכע וואלטען געדארפט זיין מחויב צו וויסען, זיינען אין דיזען היגזיכט פונקט אזוי הילפלאז ווי מיר. נאר עס לייגט זיך אויפ'ן שכל, דאס מען קען ניט ערווארטען, אז דער גרויסער עולם זאל קויפען קליידער, ווען די פרייזען זיינען אזוי אונגעהייער הויך. ניט אלע קענען אפארדען צו קויפען אזוי פיעל קליידער ביי די יעצטיגע אויסערגעוועהנליכע הויכע פרייזען אויף אלע נויטוועגדיגקייטען, ווי זיי וואלטען דאס געמאן אונטער נארמאלע אומשטענדען.

די אונגערעכטיגקייט ליגט בלויז אין דעם, דאס דער מאנופעקטשורער קריגט ארויס זיין פראפיט פון די עטליכע גארמענטס וואס ער פארקויפט, און אונזערע מענשען קריגען ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי פאר די 2 אדער 3 טעג וואס זיי ארבייטען. און מיר וואלטען געווען אויף צרות, און וואהרשיינליך נאך אויף גרעסערע צרות, ווען מיר וואלטען יעצט געארבייט פון שטיק אנשטאט פון וואך.

וויפיעל ארבייטער עס געהען ארום אין גאנצען אהן ארבייט, וויפיעל בעלמלאכות טיילווייז, דאס קענען מיר, נאטירליך, ניט וויסען. וואלטען מיר געהאט א לייבאר ביורא, וואלטען מיר ניט נאר געקענט העלפען אז די ארבייט איבער'ן שטאדט זאל אויף א מעהר יושר'דיגען אופן צוטיילט ווערען גלייך, נאר מיר וואלטען געהאט א גענויען באגריף וועגען דער אמת'ער לאגע אין טרייד. אזא אינסטיטושאן האבען מיר נאך פארלויפיג ניט. און צו איהר ווילט, אדער ניט, איהר מוזט זיך שטיצען אויף די באהויפטונג פון מאנכע פון די מעמבערס, און אזוי ארום האבען מיר געקראגען אלערליי באריכטען, וועלכע האבען ניט געשטימט איינס מיט דעם צווייטען. יעדענפאלס איז דער געשריי געווען גוואלדיג. די עקזעקוטיווע פון לאקאל 5 האט דעריבער פארופען א מעמבער מיטינג, צו וועלכען זי האט רעקאמענדירט, אז 5 פראצענט פון די פארדיענסטען פון די, וואס ארבייטען, זאל אוועקגעגעבען ווערען צו די, וועלכע ארבייטען גאר ניט, און וועלכע געהען ארום ליידיג פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען. דער מיטינג איז געווען א גוט באזוכטער, און נאך פול דיסקוטירען, האט דער עולם ענדליך באשלאסען זיך צו מעסטען מיט איין דאלאר פער מעמבער, און מיט דיזע געלט ארויסהעלפען די ארבייטסלאזע.

מיר האפען אז די צאהל פון די נויטבאדערפטיגע איז אזוי קליין, אז די צוויי טויזענד פינף הונדערט דאלאר, וואס דיזע אסעסמענט דארף אריינברינגען, וועט זיין איבערגענוג, און די יעניגע, וועלכע האבען אימער די געוואוינהייט צו מאכען פון א פליג א העלפאנט, וועלען איינזעהן זייער טעות אין זייער שרייען, אז [illegible] פופציג, און נאך מעהר [illegible] פון אונזערע מענשען שטארבען [illegible] פון הונגער.

וויפיעל וואכען האבען אונזערע ארבייטער געארבייט אין דעם [illegible] יאהר [illegible]

פון דער סקייל? אין קורצען, וויפיעל פופציגער, זעכציגער, און אזוי ווייטער בעלי מלאכות האבען מיר?

א רעקארד וואו און ווי לאנג יעדער בעל מלאכה ארבייט, דאס איז וואס מיר ווילען איין מאל פאר אלע מאל איינשטעלען. און צוליעב דיזע אינפארמאציע, וועלכע מיר מוזען האבען, האט דער דזשוינט באארד באשלאסען דורכצופיהרען א רעדזשיסטריישאן, ביי וועלכער יעדער פון אונזערע מעמבערס וועט מוזען קומען פערזענליך אין אפיס און ענטפערען אויף די פארשיעדענע פראגען, וועלכע וועלען צו איהם אדער צו איהר געשטעלט ווערען.

דער רעדזשיסטרירען זיך וועט אנהאלטען דעם גאנצען מאנאט סעפטעמבער. א גוט איינגעארדענטע משינערי איז שוין צוגעגרייט דיזע ארבייט דורכצופיהרען, און מיר ערווארטען דאס פון די ראטא וואס מיר וועלען קריגען, וועלען מיר זיין אין א בעסערע לאגע דורכצופיהרען געוויסע רעפארמען און איינפיהרען געוויסע נויטיגע אינסטיטוציעס, אין וועלכע מיר נויטיגען זיך אזוי שטארק און וועגען וועלכע מיר וועלען אין דער נאהענטער צוקונפט לאזען וויסען אונזערע מעמבערס איבער'ן גאנצען לאנד אין די קאלומס פון דער „גערעכטיגקייט".

**א ווארט וועגען לאקאל 100 און דעם דזשאינט באארד.**

עס וואלט אונז זיך זעהר ניט געוואלט ענטפערען ברודער בראדסקי, סעק. פון לאקאל הונדערט, אויף זיינע איינווענדונגען נעגען דזשאינט באארד און לאקאל פינף פאר „ניט פינקטליך דורכפיהרען" דעם באשלוס אין שייכות מיט טראנספערירען די מעמבערס צו די פארשיעדענע לאקאלס. מיר ווילען, ווי געזאגט, ניט ענטפערען שוין דערפאר אליין, ווייל עס וואלט אונז אויסגעקומען צו ברייגגען געוויסע פאקטען, נו, יא, באוואוסטע פאקטען, וועלכע וואלטען אומגעשטעלט לאקאל הונדערט אין ניט גאר א שעהנע ליכט אין דעם פרט פון אויספאלגען באשלוסע. און דאס איז גראדע וואס מיר ווילען אויסמיידען צוליעב זעלבסטפארשטענדליכע טעמים. אגב וויסען מיר, דאס דזשורוסדיקשאן פראגען, ווי שלעכט זיי זאלען ניט זיין, ווערען נאך ערגער ווען איהר מאכט דערפון אן עלגעמיינע אישו אין דער פרעסע. דאס דארף אויסגעגליכען ווערען צווישען זיך, אויף מיטינגען און אויף א ברידערליכען אופן. נור למען האמת זאל דא געזאגט ווערען, אז די קאטערס האבען זיך בלויז טיילווייז טראנספערט און די פרעסערס האבען נאך אפילו ניט אנגעפאנגען זיך צו טראנספערען. אמת, לאקאל פינף האט נאך ניט באוויזען צו טראנספערירען אלע זיינע מעמבערס, וועלכע דארפען טראנספערירט ווערען צו לאקאל הונדערט, אבער ווארום זיך ניט מאכען וויסענדיג, אז עס איז דא דאפיר א גוטע און בארעכטיגטע אורזאכע? איהר פארשטעהט דאך, אז ווען א מעמבער האט באלאנגט צו לאקאל פינף פאר א משך פון יאהרען, און האט פאר זיינע פערציג סענט א וואך געקראגען סיק, סטרייק און לאזן בענעפיטס, וויל ער ניט פארלירען די בענעפיטס בלויז דערפאר ווייל לאקאל 100 וויל דאס. און אגב האט דאך פרעזידענט שלעזינגער אייך אויסדריקליך געזאגט, דאס לאקאל 100 וועט דארפען מאכען אזעלכע ארענדזשמענטס דאס דיזע מעמבערס זאלען ניט פארלירען אט די אלע בענעפיטס, פאר וועלכע זיי האבען געצאהלט יאהרען לאנג. האט לאקאל 100 פרובירט עטוואס מאן אין דיזער אנגעלעגענהייט? דאכט זיך אז ניט. וואס אנבאלאנגט דעם שרייבער פון די שורות, ווייסט איהר דאך בעסער ווי אלע אנדערע וויפיעל קרעפטען ער האט אוועקגעלייגט אום דיזען באשלוס דורכצופיהרען, און אויב אימיצער דארף בלאמירט ווערען, איז דאך דאס די עקזעקוטיווע פון לאקאל 100. מיר ווילען אייך אבער פארזיכערען, אז וואס אנבאלאנגט לאקאל פינף, וועט דער באשלוס דורכגעפיהרט ווערען אזוי שנעל ווי לאקאל 100 וועט מאכען די נויטיגע ארענדזשמענטס, אז אונזערע טראנספערירטע מעמבערס זאלען קריגען אין לאקאל די זעלבע רעכטע און בענעפיטס, ווי זיי האבען דאס געהאט ביז יעצט, אין דעם לאקאל וואו זיי האבען באלאנגט.

**וועגען קאנסאמפשאן בענעפיטס.**

מיר גלויבען, עס איז ווערטה צו נאטירען, דאס לויט די רעקאמענדאציע פון דער סאניטאריום קאמיטע, פון וועלכע דער שרייבער פון דיזע צייליען איז דער טשערמאן, וועלען אונזערע מעמבערס זיין בארעכטיגט צו דריי הונדערט דאלאר קאנסאמפשאן בענעפיטס [illegible]

דער ארגאניזאציע, און, צווייטענס, מוזען זיי זיין בעצאהלט אין דעם סאניטאריום אסעסמענט. וואס אנבאלאנגט די לאקאלען 5, 18 און 81, זיינען זייערע מעמבערס אלע באשטעהענד מיט דיזען אסעסמענט, ווייל דיזע ספעציעלע צאהלונג ווערט געדעקט מיט א טייל פון זייער דיוס. מיר ווילען אבער אויפמערקזאם מאכען די איבעריגע לאקאלען אין שיקאגא, דאס זיי זאלען ניט פארגעסען צו מאכען זייערע מעמבערס צו בעצאהלען דיזען אסעסמענט, אום ווען א פאל פון קאנסאמפשאן זאל זיך מאכען, זאל דער [illegible] קענען זיין [illegible]

# צוויי מיטינגען פון עקז. באארד פון לאקאל 25

א זיצונג פון דעם עקז. באארד פון דער וועיסט און דרעס מאכער יוניאן לאקאל 25 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, דעם 17טען אויגוסט.

בר. י. האפמאן ווערט ערוועהלט אלס טשערמאן פאר נעקסטען מאנאט און בר. ס. היימאן ווערט ערוועהלט אלס וויס־טשערמאן.

די פינפער קאמיטע פון'ם עקז. באארד וואס איז ערוועהלט געווארען מיט א צייט צוריק, צו קאנפערירען מיט דער קאמיטע פון דעם דזשענעראל עקז. באארד פון דער אינטערנעשאנאל, וועגען דעם פארגעשלאגענעם פלאן פון רעארגאניזירען לאקאל 25, ברענגען אריין זייער באריכט און אויך זייערע רעקאמענדאציעס האט דער עקז. באארד, נעמענדיג אין אכט די נויטיגקייט פון א צענטראלער משינערי צוזאמענצובינדען די שוין עקזיסטירענדע לאקאלען אין דער וועיסט און דרעס אינדוסטריע אין גרעיטער ניו יארק. דאס איז נויטיג פאר דעם ערפאלג פון די עקזיסטירענדע ארגאניזאציעס און וואהלזיין פון די מעמבערס און ארבייטער פון דעם טרייד, דער עקז. באארד, נעמענדיג אין אכט די אלע פאקטען און רעקאמענדאציעס פון דער פינפער קאמיטע, באשליסט דאס א דזשאינט קאנפערענץ פון די עקז. באארדס פון די לאקאלען 10, 58, 89 און אנדערע עקז. באארדס, אויך דער עקז. באארד פון'ם פרעסערס ברענטש זאל צוזאמענגערופען ווערען, כדי צו באטראכטען פלענער צו שאפען א דזשאינט באארד אין אונזער אינדוסטריע.

עס ווערט אויך באשלאסען צו אינסטרואירען דעם סעקרעטער צו קאמוניקירען מיט די עקז. באארדס פון די פארשידענע לאקאלען כדי צו אראנזשירען אזא קאנפערענץ. עס ווערט אויך איינסטרואירט די 5־ער קאמיטע צו דעם נעקסטען מיטינג פון'ם עקז. באארד אריינצוברענגען א פולקאמענעם באריכט איבער דער פראגע.

עס ערשיינען קאמיטעס פון וויינטרויב און שווארץ, וואלדאו און שטיין און פון אנדערע שאפער. זייערע פארלאנגען ווערען פון'ם עקז. באארד אויסגעהערט און פארהאנדעלט.

עס ווערען פארגעלעזען פארשיידענע צושריפטען און ווערען פון'ם עקז. באארד פארהאנדעלט.

אויף א צושריפט פון דער סאציאליסטישער פארטיי קאמפיין קאמיטע, ווערען די ברידער האפמאן און טוירק ערוועהלט צו אטענדען א קאנפערענץ וואס איז גערופען געווארען פאר דעם 24טען אויגוסט אין אווענט, אין בעטהאווען האל. אויף דעם קאנפערענץ וועלען אויסגעארבייט ווערען פלענער ווי אזוי ערפאלגרייך אנצופיהרען דעם נעשאנאל, סטייט און סיטי קאמפיין.

אויף א צושריפט פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר, אין וועלכען זיי לאזען וויסען אונזער עקז. באארד, דאס דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר רופט א קאנווענשאן פון אלע באנאפייד יוניאנס פון גרייטער ניויארק פאר פרייטאג אווענט, דעם 10טען סעפטעמבער, 1920, אין סענטראל אפערא הויז, 205 איסט 67טע סטריט, ניו יארק, פאר דעם צוועק צו עטאבלירען איין גרויסע ארבייטער קערפערשאפט וואס זאל אריינגעמען אלע יוניאנס פון גרעיטער ניו יארק. די ברידער האפמאן און היימאן ווערען ערוועהלט צו פארטרעטען אונזער יוניאן צו אט דער קאנווענשאן.

עס ווערען פארגענומען פינאנץ קאממיטעס באריכטען, און זייערע רעפארטס פון אויגוסט דעם 2טען און 16טען ווערען פון'ם עקז. באארד פארהאנדעלט.

דערמיט האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

א זיצונג פון דעם עקז. באארד פון דער וועיסט און דרעס מאכער יוניאן לאקאל 25 איז אויך אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענד, 24טען אויגוסט. בר. י. האפמאן אלס טשערמאן.

עס ערשיינט א קאמיטע פון דער אינפלעקסיבל וועיסט קא. אויסהערענדיג זייערע טענות, באשליסט דער עקז. באארד דאס א שאפ מיטינג פון דעם שאפ זאל גערופען ווערען און א קאמיטע פון די ברידער קאהען, קאפניק און שווארץ ווערען ערוועהלט צו שטעלען דעם מיטינג.

עס ערשיינט א קאמיטע פון דער לייאן וועיסט קא., 17 וועסט 21טע סט., פאר'ן עקז. באארד און ערקלערט דאס פאלגענדע: שוין א לענגערע צייט דאס די פירמע פאלגט ניט אויס דעם אגרימענט מיט דער יוניאן. די פירמע שיקט ארויס ארבייט אויטסייד אין דער צייט וואס די אינסייד ארבייטער געהען ארום לעדיג. די פירמע ענטזאגט זיך איצט צו געבען ארבייט צו די בעל מלאכות, סיידען זיי וועלען איינשטימען ארונטערצולאזען פון די פרייזען. א פרייז ליסט, וואס איז פארגעלעגט געווארען פאר דער פירמע איז פון איהר צוריקגעוויזען געווארען, און די פירמע האלט זיי אין אפלעגען פון צו געבען די ארבייטער א צופרידענשטעלענדען ענטפער. די קאמיטע פון דעם שאפ איז מיט דער מיינונג דאס עס בלייבט פאר דער יוניאן קיין אנדער ברירה איצט ווי ערקלערען א סטרייק געגען דער פירמע. ביידע, די ברידער האפמאן, דער מענעדזשער און ס. היימאן, באשטעטיגען די סטייטמענטס פון דער קאמיטע פון דעם שאפ. דער עקז. באארד באשליסט צו ערוועהלען א קאמיטע וואס זאל צוזאמען מיט בר. האפמאן, מענעדזשער פון דעם אינדעפענדענט־ דעפארטמענט, האנדלען אין דער קייס מיט פולמאכט. אין דער קאמיטע געהען אריין די שוועסטער קראנהארדט, מינקוס און ראטשטיין.

דער באריכט פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע ווערט פארגענומען. בר. היימאן, דער סעקרעטער פון דער קאמיטע, באריכטעט, דאס אזוי ווי מיס רעטינג האט רעזיגנירט אלס עדיוקיישאנאל דירעקטאר פון אונזער ארגאניזאציע, און אזוי ווי עס איז די מיינונג פון דער קאמיטע דאס די עדיוקיישאנאל ארבייט מוז פארגעזעצט ווערען, רעקאמענדירט די קאמיטע דאס אן עדיוקיישאנאל דירעקטאר זאל אנגעשטעלט ווערען, און נאך א לאנגער דיסקוסיע איבער דעם רעפארט פון דער קאמיטע, ווערען פארשיידענע קאנדידאטען באטראכט פאר דעם אמט און עס ווערט באשלאסען אנצושטעלען מיס גליק פאר א טריעל אלס עדיוקיישאנאל דירעקטאר.

א צושריפט ווערט פארגעלעזען פון בר. פארביאש, מעמבער פון דער עקזעקוטיוו, פארלאנגענדיג דאס דער עקז. באארד זאל פראטעסטירען נעגען דעם אריינמישען זיך פון די עלייס לענדער אין מלחמה נעגען סאוועט רוסלאנד. א קאמיטע פון די ברידער סאנדלער, פארביאש און שוועסטער קראנהארדט ווערט ערוועהלט, דאס זיי צוזאמען מיט אנדערע צוויי דעלעגאטען צו דער סענטראל פעדערייטעד יוניאן, זאלען אויסארבייטען א רעזאלוציע וועגען דעם און פארלאנגען צו דעם מיטינג פון דער סענטראל פעדערייטעד יוניאן.

עס ווערען פארגעלעזען צושריפטען פון דעם דאון־טאון ברענטש, פרעסערס, ברוקלין און בראנקס ברענטשעס וועגען די רעזולטאטען פון דער אבשטימונג וועגען די רעקאמענדאציעס פון דער עקז. באארד און שאפ דעלעגאטען, וועגען דער ענדערונג פון דער פארוואלטונגס סיסטעם פון דער יוניאן. לויט דער אבשטימונג צייגט, דאס די רעקאמענדאציעס זיינען גוטגעהייסען געווארען פון די אויבענדערמאנטע ברענטשעס, ווייל דער הארלעמער בר. און בראנזווילער ברענטש האבען נאך ניט פארהאנדעלט די רעקאמענדאציעס, ווייל זיי האבען נאך ניט אפגעהאלטען קיין מיטינגען.

דערמיט האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

י. שעהנהאלץ, סעק.

## ער ווידערשפרעכט א סטייטמענט פון סעקרעטער פון לאק. 100 פון שיקאגא.

ווערטער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט",

איהר זייט העפליכסט געבעטען צו פארעפענטליכען מיין ענטפער צו פריינד מאקס בראדסקי, סעקרעטער פון לאקאל 100.

אין זיין ארטיקעל מיט צוויי וואכען צוריק אין די „גערעכטיגקייט", אין ענטפער צו פרעזידענט סקולמאן, שרייבט ער ווי פאלגט:

„נו, די קאטערס האבען זיך שוין אלע טראנספערירט צו לאקאל 81, די פרעסערס זיינען שוין געקומען צו א פארשטענדיגונג מיט לאקאל 18, און מען [illegible] שוין אן ארויסצוגעבען טראנספערס". זאל דא גלייך געזאגט ווערען, דאס דאס [illegible] איז ניט ריכטיג און פריינד בראדסקי [illegible] דער לעזער צו מאכען [illegible] סטייטמענט, ווייל [illegible] ער האט [illegible] אין די [illegible] לאקאל [illegible] לאקאל 100 [illegible]

40 דאל., אויב נים אין נאך ווייניגער, און איז פערציג דאלער און דער יעצטיגער צייט, ווען דער דאלער האט די קויף־קראפט פון 40 סענט, ווירקליך א צו־הויכע ווייזש?

* * *

## די רעוואלוציע אין איטאליען.

מיר געברויכען דאס ווארט רעוואלוציע גאנץ אבזיכטליך, ווייל דאס, וואס די איטאליענישע ארבייטער אין פארשידענע שטעט אין איטאליען טוען, אין די לעצטע טעג, נעמליך פארכאפען די פעקטאריס, פון וועלכע זייערע פריהערדיגע באלעבאטים האבען זיי אויסגעשלאסען, און ערקלערען זיי אלס זייערע, איז ווירקליך א רעוואלוציע אין דעם בעסטען זין פון ווארט. דאס איז נים מעהר קיין רעוואלוציע אויפ'ן פאפיר, ווען מען לאזט ארויס א דעקלאראציע, אז פריוואט אייגענטום איז אפגעשאפט, כאטש אין לעבען בלייבט אלעס ווי געוועזן. ניין, די איטאליענישע ארבייטער, ווי עס זעהט אויס, האבען ווירקליך שוין אפגעשאפט פריוואט אייגענטום. און דאס גופא, וואס די איטאליענישע רעגירונג קוקט צו און שווייגט, איז פון דער העכסטער רעוואלוציאנערער באדייטונג. א קאפיטאליסטישע רעגירונג טאר נים בלייבען גלייכגילטיג און צוקוקען ווי דער הייליגער פריוואט־אייגענטום ווערט אזוי אפען פארשוועכט. עס איז איהר פליכט צו קעמפען מיט אלע מיטלען געגען די פארשוועכער פון איהר סאמע פרינציפ. טוט זי עס נים, איז עס דער בעסטער סמן, אז זי פיהלט זיך נים בכוח. אז זי פיהלט, דאס די מיליטערישע און פאליצייאישע געוואלט, וועלכע איז אימער די הויפט־שטיצע פון פריוואט־אייגענטום, איז נים מעהר אויף דער זייט פון פריוואט־אייגענטום, נאר אויף דער זייט פון זייגע אפשאפער. אין אנדערע ווערטער מיינט עס, אז די גאנצע איטאליענישע רעגירונגס־מאשין, די סאמע הויפט־זייל פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, שאקעלט זיך, איז מאכטלאז, איז באנקראט.

דאס איז די ווארהאפטיגע רעוואלוציע, אויב מיר קריגען נאר די ריכטיגע נייעס פון דעם, וואס קומט פאר אין איטאליען. און ווען מיר לייענען וועגען אלץ וואס דארט טוט זיך, שטעלט זיך נים ווילענדיג א פראגע: — וועלען מיר ווען־עס־איז האלטען אזוי ווייט?

* * *

## „די צייט".

דאס איז דער נאמען פון א נייער טעגליכער צייטונג, וועלכע ערשיינט שוין זיים די לעצטע וואך.

די צייטונג ווערט ארויסגעגעבען פון דער פועלי־ציון פארטיי און, ווי די פארטיי, אזוי איז איהר צייטונג, פון א גאנץ ערנסטען כאראקטער. עס איז נים גלאט א צייטונג אין דער וועלט אריין, א צייטונג לשם ביזנעס, א צייטונג פאר אדווערטייזמענטס, א צייטונג, וואס יאגט זיך נאך א גרויסער צירקולאציע און צו ליעב וואס זי איז פארטיג צו טאן „אייניגעס". ניין, דאס איז א צייטונג, וועלכע ווערט ארויסגעגעבען מיט דעם צוועק צו פראפאגאנדירען דעם נאציאנאל־סאציאליסטישען געדאנק.

די צייטונג „די צייט" איז דער רעזולטאט פון גרויסע אפפער פון דער זייט פון פילע הונדערטע עהרליכע ארבייטער. גראשען צו גראשען איז געקליבען געווארען, און ווערט נאך געקליבען, אום צו מאכען מעגליך די עקזיסטענץ פון דער צייטונג. דאס אליין רופט ארויס אונזער פולסטע סימפאטיע צו דער צייטונג. אמת, מיר זיינען נים איינפארשטאנען מיט דעם נאציאנאלען סאציאליזם. מיר גלויבען, אז עס איז דא א גרויסע סתירה אין די צוויי ווערטער, אבער דאס שטערט אונז נים אויף א מאמענט אנצוערקענען די גאנצע ערנסטקייט, די גאנצע איבערגעבענהייט פון די טרעגער פון דיזען געדאנק.

ווי ווייט זיי וועלען האבען ערפאלג מיט זייער צייטונג, אלס די פארשפרייטערין פון זייער אידעאל, דאס קען מען נאך איצט נים זאגען. דערצו איז שוין נויטיג עטוואס מעהר ווי בלויז ערנסטקייט. עס פאדערען זיך, ערשטענס, געוויסע פעהיגקייטען צו מאכען דעם אידעאל זייערען אזוי ווייט ווי מעגליך צוגענגליך צום געוועהנליכען לעזער; אויך איז נאך א גרויסע פראגע, אויב דער אידישער ארבייטער אין אמעריקא קען באמת, זאגאר זיך איינריידען, אז ער איז א ציוניסט סאציאליסט.

די נאהענטע צוקונפט וועט געבען א קלארען ענטפער אויף דעם. דערווייל קענען מיר נאר זאגען, אז די ערשטע נומערען „די צייט", וואס זיינען ביז איצט ערשינען, מאכען א גאנץ אנגענעהמען איינדרוק, אן איינדרוק פון א רייגער ערנסטער טאג־צייטונג.

פון דעם זשורנאליסטישען שטאנדפונקט איז דערווייל נאך דא פילעס, וואס מען דארף אין איהר פארבעסערען, אבער דאס וועט שוין געוויס קומען. עס איז דאך בלויז אן אנפאנג. און מיר באגריסען הערצליך די ערשיינונג פון דער „צייט" אלס אן עהרליכען פארזוך ארויסצוגעבען א צייטונג פון אן ערנסטען כאראקטער, אין וועלכער עס פעהלען גאר פילע זאגענאנטע צוציהענדע „פיטשורס" פאר דעם לעזער פון גאס.

מיט א יאהר צעהן צוריק האט די „פ. א. ש."־גרופע געמאכט אן אנשטרענגונג ארויסצוגעבען אזא טעגליכע צייטונג, כאטש מיט אן אנדער ריכטונג, און דער פארזוך איז געווען א דורכפאל. אפשר האט אונזער עולם אין די לעצטע צעהן יאהר זיך מעהר אנטוויקעלט, און איז צייטיג פאר אזא ערנסטע און עטוואס שווערליכע צייטונג, ווי די „צייט". קיינעם וועט עס נים אזוי פרעהען, ווי אונז, די פיאנערען אין דער ריכטונג, און אין דער האפנונג, אז דאס וועט אזוי זיין, ווינשען מיר דער „צייט" דעם בעסטען, שענסטען און עהרליכסטען ערפאלג.

# אינטערנאציאנאלער קאנגרעס פון קליידער ארבייטער אין קאפענהאגען

### א בריעף פון פרעזידענט בענדזשאמין שלעזינגער

קאפענהאגען, 19טען אויגוסט, 1920.

נעכטען 2 אוהר בייטאג האט זיך געשלאסען דער קאנגרעס פון דעם אינטערנאציאנאלען קליידער ארבייטער פארבאנד און מארגען פאהר איך אוועק פון דאנען. איך פאהר פון דאנען נאך סטאקהאלם און דאן נאך רעוואל, פון וואנען איך האף צו קענען אריינקומען אין סאוויעט רוסלאנד.

היינט האב איך דעם גאנצען טאג פארבראכט אויף קריגען וויזעס פון די שוועדישע און עסטלענדישע קאנסולאטען, און דעם מארגענדיגען טאג וועל איך אפגעבען אויף אנקוקען די שטאדט קאפענהאגען. עס איז אלזא אונמעגליך פאר מיר זיך יעצט אוועקצוזעצען אויסשרייבען א פאלשטענדיגען באריכט פון די פארהאנדלונגען אויף דעם קאנגרעס. דאס וועל איך טאן ווען איך וועל זיין צוריק אין דער היים. אין דיזען בריעף וועל איך בלויז געבען א קורצען איבערבליק.

* * *

אויף דעם קאנגרעס זיינען אנוועזענד געווען 26 דעלעגאטען פון 11 לענדער: אמעריקא — 4 דעלעגאטען, צוויי פון אונזער אינטערנעשאנאל און צו איינציגע פון דער „אמאלגאמייטעד" און פון דער „דזשוירנעמען טיילארס יוניאן"; האלאנד — 4 דעלעגאטען, דריי פון דעם „אלגעמיינעם האלענדישען שניידער ארבייטער פארבאנד" און איינער פון דער „האלענדישער סינדיקאליסטישער שניידער ארגאניזאציאן"; ענגלאנד — 3 דעלעגאטען, צוויי פון דער „יונייטעד גארמענט ווארקערס טרייד יוניאן" און איינער פון דער „אמאלגאמייטעד סאסייעטי אוו טיילארס"; דייטשלאנד — 3 דעלעגאטען; דענמארק — 3 דעלעגאטען; פראנקרייך — 2 דעלעגאטען; שוועדען — 2 דעלעגאטען; בעלגיען — 2 דעלעגאטען, איינער פון דעם „בעלגישען קליידער ארבייטער פארבאנד" און א צווייטער פון די „בעלגישע סינדיקאליסטישע שניידער ארבייטער ארגאניזאציאן"; עסטרייך — 1 דעלעגאט; שווייצערלאנד — 1 דעלעגאט און טשעכא־סלאוואקיען — 1 דעלעגאט.

די 26 דעלעגאטען האבען רעפרעזענטירט 607 טויזענד גוטשטעהענדע מיטגליעדער.

פון פוילען זיינען קיין דעלעגאטען נים געקומען, ווייל צוליעב דער מלחמה קען מען פון דארטען נים ארויספאהרען. איטאליען און שפאניען האבען קיין דעלעגאטען נים געשיקט, ווייל די שניידער ארבייטער אין יענע לענדער האבען נאך נים קיין לאנדעס ארגאניזאציאן. פון אונגארן און נארוועגיען זיינען קיין דעלעגאטען נים געקומען, ווייל די דארטיגע יוניאנס האבען נים געהאט פאר די דעלעגאטען אויף הוצאות. פון רוסלאנד איז קיינער נים געקומען, ווייל די קאמיטע וואס האט צונויפגערופען דעם קאנגרעס האט נים געוואוסט ווי זיך צו זעצען אין פארבינדונג מיט דעם דארטיגען שניידער פארבאנד, און דארום איז רוסלאנד, צום באדויערען, אין גאנצען נים איינגעלאדען געווארען.

דער קאנגרעס האט געדויערט 3 און א האלב טעג. ער האט זיך ערעפענט זונטאג אין דער פריה, דעם 15טען אויגוסט, און זיך געשלאסען מיטוואך, 2 אוהר נאכמיטאג. די פארהאנדלונגען זיינען אנגעפיהרט געווארען אין פיער שפראכען: ענגליש, פראנצויזיש, דייטש און סקאנדינאוויש; און אזוי ווי מיין קאלעגע־דעלעגאט, ברודער לעפקאוויטש, רעדט אויסער ענגליש און דייטש, אביסעל פראנצויזיש אויך, האט ער זיך אויפ'ן קאנגרעס זעהר ניצליך געמאכט אלס איינער פון די איבערזעצער.

די הויפט ארבייט פון דעם קאנגרעס איז באשטאנען פון אננעהמען א קאנסטיטושען פאר דעם פארבאנד. די קאנסטיטושען איז אויסגעארבייט געווארען פון דער קאמיטע, וועלכע איז אפוינטעט געווארען אויף דעם אמסטערדאמער קאנפערענץ לעצטען דעצעמבער, און דיזער קאנגרעס האט דאס געדארפט איבער יעדען ארטיקעל דעבאטירען און באשליסען וועלכען אנצונעהמען, וועלכען צו אמענדירען און וועלכען אין גאנצען ארויסצולאזען.

* * *

אין פארלויף פון די דעבאטען זיינען פון די פארשיעדענע דעלעגאטען ארויסגעארבייט געווארען פונקטען וועגען דעם צושטאנד פון די קליידער ארבייטער אין זייערע לענדער, וועלכע זיינען געווען זעהר אינטערעסאנט. אין פארגלייך מיט די שניידער ארבייטער אין אמעריקא, זיינען די אייראפעאישע שניידער־ארבייטער פיעלע, פיעלע יאהרען הינטערשטעליג. כמעט אין גאנץ אייראפא איז נאך די שניידער אינדוסטריע א היים אינדוסטריע, דאס הייסט, אנשטאט צו ארבייטען אין שעפער, נעהמען די מעהרסטע ארבייטער ארויס ארבייט אין דער היים. די ארבייטס־שטונדען זיינען פיעל לענגער, די וויידזשעס פיעל נידעריגער און די באהאנדלונג פון די באסעס פיעל ערגער ווי אין אמעריקא.

די דעלעגאטען קוקען מיט שטאלץ אויף אונזערע שניידער ארגאניזאציאנען אין אמעריקא און לייגען גרויסע האפנונגען אויף די ברידערליכע הילפע וואס זיי וועלען, דורך דעם אינטערנאציאנאלען פארבאנד, קענען קריגען פון אונז אין זייערע קעמפפע פאר מעהר מענשליכע ארבייטס־באדינגונגען.

דער הייגטיגער זומער איז א פיעל ערגערער אין אונזער אינדוסטריע ווי דער פאר־א־יאהריגער. עס איז דא ווייניגער ארבייט. אויף דעם האבען זיך הויפטזעכליך באקלאגט די דעלעגאטען פון פראנקרייך, ענגלאנד און דייטשלאנד. אין דער פרויען־קליידער אינדוסטריע איז דער צושטאנד נאך ערגער ווי אין דער מענער קליידער אינדוסטריע.

פאר דיזען שלעכטען צושטאנד גיבען זיי אן די זעלבע אורזאכען וואס מיר גיבען אן אין אמעריקא, נעמליך, אז אזוי ווי א בגד איז אן ארטיקעל וואס מ'קען פארלאטענען ווען עס ווערט צוריסען, איז אלזא דער גרויסער עולם מעהר צופריעדען, אין דעם יעצטיגען גרויסען יקרות, ארומצוגעהן מיט פארלאטעטע בגדים אידער מיט לויידיגע מאגענס. דערצו איז נאך צוליעב דעם מאנגעל אין וואלענס און אנדערע מאטעריאלען, דער פרייז פון קליידער אזוי הויך געשטיגען, אז עס איז פשוט נים מעגליך צו קויפען נייע בגדים אפילו פאר די וואס וואלטען דאס שוין יא געוואלט.

מען האפט אבער אז עס וועט לאנג אזוי נים אנהאלטען און די לאגע וועט זיך ענדערען צום בעסערען.

* * *

דער קאנגרעס האט אנגענומען א שטארקע רעזאלוציאן געגען דעם שטיק־ארבייט סיסטעם. די פארשטעהער פון די שניידער ארבייטער פון אלע לענדער זיינען געווען איינשטימיג, אז אזוי לאנג ווי עס וועט עקזיסטירען שטיק ארבייט, וועט היים־ארבייט נים קענען אפגעשאפט ווערען, וועלען די ארבייטס־שטונדען זיין לאנגע און די אלגעמיינע ארבייטס־באדינגונגען שקלאפיש.

רעזאלוציאנען זיינען אויך אנגענומען געווארען, אויסדריקענדיג פאראכטונג צו די יעצטיגע רעאקציאנערע רעגירונג פון אונגארן, און לויבענדיג די שטעלונג פון דער בריטיש לייבאר פארטיי אין באצוג צו סאוויעט רוסלאנד.

אלס אינטערנאציאנאלער סעקרעטער איז ערוועהלט געווארען גענאסע וואן־דער־העעג, פון האלאנד. דער ביז יעצטיגער סעקרעטער איז געווען גענאסע הענריך שטיהמער פון דייטשלאנד. אלס סעקרעטאריאט (דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד) זיינען ערוועהלט געווארען: פיער דיומאס — פראנקרייך, וויליאם ראיגס, — ענגלאנד, בענדזשאמין שלעזינגער — אמעריקא, הענריך שטיהמער — דייטשלאנד, וויליאם ארופ — דענעמארק און קארל פאלבערת — טשעכא־סלאוואקיען.

די אינטערנאציאנאלע ביורא וועט זיין אין אמסטערדאם. פאר דער מלחמה איז די ביורא געווען אין בערלין. אלגעמיינע קאנגרעסען וועלען אפגעהאלטען ווערען אלע דריי יאהר. דער נעקסטער קאנגרעס וועט שטאטפינדען אין זומער פון יאהר 1923 אין שוועדען.

* * *

אויף דעם יעצטיגען קאנגרעס אין קאפענהאגען זיינען די דעלעגאטען פון די לענדער וועלכע האבען מלחמה געהאלטען איינע געגען די אנדערע, געווען מעהר פריינדליך צווישען זיך ווי מיט זעקס מאנאטען צוריק אויף דעם קאנפערענץ אין אמסטערדאם. אויף דיזען קאנגרעס האט זיך שוין נים געמערקט קיין ביטערקייט פון די פראנצויזען געגען די דייטשען און פארקעהרט. אין געגענטייל, די מעהרסטע פארשלעגע פון די גענאסען שטיהמער פון בערלין און שמיטסקע פון וויען, זיינען פון די פראנצויזען הערצליך אונטערשטיצט געווארען.

עס איז בלויז א פראגע פון צייט און דער האס וואס די מלחמה האט אריינגעבראכט צווישען די ארבייטער פון די פארשיעדענע לענדער וועט אין גאנצען פארשוואונדען ווערען, און די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט וועלען זיך נעהמען פיהלען, ווי איין משפחה; און מיט די ערפאהרונג וואס זיי האבען געהאט דורך די מלחמה יאהרען, וועט פאר די קאפיטאליסטישע מאכט־באזיצער מעהר נים מעגליך זיין זיי אויפצורייצען איינע געגען די אנדערע, ווי זיי האבען עס אזוי ערפאלגרייך געטאן אין יאהר 1914.

* * *

דער הויפט־פארשטאנד פון דענישען שניידער ארבייטער פארבאנד האט לכבוד דעם קאנגרעס ארראנזשירט א באנקעט, אויף וועלכען די דעלעגאטען האבען פארבראכט אן אמת אנגענעהמען אבענד. אויסער די געשמאקע דענישע מאכלים און די שנאפס און וויין וועלכע דענעמארק אימפארטירט פון אמעריקא (?), האבען מיר אויך ענדזשאיעט א זעהר רייכען קאנצערט וועלכער איז אויף דעם באנקעט אפגעגעבען געווארען פון דעם „דענישען שניידער ארבייטער געזאנגס פעראיין".

אין ניו יארק האבען מיר מיט איינינע יאהר צוריק געמאכט א פרובע צו ארגאניזירען א געזאנגס־פעראיין פון קלאוקמאכער, אבער די פרובע האט זיך נים איינגעגעבען. מעהר ווי דעם בארימטען מזמור „פון מילוואקי ביז קענאסקי" האבען זיך אונזערע משוררים נים אויסגעלערענט. דא אין קאפענהאגען זינגט דער שניידערשער געזאנגס־פעראיין אלע באריהמטע רעוואלוציאנערע און נאציאנאלע לידער און ער איז פארערכענט אלס דער בעסטער ארבייטער געזאנגס פעראיין אין דענעמארק. עס איז פשוט געווען א מחיה זיי צו הערען זינגענדיג.

* * *

אין קאפענהאגען האבען די לעצטע יאהרען אנגעפאנגען איינצוואנדערען אידען פון רוסלאנד און פוילען. די איינגעוואנדערטע באשעפטיגען זיך מעהרסטענטייל מיט שניידעריי און זיי באלאנגען צום דענישען אלגעמיינעם שניידער פארבאנד. זיי ארבייטען גיט אין קיין שעפער, זאנדערן נעהמען ארויס ארבייט אויף אין דער היים צו נעהען, און אזוי ווי זייערע ווייבער און קינדער העלפען זיי אונטער, מאכען זיי א לעבען.

ארום און ארום, שוין צוזאמען מיט די געבארענע אין דענעמארק, געפינען זיך אין קאפענהאגען ארום צוויי טויזענד אידישע פאמיליען. די דענעמארק געבארענע אידען זיינען גוט אפ. זיי האבען גלייכע רעכטע מיט די דענעמארקער און שפילען א וויכטיגע ראלע אין פאליטיק און אין געשעפט. נים אזוי איז אבער מיט די עטליכע הונדערט איינגעוואנדערטע אידען. פאר אן איינגעוואנדערטען אידען איז דא זעהר שווער צו ווערען א בירגער. ער ווערט באטראכט אלס פרעמדער און מען קען איהם צו יעדער צייט אויסווייזען.

די אידישע שניידער ארבייטער האבען זיך זייערע איינענע קלאב רומס און א לייברערי. פארגעסטערן אבענד האט שטאטגעפונדען א פארזאמלונג אין זייערע קלאב רומס, און לעפקאוויטש, שלאסבערג און איך האבען פאר זיי רעדעס געהאלטען און זיי גרוסען פון אמעריקא אפגעגעבען. אין זייער לייברערי ערהאלטען זיי רעגעלמעסיג דעם „פארווערטס" און זיי זיינען דארום א היבש ביסעל באקאנט מיט דעם וואס די שניידער ארבייטער אין אמעריקא האבען געהאט דורכצומאכען, אידער זייערע ארגאניזאציאנען זיינען געווארען אזוי מעכטיג.

אויף היינט אבענד האבען זיי אין זייערע קלאב רומס ארראנזשירט פאר אונז א פארט־אונטערהאלטונג. מיר האבען, נאטירליך, די איינלאדונג מיט פארגעניגען אנגענומען. און אזוי ווי עס איז שוין שפעט צייט דארטען צו געהן, ענדיג איך דערמיט דעם בריעף.

בענדזשאמין שלעזינגער.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. II. No. 37. New York, Friday, Sept. 10, 1920.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

# פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

## דער סטרייק פון די קאר־אנגעשטעלטע אין ברוקלין.

שוין באלד צוויי וואכען, ווי די קאר־אנגעשטעלטע פון דער ב. ר. ט. זיינען אין א ביטערען קאמף געגען זייערע באלע־בתים. די סטרייקערס פאדערען ניט, חלילה, אז דער גאנצער באהנ־פארקעהר זאל איבערגעגעבען ווערען אין זייערע הענד, פון וואס אי זיי אי דער גאנצער פובליקום פון ברוקלין און גרייטער ניו יארק וואלטען שטארק הנאה געהאט. אזוי ווייט האלט עס ניט מיט אונזערע סטרייקער. זיי זיינען דוקא אלע געזעצליבענדע בירגער. די סאציאלע רעוואלוציע — פרעגט זיי בחרם, וואס דאס איז. אלעס, וואס זיי ווילען, איז צו קריגען באצאהלט אזוי פיעל, אז זיי מיט זייערע פאמיליען, זאלען ווי־עס־איז קענען דורכקומען אין דעם איצטיגען יקרות. איבעריגענס ווילען זיי אפילו דאס ניט. זיי ווילען, אז זייערע פאדערונגען זאלען איבערגעגעבען ווערען צו ארביטריישאן. זאלען אומפארטייאישע מענשען אורטיילען, אויב זייערע פאדערונגען זיינען גערעכטע, אדער ניט. זיי פארפליכטען זיך אנצונעהמען דעם אורטייל פון די דאזיגע מענשען, אפילו ווען ער, דער אורטייל, זאל זיין געגען זיי; אפילו ווען קיין איינציגער סענט מעהר שכירות זאל זיי ניט צוגע'פסקנ'ט ווערען.

קען זיין א מעהר געמעסיגטע פאדערונג? און די דאזיגע פאדערונג פון די קאר־אנגעשטעלטע איז באזונדערס גערעכטפארטיגט, ווייל אין דעם אגרימענט, וואס זיי האבען געשלאסען פאר־א־יאהרען מיט דער ב. ר. ט. ווערט געזאגט בפירוש, אז אלע סכסוכים, וואס וועלען אין דער צוקונפט ענטשטעהן צווישען דער קאמפאניע און די ארבייטער, זאלען איבערגעגעבען ווערען צו ארביטריישאן. מע־ זיי דאך אודאי שטעלען די דאזיגע „רעוואלוציאנערע" פאדערונג. קומט דער דזשאדזש מייער, וועלכער איז עס דער גאנצער געזעצליכער ממונה איבער דער ב. ר. ט. (די קאמפאניע איז אין די הענד פון א רעסיווער), און ערקלערט, אז ער קען זיך אין דעם פרט פון ווייגדזשעס ניט פארלאזען אויף ארביטריישאן. פארשטעהט איהר מיך, טאמער וועט די ארביטריישאן ארויסטראגען אזא פסק, וועלכער די קאמפאניע אין איהר איצטיגען שפל'דיגען צושטאנד קען ניט ערפילען, וועט ער ניט קענען און ניט טארען איינשטימען מיט דעם אורטייל.

א קינד קען פארשטעהן, אז דאס איז א פוילער אויסרייד. מענשען, וועלכע ווערען אויסערוועהלט, אלס ארביטרייטארס, זיינען, חלילה, ניט קיין וואלד־גזלנים. די ערפאהרונג לערענט, אז צוליעב קיין פסק פון ארביטרייטארס, האט נאך קיין קאפיטאליסט ניט באנקראטירט, אין די מייסטע פעלע פון ארביטריישאן פיהלען זיך אימער די ארבייטער די אפגענארטע, די געקריוודעטע, און דאך באשטעהט דזשאדזש מייער פעסט אויף זיין באשלוס.

איהם ארט ניט, וואס דאס גאנצע פובליקום פון גרייטער ניו יארק ליידעט דורך דעם סטרייק. איהם ארט ניט, וואס עס געהט קיין טאג ניט פארביי אהן עטליכע הרוגים, סיי דורך די אונפעהיגקייט פון די פאר רוצען סטרייק־ברעכער, וואס פיהרען ארויס כלמרשט קארס און סיי דורך דעם, וואס דער גאנצער טרעפיק איז אין א שרעקליך־כאאטישען צושטאנד. דער דזשאדזש, וואס האלט אין איין שווערען אויף דער פארמולע „געזעץ און ארדנונג" אין געוועהנליכע צייטען, איז איצט דער פאראורזאכער פון א בלוטיגע געזעצלאזיגקייט, פון דער ווילדעסטער אונארדנונג, ווייל ער האלט זיך א י ב ע ר יעדער ארביטריישאן.

וואלט מען דאך געמיינט, אז דער דאזיגער דזשאדזש גלויבט טאקע, אז קיין העכערונג פון ווייגדזשעס איז ניט מעגליך אונטער דעם איצטיגען פינאנציעלען צושטאנד פון דער ב. ר. ט. און דערפאר איז ער אזוי פעסט געגען דאס ארביטרירען פון דעם פונקט פון ווייגדזשעס.

איז דאס אבער ניט אזוי. לעצטען שבת איז ער ארויסגעקומען מיט אן ערקלערונג, אז ער איז באריים צו געבען אלע אנגעשטעלטע פון דער ב. ר. ט. א העכערונג פון 10 פראצענט אויף זייערע שכירות, נאר מיט איין קליינער באדינגונג, אויב די ק א ר ־ א נ ג ע ש ט ע ל ט ע ז א ל ע ן פ א ר ל א ז ע ן ז י י ע ר י ו נ י א ן. דערמיט האט דזשאדזש מייער ארויסגעלאזען די קאץ פון זאק. עס איז ניט דאס, וואס די ארבייטער פאדערען א העכערונג פון זייערע ווייגדזשעס, וואס פארשאפט דעם דזשאדזש אזוי פיעל ערגערניש און מאכט איהם אזוי איינגעשפארט, ניין. דאס ניט. דער ביין אין האלז פאר איהם איז דאס, וואס די קאר־אנגעשטעלטע זיינען ארגאניזירט אין דער שטארקער מעכטיגער אמאלגעמייטער. גיט אויף אייער יוניאן, האט דער דאזיגער דזשאדזש ערקלערט, און איהר קריגט א העכערונג פון 10 פראצענט, און איהר אלע, אויסער, נאטירליך די „בונטאווש־טשיקעס", קענט געהן צוריק צו דער ארבייט.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז די ארבייטער האבען מיט ענטריסטונג צוריקגעוויזען דעם פארשלאג פון דזשאדזש, און דער קאמף געהט אן זיין געוועהנליכען גאנג, און וועט אזוי לאנג אנגעהן, ביז די פאלשטענדיג גערעכטע פאדערונג פון די ארבייטער וועלען פון דזשאדזש מייער און רעסיווער גערריסאן נאכגעגעבען ווערען, ווי זיי האבען עס געמוזט טאן מיט א יאהר צוריק, ווען די ב. ר. ט. אנגעשטעלטע זיינען ארויס אין סטרייק.

דערביי איז אינטערעסאנט צו באמערקען, ווי אונזער קאפיטאליסטישע פרעסע פארהאלט זיך צום סטרייק. שטעלט זיך פאר א סטרייק, אין וועלכען די באלעבאטים שלאגען פאר ארביטריישאן נאר די ארבייטער ענטזאגען זיך דערפון. וואס פאר א געשריי אונזערע צייטונגען וואלטען עס אויפגעהויבען! וואס הייסט, איהר זיינט געגען ארביטריישאן? וואס הייסט, איהר ברייגנט אומגליק און טויט אויף א גאנצער באפעלקערונג, און ווילט דוקא מיט געוואלט ארויפצווינגען אייערע פאדערונגען? דאס איז דאך שרעקליך, שוידערליך. מיר לעבען דאך עפעס אין א לאנד פון געזעץ און ארדנונג. איצט איז דער פאל פארקערט: די ארבייטער פארלאנגען ניט קיין זאך, ווי ארביטריישאן, און אונזערע געזעץ־און־פרידענס־ליבענדע צייטונגען האבען ניט קיין גוט ווארט צו זאגען פאר זיי. פארקעהרט, ווי אלע מאל, פעלשען זיי די נייעס, בלאפען אין זייערע לייט־ארטיקלען, און זיי טוען אלעס צו פארשווארצען די סטרייקער אין די אויגען פון דעם עולם, זיי טוען אלעס, אום צו ענטמוטיגען די סטרייקערס. דער לאיער פון דער יוניאן, מר. פרידיגער, איז ארויסגעקומען מיט דער ערקלערונג, אז די גאנצע פרעסע איז אפגעקויפט פון דער ב. ר. ט. און דערום ווערט יעדע שטיקעל נייעס פון סטרייק פשוט געפעלשט. אבער, לויט אונזער מיינונג, איז דאס גראדע ניט נויטיג, אז די ב. ר. ט. זאל אונטערקויפען די צייטונגען, כדי זיי זאלען האנדלען אזוי געמיין. עס איז דען עפעס א נאווינע ביי זיי אזא האנדלונג? האבען זיי דען ווען־עס־איז אנדערש געהאנדעלט? די צייטונגען דארפען ניט זיין פארקויפט צו דער אדער יענער קאמפאניע, כאטש דאס קען אויך זיין דער פאל. זיי זיינען פאר אימער און אייביג פארקויפט צום קאפיטאליזם, און דערפאר, אין אירגענד א שטרייט צווישען קאפיטאל און ארבייט, וועט איהר זיי אימער געפינען אויף דער זייט פון קאפיטאל און געגען ארבייט.

* * *

## עס ווייזט זיך ארבייט.

פון דעם באריכט פון מענעדזשער פון דזשאינט באארד, ברודער ר. פיינבערג, איז קלאר, אז ענדליך רוקט זיך אן דער לאנג־ערווארטעטער ארבייטס־סעזאן אין דער קלאוק־אינדוסטריע. קיינער קען עס ניט וויסען אזוי גוט, ווי דער מענעדזשער פון דזשאינט באארד. און ווען ער באריכטעט, אז „במעט אלע ארבייטער זיינען שוין אויף פלעצער, כאטש ניט איבעראל איז דא ארבייט פאר א פולער וואך", איז ניטא דער מינדעסטער צווייפעל, אז עס איז אזוי. עהנליכע בעריכטען קומען אויך אן פון אנדערע שטעדט, אין מיט דעם דארף און, האפענטליך, וועט נעמען א סוף צו די פארשידענע וועהד־געשרייען, וואס מיר האבען געהערט פון פארשידענע זייטען אין די לעצטע עטליכע וואכען.

איבעריגענס, שיינט אונז, אז דער גאנצער וועה־געשריי איז געווען ווייט ניט באַרעכטיגט. מיר האבען ערשט די טעג געהאט א געשפרעך מיט וויס־פרעזידענט זיגמאן, געוועזענעם מענעדזשער פון דעם דזשאינט באַרד, און לויט זיין מיינונג, זיינען אט די אלע געוואלדען ווייט ניט באַרעכטיגט. אין סאמע סלעק זאגאר, רעכענט ער, האבען ארום 80 פראצ. פון די קלאוקמאכער געהאט א ביסעל ארבייט און פארדינט גענוג, אום ווי־עס־איז דורכצולעבען די שלעכטע צייט. דער איצטיגער סלעק איז אויסגעקומען אין די אויגען פון מאנכע באזונדערס שלעכט, ווייל עס איז געקומען נאך א פאר יאהר פון גרויסער פראספעריטי, אבער זאנסט איז עס ניט געווען אזוי געפעהרליך.

דער טראבעל מיט אונזערע ארבייטער, האט ער ווייטער ערקלערט, איז דאס זיי האבען א באזונדערע ליבע פאר איבערטרייבונגען. איז עס ביזי, און א גאנץ באגרענצטע צאהל ארבייטער פארדינען באזונדערס גרויסע ווייגדזשעס, זאגען מיר הונדערט דאלאר א וואך, הייסט עס באלד, אז אלע קלאוקמאכער שיטען זיך אפ מיט גאלד. ווערט עס ווידער א ווײלע סלעק, און א געוויסע צאהל ארבייטער פארלירען זייערע פלעצער, הייסט עס באלד, אז אלע קלאוקמאכער געהען ארום ליידיג און שטארבען פשוט פון הונגער.

אין ביידע פעלע איז די דאזיגע איבערטרייבונג, האט ברודער זיגמאן געצויגען דעם שלוס, העכסט־שעדליך, און זי דארף ווי ווייט מעגליך ענטמוטיגט ווערען. אין דער צייט פון ביזי, ווען א פאר צעהנדליג קלאוקמאכער פארדינען באזונדערס גרויסע ווייגדזשעס, און דער קלאנג ווערט ארויסגעלאזען, אז א ל ע ארבייטער פארדינען אזעלכע ווייגדזשעס, איז דער פועל יוצא דערפון, אז די גרויסע צאהל ארבייטער, וואס פארדינען ווייט ניט אזעלכע ווייגדזשעס זיינען אונצופרידען. יעדער איינער פון זיי מיינט, אז נאר ער פארדינט ניט קיין הונדערט דאל. א וואך, וועהרענד אלע אנדערע ווערען ממש ראטשילדס, טו ווי זאל ער זיך ניט פיהלען געקריינקט? דאס פיהרט אויך צו א יאגעניש ביי דער ארבייט איבער די כוחות, וואס דאס איז זיכער שעדליך סיי פאר'ן ארבייטער און סיי פאר דעם געזונד פון דער יוניאן. אין סלעק צייט ווידער, ווען מען מאכט א געשריי, אז אלע געהען ארום ליידיג, מאכט עס דעם ארבייטער אזוי שרעקעדיג, אזוי מוטלאז, אז ער איז מרוצה, צו ארבייטען פאר אירגענד א פרייז. די באסעס נוצען אויס אט די דאזיגע מוטלאזיגקייט פאר זייער אייגענעם נוצען. עס איז דארום העכסט וויכטיג ניט מגזם צו זיין. יעדע איבערטרייבונג סיי אין דער צייט פון פארהעלטניסמעסיגער ארבייטסלאזיגקייט און סיי אין דער צייט פון ביזי איז שעדליך.

מיר מיינען, אז ברודער זיגמאן איז פאלשטענדיג גערעכט. דער ארבייטער טאר ניט פארלירען דעם קאפ ניט אין דער צייט, ווען אויס'ן הארצען איז ניט אזוי פרעהליך, און ניט, ווען עס איז דא גענוג ארבייט; נאר אזא ארבייטער בלייבט צו י ע ד ע ר צייט א גוטער, געטרייער יוניאן־מאן.

* * *

## די לייבאר פילמס סוירוויז קאר־פאריישאן.

די „מואוויס" פארנעהמען זייט די לעצטע עטליכע יאהר א גאנץ היבשען פלאץ אין דעם לעבען פון די ארבייטער. וואו איהר וועט א ווארף טאן מיט אן אויג, וועט איהר טרעפען א מואווינג־פיקטשור־טעאטער, און ווער זיינען די מייסטע באזוכער פון די מואוויס? ארבייטער, זייערע פרויען און קינדער. און געהען זיי אין די מואוויס, זעהען זיי אפט זאכען, וועלכע זיינען פאר קיין פאל ניט גוט פאר די ארבייטער. די ערציהונג, וואס די מואוויס גיבען, איז אזא, וועלכע איז פונקט להיפוך פון די אמת'ע אינטערעסען פון די ארבייטער — סיי אלס ארבייטער, און סיי אלס מענשען. עס איז דארום געווען א זעהר גוטע אידעע פון מאנכע ארבייטער־פארשטעהער צו זעהן, אז די מואוויס, וועלכע די ארבייטער, זייערע פרויען און קינדער באזוכען אזוי פלייסיג, זאלען האבען אויף זיי א געזונטע ערציהערישע ווירקונג. און מיט דעם צוועק האט זיך געגרינדעט די לייבאר פילמס קארפארריישאן, פון וועלכער דזשאזעף קענאן, דער סאציאליסטישער גאווערנאר־קאנדידאט פון ניו יארק, איז דער פרעזידענט.

כדי אבער די לייבאר פילמס קארפאריישאן זאל קענען ווירקליך האבען ערפאלג, אזוי, אז אין יעדער מואווי זאל מען זעהן איהרע בילדער פון ארבייטער־לעבען און פון ארבייטער־קאמף, מוז זי האבען א היבשען קאפיטאל דערצו. דאס איז א גרויסער געשעפט, וועלכער פאדערט א היבשע סומע געלד. און קיינער פון די אונטערנעמער איז ניט געבענשט מיט קיין מיליאנער, אפילו ניט מיט קיין הונדערטער. זיי האבען דעם גוטען ווילען, זיי האבען די נויטיגע גוטע אידעען און פלענער, אבער דער נויטיגער קאפיטאל דאס אויסצופיהרען פעהלט זיי. נאטירליך מוזען זיי צוליעב דעם ווענדען זיך צו פארשידענע ארבייטער־ארגאניזאציעס, אז זיי זאלען ווערען טייל־נעמער אין דעם געשעפט. און עס איז אונזער מיינונג, אז די ארבייטער־ארגאניזאציעס קענען ניט טאן קיין בעסערע זאך, ווי אינוועסטען אזוי פיעל, וויפיעל זיי קענען נאר, אין דער־דאזיגער קארפארריישאן.

די מואווינג־פיקטשורס זיינען א גרויסער ערציהערישער פאקטאר אין אונזער לעבען. און, ווי אלעס אין אונזער געזעלשאפט איז ביז איצט פארכאפט געווארען פון דעם הערשענדען קלאס, אזוי איז עס אויך דער פאל מיט די מואווינג־פיקטשורס. דער רעזולטאט איז, אז די ערציהונג, וואס דער ארבייטער קריגט דורך די פיקטשורס איז ווייט ניט קיין געזונטע, איז א דורכאויס שעדליכע. נאר פיעל האבען די מואווינג פיקטשורס געהאלפען צו דעם גאנצען היסטערישען פאטריאטיזם, וועלכער האט ארויסגעבראכט אזא כמארע אויף אונזער לאנד. און נאר פיעלע פארשידענע פארקערטע אידעען וועגען אונזער ארבייט, וועגען אונזערע שטרעבונגען פארדאנקען מיר אט די דאזיגע מואווינג פיקטשורס. די לייבאר פילמס קארפארריישאן האט זיך פארגענומען ווי ווייט מעגליך געגענ־צוואווירקען אט דער דאזיגער שעדליכער און פארפיהרערישער פראפאגאנדא, און זי פארדינט די גאנצע ערמוטיגונג און הילף, וואס אונזערע ארבייטער ארגאניזאציאנען קענען איהר געבען. דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן האט דארום זעהר גוט געטאן קויפענדיג 10 שערס פון דער דאזיגער קארפארריישאן. ווען אלע אנדערע ארבייטער יוניאנס, לאקאלס, און אנדערע פארטגעשריטענע קערפערשאפטען וועלען טאן דאסזעלבע, קען דיזע לייבאר פילמס קארפארריישאן באלד זיין אין שטאנד אויסצואיבען איהר איינפלוס ביז צו א גרויסען גראד אויף דער מואווי וועלט.

* * *

## „פון דעם שטאנדפונקט פון ביזנעסמען."

מיר האבען אין אונזער נאטיץ וועגען ביזי און סלעק, ריידענדיג וועגען דער שעדליכקייט פון איבערטרייבונג, אנגעוויזען ווי ווייט שעדליך דאס ווירקט אויף די ארבייטער. דאס אליין וואלט אבער ניט געווען אזוי געפעהרליך, ווען אט די דאזיגע איבערטרייבונג וואלט אויך ניט געהאט איהר ווירקונג אויף דער אויטסיידיגער וועלט. דער פאקט איז, אז אין די מייסטע קרייזען, אויסער די קלאוקמאכער, הערשט א מיינונג, אז דער קלאוקמאכער איז ווירקליך דער העכסט־באצאהלטער ארבייטער צווישען אלע אנדערע, און פשוט מען פארגינט איהם ניט: פארוואס קומט עס איהם? מיר ווייסען דעם אמת אז דאס איז ניט אזוי. אז דער סלעק עסט אויף אלעס, וואס די ארבייטער פארדינען אין דער קורצער ביזי צייט. מיר ווייסען, אז ווען מען זאל צוטיילען דעם קלאוקמאכערס פארדינסטען אויף די 52 וואכען אין יאהר, וועט אויסקומען, אז ער פארדינט ניט נאר ניט מעהר, ווי מאנכע אנדערע ארבייטער, נאר אפשר ווייניגער. אבער אן דעם גראדע פארגעסט די אויטסיידיגע וועלט, און זי האלט אין איין שרייען פון די גרויסע ווייגדזשעס פון די שניידער.

אין דער זונטאגדיגער „טיימס" געהט כסדר אן ארטיקעל אונטער דעם נאמען „דעם ביזנעסמענ'ס שטאנדפונקט", אזוי ווי די גאנצע איבעריגע „טיימס" וואלט געזעהען וואס־עס־איז פון אן אנדער שטאנדפונקט, אחוץ דעם פון דעם ביזנעסמען! איז אט דער ביזנעסמען ערקלערט, דאס אין די נאדעל־טריידס באדען זיך די ארבייטער פשוט אין געלד. אט זיינען זיינע ווערטער: „עס איז בלויז אייניגע יאהר זייט עס איז פארגעקומען דער רעוואלט געגען די סוועט־שאפס אין דיזער שטאדט. און איצט זיינען די דאזיגע ארבייטער, א חוץ די, וועלכע זיינען אליין געווארען ביזנעס־לייט, געווארען די העכסט באצאהלטע ארבייטער, כאטש אין דערזעלבער צייט גיבען זיי פאר דאס געלד, וואס זיי קריגען, אזוי ווייניג, וויפיעל זיי קענען. אויף זיי ליגט א גרויסער טייל פון דעם שולד, וואס מענער און פרויען קליידער קאסטען אזוי טייער, און עס זיינען דא סמנים פון א רעוואלט געגען זייערע מאטאדען, וועלכע זיינען געווארען כמעט אונערטרעגליך."

מיר וועלען געוויס ניט ארייגלאזען זיך מיט דעם ביזנעס־שרייבער אין א ויכוח. עס איז איינס פון די ביידע: אדער ער שרייבט גאנץ אבזיכטליך לייגענס, אדער ער גלויבט, וואס דער ביזנעסמאן האט איהם דארט אנגעבלאזט. דער פונקט איז אבער דער, דאס אביסעל זיינען די ארבייטער אליין שולדיג אין דעם. זיי האבען מיט זייערע קעלבערנע התפעלות איבער זייערע פארדינסטען שטארק געהאלפען די באלעבאטים צו פארשפרייטען דעם דאזיגען בלאף. דער פאקט איז, אז אין אלגעמיין פארדינט דער קלאוקמאכער אין דער צייט פון ביזי ניט מעהר, ווי 60 דאלער די וואך. רעכענט אראב די צייט, וואס ער געהט ארום ליידיג, און די 60 ווערען פארוואנדעלט אין

# דער באָלשעוויזם און די אידען פראגע

פון א. ש. זאקס.

ערשטער ארטיקעל.

איידער איך געה איבער צו באטראכטען דעם שייכות צווישען דעם באלשעוויזם און דער אידען-פראגע, מוז איך ריידען וועגען דעם באלשעוויזם בכלל. וואס וויל דער באלשעוויזם? וואס זיינען זיינע אויפגאבען און ציעלען?

דער באלשעוויזם וויל חרוב מאכען שוין איצט די קאפיטאליסטישע ארדנונג, וואס איז געגרינדעט אויף פריוואט אייגענטום און געדונגענע ארבייט און איינפיהרען סאציאליזם, וואו אלע אהן אן אויסנאהם, זאלען זיין עקאנאמיש גלייך.

דער באלשעוויזם וויל שוין איצט אפשאפען די פארשיעדענע קלאסען, פריווילעגירטע און ניט פריווילעגירטע, אויף וועלכע אונזער געזעלשאפט איז צושפאלטען, אום מען זאל האבען א געזעלשאפטליכע ארדנונג, וואו אלע מענשען, אהן אונטערשיעד פון געשלעכט, ראסע, רעליגיע, זאלען האבען די זעלביגע פליכטען און זיך באנוצען מיט די זעלביגע רעכטען.

אלס א מיטעל דורכצופיהרען אט דיזע אויפגאבען — זאגט ווייטער דער באלשעוויזם, דארף דער פראלעטאריאט זעהן צו קריגען די פאליטישע מאכט (דיקטאטור פון פראלעטאריאט) און איהר אנהאלטען אזוי לאנג ביז וואנעט די נייע געזעלשאפט וועט זיך באפרייען פון דער בורזשואזער אידעאלאגיע, ביז וואנעט די געזעלשאפט וועט פראלעטאריזירט ווערען.

קעגען אזא טעאריע און פראקטיקע טרעטען ארוים ניט ווייניג פון די סאציאליסטען גופא, איבערהויפט די סאציאליסטען באוואוסט אונטער'ן נאמען „מענשעוויקעס", וועלכע האלטען זיך פאר די יורשים פון דעם ארטאדאקסישען מארקסיזם.

דער מאדערנער, וויסענשאפטליכער סאציאליזם, דער פאטער פון וועלכען עס איז געוועזען קארל מארקס, אונטערשיידעט זיך פון דעם פריהערדיגען אוטאפיסטישען סאציאליזם דערמיט, וואס ער זאגט אונז, אז דער סאציאליזם איז א נויטווענדיגער רעזולטאט פון דער קאפיטאליסטישער ענטוויקלונג. אז דער סאציאליזם איז א קינד פון'ם קאפיטאליזם און מוז דעריבער זיין זיין געזעצליכער יורש. דער סאציאליזם איז ניט א אידעאל, וואס קען יא און קען ניט פארווירקליכט ווערען. ער מוז פארווירקליכט ווערען. די היסטארישע נויטווענדיגקייט פיהרט צו איהם. דער וועג צום סאציאליזם איז דער קאפיטאליזם און איידער דער סאציאליזם זאל ווערען א ווירקליכקייט, מוז מען פריהער דורכמאכען דעם גאנצען קאפיטאליסטישען פראצעס פון שאפען און פארנאנדערטיילען די פראדוקטען.

די אוטאפיסטען זיינען געווען ג ע פ י ה ל-סאציאליסטען, וועלכע זיינען ניט ארויסגעגאנגען פון דער עקאנאמישער און היסטארישער נויטווענדיגקייט. זיי האבען די הייניגע וועלט, וואו עס הערשט קאנקורענץ, עגאאיזם, שנאה און קנאה צווישען מענשען, באטראכט פאר א מין „משוגעים הויז", וואו מענשען שטויסען זיך, לויפען, האווען, יאגען און שמאיען כדי צו האבען די חיונה, וואס ניט אלעמען גיט זיך דאס איין. און אום זיך צו באפרייען פון אט דעם „משוגעים הויז" — האבען די סאציאליסטען אין אנהויב פון פאריגען יאהרהונדערט, א שטייגער ראבערט אוען, סען-סימאן און פוריע, געזאגט — דארף מען זעהן צו פארבייטען דאס איצטיגע סיסטעם פון פריוואט אייגענטום אויף א קאלעקטיווע אייגענטום, אויף סאציאליזם.

און קוים האבען אט די אוטאפיסטען ביי זיך באשלאסען, אז א סאציאליסטישע ארדנונג איז בעסער, שענער, עהרליכער פאר די הייניגע, האבען זיי ת י כ ף, ז א פ א ר ט זיך גענומען פאר דער ארבייט דעם סאציאליזם דורכצופיהרען. זיי האבען אגיטירט צווישען די שטארקע און די מעכטיגע פון דער הייניגער געזעלשאפט, האבען אליין געגרינדעט סאציאליסטישע קאלאניעס, פאלאנסטערס, מיינענדיג, אז אט פון די פארזייהטע סאציאליסטישע קערנער וועט ארויסוואקסען דער סאציאליסטישער בוים.

זיי האבען אבער א טעות געהאט. די אלע זייערע סאציאליסטישע עקספערימענטען זיינען דורכגעפאלען. זייערע פרעדיגען זיינען געבליבען א קול קורא במדבר. נים נור האט מען זיך צו זיי ניט צוגעהערט, נאר מען האט זיי געהאלטען אדער פאר משוגעים, אויף וועלכע מען באדארף רחמנות האבען, אדער פאר געפעהרליכע מזיקים, וועלכע מע באדארף באזייטיגען.

זיינען מיט א דור שפעטער געקומען מארקס און ענגעלס און האבען אין דעם סאציאליסטישען געדאנק אריינגעבלאזען א נייע נשמה. זיי האבען [illegible] פון דעם סאציאליזם געמאכט א וויסענשאפט.

מארקס און ענגעלס זיינען געקומען צום סאציאליזם דורך דעם, וואס זיי האבען אנאליזירט, אונטערגעזוכט די היסטארישע באדינגונגען און נאך דעם ווי זיי האבען אויסגעפונען די טרייב קראפט, די געזעצען פון דער געשיכטע, זיינען זיי געקומען צום באשלוס, אז דער סאציאליזם איז ניט א פרומער וואונש, א געפיהל-זאך, א יושר זאך, נור א נ ו י ט-ו ו ע נ ד י ג ק י י ט, די ענטוויקלונג גופא פיהרט צום סאציאליזם, צי ער איז אונז סימפאטיש אדער ניט. אבער קומען וועט דער סאציאליזם ניט ו ו ע ן מיר ווילען, נור ווען די צייט וועט זיין רייף דערצו.

אין געגענזאץ צו די סאציאליסטען-אוטאפיסטען, וואס האבען געמיינט, אז צו י ע ד ע ר צייט קען מען איינפיהרען דעם סאציאליזם און אז א ל ע מענשען, מאכט ניט אוים צו וועלכען קלאס זיי געהערען, קענען דורכפיהרען דעם סאציאליזם, האבען אונז געלערענט מארקס און ענגעלס אז ניט צו י ע ד ע ר צייט קען דער סאציאליזם פארווירקליכט ווערען, נור אין א ב א ש ט י מ ט ע ר צייט, און ניט א ל ע קענען זיין די בויער פון דער נייער ארדנונג, נור א ב א ש ט י מ ט ע ר קלאס.

ו ו ע ן קען דער סאציאליזם פארווירקליכט ווערען? ענטפערט מארקס: נאך דעם ווי מאשינען וועלען זיין זעהר שטארק אנטוויקעלט, ווען די מעהרסטע פראדוקטען וועלען געשאפען ווערען אויף א מעכאנישען אופן, ווען דער אינדיווידואום וועט אין דער פראדוקציע און צירקולאציע קיין ראליע ניט שפילען, ווען דער גאנצער עקאנאמישער פראצעס וועט אנטפערזענליכט ווערען, ווען די איינצעלע איניציאטיווע וועט ניט נויטיג זיין, ווען דער [illegible], דער כלל, און ניט דער יחיד [illegible] — מיט אנדערע ווערטער, ווען דער קאפיטאליזם וועט ערגרייכען א הויכע מדרגה.

דורך ו ו ע מ ע ן וועט די נייע ארדנונג געבויט ווערען? דורך דעם פראלעטאריאט, דורך די, וועלכע זיינען געצוואונגען צו פארקויפען זייער ארבייטס-קראפט אלס א סחורה, ווייל זיי באזיצען ניט קיין פראדוקציאנס-מיטלען אליין עס אויסצוניצען—ענטפערט ווייטער מארקס. דער פראלעטאריאט איז דער איינציגער קלאס, וואס האט א ווילען און די נויטיגע מאכט דעם סאציאליזם איינצופיהרען.

דערצו, פארשטעהט זיך, איז נויטיג, אז דער ארבייטער קלאס זאל זיין שטארק ארגאניזירט, הן אין כוחות און הן אין איכות.

איידער דער קאפיטאליזם איז נאך אויסגעוואקסען און איידער דער ארבייטער קלאס בילדעט די שטארקסטע עקאנאמישע און פאליטישע מאכט, קען, על פי מארקס'עס לעהרע, דער סאציאליזם ניט איינגעפיהרט ווערען, און די, וועלכע וועלען דאס טאן, זיינען ניט מעהר ווי רוחקים את הקץ און ברייגנען דעם סאציאליזם מעהר שאדען ווי נוצען.

לויט דער דאזיגער טעאריע—טענה'ן די „מענשעוויקעס", איז די גאנצע באלשעוויסטישע פאליטיק א אוטאפיסטישע און במילא א שעדליכע.

רוסלאנד איז איינע פון די אפגעשטאנענסטע לענדער אין'ם עקאנאמישען פרט. דער קאפיטאליזם איז נאך דארטען פארהעלטניסמעסיג ווייניג אנטוויקעלט. די מלאכה, די האנד-ארבייט, שפילט נאך די הויפט-ראליע. די אינדוסטריע איז אין רוסלאנד בכן אפהענגיג פון דער אינדיווידואליטעט פונ'ם ארבייטער, דער מסחר — פון דער איינצעלער איניציאטיווע.

א חוץ דעם שטעלט דער פראלעטאריאט מיט זיך פאר אינ'ם ערך א גאנץ קליינעם טייל פון דער באפעלקערונג — אן 8-10 פראצענט — אזא טייל קען ניט דיקטירען דער גאנצער באפעלקערונג. געזעלשאפטליכע ארדנונגען ע נ ט וו י ק ע ל ע ן זיך, אבער ווערען ניט איבערגעבויט לויט דעקרעטען פון מאכט-האבער. רוסלאנד איז לחלוטין נאך ניט מסוגל צום סאציאליזם. זי האט נאך ניט דורכגעמאכט די מדרגה פונ'ם קאפיטאליזם, וואס איז א נויטווענדיגער עטאפ אויפ'ן וועג צום סאציאליסטישען אידעאל. די סאוויעטען וועלען דעריבער ניט קענען אין רוסלאנד דורכפיהרען זייערע קאמוניסטישע פלענער, פונקט ווי די אוטאפיסטען האבען ניט געקענט. זיי האבען קיין רעכט ניט צו רייסען אומצייטיגע פרוכט, וואס קען אויסער אונגליקען מיט זיך ניט ברייגנען.

די באלשעוויקעס האבען זיך דארויף זייער ענטפער. זיי זאגען, אז אויב צו האבען די פאליטישע מאכט דארף מען נאר ניט זיין א מאיאריטעט. פון דער גאנצער געשיכטע זעהען מיר, אז די הערשענדע גרופע האט תמיד מיט זיך פארגעשטעלט א מיעוט. א קנאפע מינדערהייט. ניט די פעאדאלען אין מיטעל-עלטער און ניט די בורזשואזיע אין דער נייער צייט האבען געבילדעט מיט זיך די מאיאריטעט. די ארבייטער זיינען דעריבער אויך ניט מחויב צו ווארטען ביז וואנעט זיי וועלען בילדען די מאיאריטעט. אויב זיי האבען געהאט א געלעגענהייט ארייצוכאפען די מאכט ביי זיך אין די הענד, האבען זיי דאס גלייך געמוזט טאן און ניט אפלייגען אויף שפעטער. אי וואס פאר די באזיצענדע קלאסען איז דאס ניט גוט? מילא, מיר זיינען מחויב צו זארגען פאר זיי ניט מעהר, ווי זיי פאר אונז. די ארבייטער זיינען מאקע א מינאריטעט, אבער זיי זיינען גוט ארגאניזירט, דיסציפלינירט. די אנדערע קלאסען האבען אבסאלוט קיין מאכט ניט. די פעאדאלען זיינען ארונטער פון זאטעל צוזאמען מיט'ן צאר. זיי האבען איצט א פנים ווי נאך א פארלארענער מלחמה. די בורזשואזיע ווידער האט נאך ניט געהאט קיין געלעגענהייט זיך צו ארגאניזירען, ווייל נאך דעם צאר'ס מפלה איז שוין דער פראלעטאריאט געווען שטארקער פון איהר, פון דער בורזשואזיע, וואס האט די מאכט ניט געקענט אנהאלטען.

די ארגאניזירטקייט פון די ארבייטער, זייערע געשלאסענע רייהען וועלען זיי געבען די מעגליכקייט אנצוהאלטען די מאכט, ניט קוקענדיג, וואס זיי זיינען אין דער מינאריטעט. די ארבייטער זיינען ניט שטארק אין כמות. דערפאר זיינען זיי שטארק אין איכות, אין זייער באוואוסטזיין.

וואס עס איז ווידער שייך צו דער טענה, אז דער סאציאליזירונגס-פראצעס קען נאך ניט איצט פארקומען אין רוסלאנד, ווייל דער קאפיטאליזם איז נאך דארטען ניט שטארק ענטוויקעלט, ענטפערט דארויף לענין און זיינע אנהענגער, אז מען וועט דערווייל בלויז סאציאליזירען יענע אינדוסטריען, וועלכע לאזען זיך. די אנדערע וועט מען איבערגעבען אויף געוויסע באדינגונגען צו פריוואטע הענד, וועלכע וועלען ארבייטען אונטער דער אויפזיכט פון דער סאוויעטען רעגירונג.

און בכלל — זאגט ווייטער לענין — איז אונזער צוועק צו פארטיפען די רעוואלוציע, אויסצואווארצלען פון די מוחות די בורזשואזע אידעאלאגיע. די קאנסטרוקטיווע, פאזיטיווע ארבייט וועט שוין שפעטער קומען. זאל זיין, אז רוסלאנד איז נאך ניט מסוגל צו ווערען אן עכטע סאציאליסטישע לאנד, זי קען אבער דיענען אלס דער סטענדערד, פון וואנעט מען קען פרעדיגען רעוואלוציאנערע סאציאליסטישע געדאנקען פאר אנדערע לענדער, וואו די אינדוסטריע איז שוין מעהר ענטוויקעלט. פון א סאוויעטען רוסלאנד שפריצען פונקען אין אנדערע לענדער, וואו דער קאפיטאליזם איז שוין ענטוויקעלט, וואו די אטמאספערע איז עלעקטריזירט... און ווען גאנץ אייראפא וועט קומען אין באוועגונג פאר א נייע וועלט, וועט רוסלאנד גופא דערפון זעהר פיעל געניסען הן עקאנאמיש, הן קולטורעל.

וועגען דעם באלשעוויזם בכלל זיינען פאראן, ווי מיר זעהען, גרויסע מיינונגס-פארשיעדענהייטען צווישען די סאציאליסטען גופא, אבער דא איז ניט מיין אויפגאבע צו ריידען איבער דעם באלשעוויזם פונ'ם סאציאלען און עקאנאמישען שטאנדפונקט, נור פון דעם ריינעם אידישען שטאנדפונקט.

# פארנעמט אלע לעדיגע הייזער!

(פעליעטאן)

פון לעבעדיגען.

אין די לעצטע עטליכע וואכען הערט מען פון אלע זייטען א געשריי: פארנעמט אלע לעדיגע הייזער! געפעלט מיר דער געשריי, כאטש דערווייל איז עס ניט מעהר ווי א לעדיגער געשריי אין א פוסטער הויז.

פארנעמען אלע לעדיגע הייזער! דאס איז ערשטענס טאקע דער איינציגער פראקטישער פלאן צו לייזען די וואוינונגס-פראגע. טאקע, צו וואס דארפען שטעהן לעדיגע הייזער, ווען מענשען קענען ניט געפינען קיין סימן פון א דירה!

און צווייטענס, אז דאס אן אנפאנג פון סאציאליזם און סאציאלע גערעכטיגקייט. ווען א רעגירונג וועט קומען צום שכל, אז ס'איז אן אומרעכט, אז איבריגע מענשען זאלען האבען לעדיגע פאלאצען אין שטאדט און אליין וואוינען ערגעץ אין די קאנטרי אויך אין אייגענע פאלאצען, אין דער צייט ווען אנדערע מענשען האבען נים קיין היים ניט אין שטאדט און ניט אין דער קאנטרי, — דאן וועט עס זיין אן אנהויב פון דער סאציאלער רעוואלוציע.

דריטענס: איז דאס פשוט לאגיש אויך, ווייל ס'איז דאך גלייכער פאר יעדער רעגירונג צו אוועקנעמען הייזער ווי אוועקצונעהמען דעם געהנם פון איהרע איינוואוינער, וועלכע מוזען זיך שטיקען און דריקען אין פינסטערע לעכער.

און פערטענס, איז דאס אפילו שעהן און מענשליך אויך...

שטעלט זיך פאר, מען נעהמט אוועק אלע ניט באוואוינטע פאלאצען פון אזעלכע עושרים, און מען זעצט אהין אריין ארימע דירה-לאזע מענשען און אין די קינדערלאזע פאלאצען וואו עס פלעגט בלויז גרילצען די שטימע פון א גראב-בייכיגען קאפיטאליסט וועט זיך הערען די שטימע פון קליינע קינדערשע-לאך... און ארימע מענשען וועלען זיצען אין גרויסע [illegible] און הנאה האבען פון דער וועלט.

[illegible] זאל זיין דער ערשטער וואס האט ארויסגעלאזט דעם געשריי: פארנעהמט אלע לעדיגע הייזער!

איך פאל אריין אין עראינערונגען: איך דערמאהן זיך ווי איך פלעג אמאל אין די בעסטע יאהרען, ווען איך האב געהאט צייט און א געליבטע, ארומשפאצירען מיט „איהר" איבער דער שעהנער 5טער עוועניו. און מיין געליבטע פלעגט מיר מיט ענטציקונג און מיט א זיס-ליב-פינגעריל, וועלכען איך האב אזוי ליב געהאט צו קושען, ארויסענטצייקען, אבוויזענדיג אויף א פאלאץ וועלכען מיר זיינען פארביי-געגאנגען: — עה, ווי גוט וואלט געווען ווען מיר קאנען דא וואוינען!

און איך האב זיך דאן געפיהלט זעהר שלעכט. זעהר!...

ווייל וואס וואלט איך דאן ניט געטאן אום צופרידענשטעלען מיין טהייערע, שעהן מיידעל!

איך וואלט געטאן אלץ אין דער וועלט פאר איהר. איך וואלט געקראכען אויף דער לבנה, געקעמפפט מיט לייבען און לעמפערטען, געשפרונגען אין ים אריין — און דא שטעהט פאר דיר א פאלאץ און דו קענסט גאר ניט טאן... אן דיין גאנצע העלדישקייט איז בלויז א פראגע...

און די געליבטע איז ניט פויל און פלאפלעט ווייטער: אין אזא פלאץ וואלט מיר ניט מיאוס געווארען צו זיצען מיט דיר אייביג!

און איך ווייס ניט וואס צו ענטפערען... אודאי, זאג איך... געוויס... איך אויך.. אבער איך פיהל, אז דאס איז גארניש... און אז אלע מיינע מעשיות וואס איך פלעג איהר לייענען וועגען פאלאצען, פרינצען און פרינצעסינס זיינען ניט געווען קיין אויסגעבלאזענע זאך...

און איך כאפ זיך אוועקצופיהרען מיין געליבטע פון דעם דאזיגען געפעהרליכען פלאץ, פון דער 5טער עוועניו. און בעקענטיג קלעהר איך, וואס וואלט טאקע געווען געשעהן, אז איך זאל קאנען האבען פאר מיין געליבטער איינעם פון אזעלכע פאלאצען כאטש אפילו א קלענערען?!

און איך פלעג זיך ערשט בארוהיגען ווען איך האב דערזעהן די שווארצע טענעמענטס פון די איסט-סיידער גאסען...

דא האב איך געפיהלט פיעל היימישער, און היימליכער. אין די דאזיגע גאסען האב איך זיך געפיהלט זיכער מיט א י ה ר. דא וועט זי ביי מיר ניט מאכען קיין פאלאצען!... — — — — — — —

עה, לעזער, ווען וועט טאקע ווערען א פאקט דער רוף: פארנעהמט אלע לעדיגע הייזער?

## א פארלאנג פון פאסט אפיס דעפארטמענט.

אין דער צייט פון יאהר ווערען געשיקט מאסען בריעף, ווינשעוואניעס און הויפטזעכליך לשנה טובה קארדס און די בעאמטע פון פאסט אפיס בעטען דער אידישער באפעלקערונג צו מיילען דיעזע זאכען ריכטיג, אום אויסצומיידען פיעלע שוועריגקייטען.

דער פאסט אפיס דעפארטמענט בעט דעם עולם צו מיילען די „ניי יאהרס"-קארטען אין „יוניפארם"-קאנווערטען, לוי'ט דער סייז פון די קארטען. מאנכע לעגען אריין א קליין קארטעל אין א גרויסע קאנווערט, און דאס גיט די פאסט אפיס קלוירקס עקסטרא טראבעל. זאלען די וואס שיקען לשנה טובה קארדס דאס נעהמען אין אכט.

## געפונען טעאטער טיקעטס.

אין אפיס פון דזשאינט באארד, 40 איסט 23טע סט., איז געפונען געווארען א באנדעל טעאטער-טיקעטס. ווער עס האט עס פארלארען זאל זיך מעלדען אין דעם אפיס, אויף דעם אויבענגערמעלדעטען אדרעס, אין דעם סקוירט און דרעס דעפארטמענט.

ס. פ ר ע מ ע ר,
ביזנעס אייזשענט סקוירט און דרעס דעפארטמענט.

# אין טעאטער

(„שטילע כחות", דראמא אין 4 אקטען פון זשאן עקאר, אויפגעפיהרט אונ־טער דער רעזשי פון רודאלף שילדקרויט.)

ברוך הבא, רודאלף שילדקרויט!

פאר די ליבהאבער פון אמת'ער רעא־ליסטישער קונסט אויף דער ביהנע איז די בשורה, דאס רודאלף שילדקרויט קומט צוריק נאך ניו יארק, אום ווידער אמאל צו שפילען אויף דער אידישער ביהנע, אין זיכער געווען א גוטע, א גליקליכע בשורה. ווענינסטענס פאר אונז איז עס אזוי געווען. מיר האבען זיך דערמאנט אן דעם גרויסען גייסטיגען פארגעניגען, וואס ער האט אונז פערשאפט דורך זיין שפילען אין פארשידענע ראליען מיט עטליכע יאהר צוריק, ווען ער איז דא געווען צום ערשטען מאל אין, ניו יארק, און מיר האבען זיך געפיהלט באמת גוט, דאס מיר וועלען ווידער האבען די געלע־גענהייט צו זעהען רודאלף שילדקרויט, דעם ווירקליך־אונפארגלייכליכען קינסט־לער, דעם ביהנען־זשעניע, שפילען אויף דער אידישער ביהנע.

מיר האבען ווירקליך זיך געפיהלט דאנקבאר און פארפליכטעט צו דער מע־נערזשמענט פון דעם אידישען קונסט־טעאטער פאר דעם גליקליכען איינפאל צוריק צו ברייגנען רודאלף שילדקרויט קיין ניו יארק, אפילו, ווען מיר מוזען נע־מען אין נרן דאס שפילען פון מאדאם שניצער. וואס מאכט עס אויס, האבען מיר געטראכט, און טראכטען נאך איצט, ווער עס שפילט מיט רודאלף שילדקרויט, אבי ער אליין שפיעלט.

פאראן זעלטענע פיעסען און ראליען, וועלכע מאכען גרויס דעם אקטיאר אדער די אקטריסע, וועלכע שפילען אין זיי. פאראן ווידער אקטיארען און אקטריסעס, און אויך די זיינען בלויז איינצעלנע, וועלכע מאכען גרויס די פיעסען און די ראליען, וועלכע זיי שאפען.

רודאלף שילדקרויט איז איינער פון פון דיזע גאט־געבענשטע קינסטלער. ער שטעהט איבער דער פיעסע. זיין שפי־לען אין עס, וואס מאכט די פיעסע. ער ברייגגט אריין לעבען, נשמה אין אלץ, וואס ער שפילט ביט — אט דאס איז זיין סוד. מיר ווייסען ניט, ווי ער טוט עס. אבער ער טוט עס, אמאל דורך א קוועטשט מיט די פלייצעס, אמאל מיט א גאנץ אייגענטימליכע באטאנונג פון אן איינפאכען ווארט, אבער ער טוט עס, און באלעבט דאס, וואס אהן איהם איז טויט.

רודאלף שילדקרויט איז, לויט אונזער מיינונג, דער גרעסטער קינסטלער, וואס די אלוועלטליכע ביהנע פארמאגט. ניט נאר קיין גרעסערען, נאר מיר האבען קיין גלייכען צו איהם ניט געזעהן. ער דערגרייכט זיינע מערקווירדיגע עפעק־טען מיט דער קלענסטער מאס פון אנ־שטרענגונג. ער איז אזוי נאטירליך, ווי די נאטור. זיין כוח איז א שטילער, אבער ווירקט דערפאר דאס שטארקער אויף דעם צושויער.

יע, רודאלף שילדקרויט'ס צוריקקו־מען צו דער אידישער ביהנע אין ניו יארק איז א גרויסער געווינס. דער אי־דישער ניו יארק, וואס האט די מינדעס־טע השגה פאר אמת'ע קונסט, דארף זיך שעצען אמת גליקליך, וואס רודאלף שילד־קרויט איז ווידער מיט אונז, און דאס מאל, לאמיר האפען, וועט ער שוין פאר־בלייבען מיט אונז. פון גאנצען הארצען רופען מיר אויס: ברוך הבא, רודאלף שילדקרויט!

פון רעסטווענען גוט, ווי מיר פיהלען, וואס דער גרויסער קינסטלער איז ווידער מיט אונז, קענען מיר דאך ניט פארשווי־גען שוין גלייך פון אנפאנג איין גרויסען חסרון זיינעם, און דאס איז וואס ער איז כמעט ווי גלייכגילטיג סיי צו דער פיע־סע, אין וועלכער ער שפילט, אבי ער האט נאר פאר זיך א געוויסע ראליע, און סיי צו די, וועלכע שפילען מיט איהם. דאס ברייגגט דערצו, אז דער גרויסער גע־נוס, וואס איינער האט פון זיין שפילען, ווערט משנכעס מאל כמעט ווי פאר־שטערט.

נאך אלעמען נעהמט ניט דער עולם אין טעאטער בלויז צוליב איין אקטיאר, בלויז צוליב איין ראליע, בלויז צוליב דעם גענוס פון בלויז א פאר מאמענטען. דער עולם נעהמט אויך אין טעאטער צוליב דער פיעסע. איז די פיעסע אזא, וועל־כע אפעלירט ניט צו זיינע געפיהלען און ניט צו זיין שכל, מעג איין אקטיאר זיין ווי וואונדערבאר גוט, און דער גענוס פון זיין שפילען ווי גרויס, וועט ער דאך פארלאזען דעם טעאטער מיט א געפיהל פון באדויערען: טאקע גוט, טאקע גאנץ שעהן, רודאלף שילדקרויט בלייבט שילד־קרויט, אבער וואס איז די פעולה? די פיעסע טויג ניט. דיזעלבע אונצופרי־דענהייט פון דעם צושויער וועט אויך זיך ארויסווייזען, ווען דער גרויסער אק־טיאר איז דער איינציגער, וואס שפילט גוט. עס קומט דאן אויס אזוי: דער גרויסער קינסטלער דערהויבט ניט די איבעריגע צו זיך, נאר זיי שלעפען איהם ארונטער. אויף וויפיעל ער פאררעקט ביז צו א געוויסען גראד זייער ניט קע־נען, אויף אזויפיעל פארדונקלען זיי זיין גוטען שפילען מיט זייערע גרילצענדע טענער, מיט זייערע אומגעלומפערטע בא־וועגונגען, מיט זייער אויגען־אויסשטע־לענדער טאלאנטלאזיגקייט.

געוויס קען מען ניט פארלאנגען פון רודאלף שילדקרויט, ער זאל שפילען ניט אנדערש, ווי נאר אין דראמען פון דער העכסטער קונסט — ווייל, ערשטענס, וואלגערען זיך ניט אזעלכע קונסטווערק אין די גאסען; און, צווייטענס, ווען עס זאלען אפילו זיין אזעלכע, דארף מען אויף זיי זיין א גרויסער מבין. און, מאדנע, ווי דאס מעג אויסזעהן, קען איי־נער זיין א גרויסער אקטיאר, און דאך ניט קענען אפשעצען דעם ווערט פון א פיעסע, אויף ווי ווייט זי איז אמת'ע קונסט, אויף ווי ווייט זי איז פול מיט'ן אמת'ן לעבען און מיט אמת'ע לעבעדיגע מענשען. די מייסטע אקטיארען, און זאגאר די סאמע בעסטע, זיינען אזוי בא־שאפען, אז זיי קענען ניט זעהן די פיעסע, אלס גאנצע, זיי זעהען אין איהר בלויז א געוויסע ראליע, עטליכע שעהנע, איינ־דרוקספולע זשעסטען פאר זיך. אלעס אנ־דערעס איז פאר זיי פון א גאנץ קנאפען ווערט.

דאך, ניט שטעלענדיג אין דעם פרט קיינע צו גרויסע פאדערונגען, איז עס אבער צו פיעל פארלאנגט, אז די פיעסע, אין וועלכער א רודאלף שילדקרויט שפילט, זאל זיין כאטש א גוטע מיטעל־מעסיגע פיעסע, זאל זיין כאטש וויפיעל עס איז ביים וועג?

ליידער קענען מיר עס ניט זאגען וועגען דער פיעסע, אין וועלכער דער גרויסער קינסטלער האט עס ניט געהאל־טען פאר אונטער זיין ווירדע אויפצוטרע־טען אין איהר ביי זיין ערשטען ווידער־ערשיינען אויף דער אידישער ביהנע.

די פיעסע איז א פראנצויזישע. קען זיין, אז אין אריגינאל איז זי ניט אזוי רוזשיס. אבער אין איהר אידישען מלבוש מאכט זי א גאנץ ווידערליכען משונה'דיגען איינדרוק.

מרדכי רוטענבערג, א געוועזענער זייגער־מאכער, און איצט א רייכער מאן, לעבט יאהרען לאנג מיט זיין פרוי, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט די גאנצע צייט געוואוסט, אז מיט יאהרען פריהער, וועהרענד זיי זיינען שוין געווען מאן און פרוי, האט זיין פרוי, רעגינע, געהאט א ליובאוויניק, און דאס זיין זוהן, אדאלף, איז ניט זיין זיין קינד, נאר פון איהר ליובאוויניק, וועלכער איז צו דער רעכטער צייט געשטארבען.

איז עס, אפשר, ביי די פראנצויזען א געוועהנליכע ערשיינונג: דער מאן האט זיך זיינע געליבטע, און די ווייב מאכט זיך ניט זעהענדיג. דערפאר איז ניט מעהר ווי רעכט, אז די ווייב זאל מאן דאס זעלבע, און מאן און פרוי זיינען, זא־צו־זאגען, קוויט. אבער צווישען אי־דען איז דאס דערווייל עטוואס גאנץ אונ־געוועהנליכעס. מען דארף ניט זיין קיין אידישער שאוויניסט, אום צו קענען זא־גען מיט פולען רעכט, אז אזא ווארט פא־מיליען־לעבען איז כמעט ניט צו געפינען צווישען אידען, און דאך פארלאנגט פון אונז די דאזיגע פיעסע, אז מיר זאלען זי־צען אין טעאטער און גלויבען אלץ, וואס דארט ווערט דערצעהלט אויף דער אונ־גליקליכער רעגינע, און פון וועמען? פון איהר אייגענעם מאן, מרדכי רוטענבערג.

עס פארשטעהט זיך, אז מיר נעמען זיך ניט אן דא פאר טהרת המשפחה ביי אי־דען. מיר וועלען צוגעבען, אז אזעלכעס קען פאסירען אויך מיט א אידישען זייגער־מאכער. אבער דאן דארפען מיר ז ע ה ן, ווארום דאס האט געקאנט פאסירען. אנגענומען אז מרדכי רוטענ־בערג איז ליידענשאפטליך פארליבט אין זיין פרוי. ליידעט ער טאקע, אבער די ליבע איז מכפר אויף אלעס. ליידעט ער און שווייגט. אדער אנגענומען, דאס ער איז א גרויסער פייגלינג, א מענש אהן כאראקטער. אונטער די אומשטענדען קען דאס געמאלט זיין אויך ביי אידען. עס קענען אויך זיין אנדערע אומשטענ־דען, וועלכע זאלען אפילו א אידישען זייגער־מאכער צווינגען צו שטיקען זיך מיט זיין סוד. אבער וועגען דעם אלעם איז קיין ווארט ניטא אין דער פיעסע. מיר וואלטען זיך קיינמאל ניט דער־וואוסט, אז מרדכי רוטענבערג ווייס פון דעם אלעם, און די גאנצע „דראמע" וואלט קיינמאל ניט געקאנט געמאלט זיין, ווען רעגינא, זיין פרוי, וואלט ניט איינגעפאלען דער געדאנק צו פארהיירא־טען איהר טאכטער מיט אן אלטען אריס־טאקראט, און ווען זי וואלט זיך ניט גע־שטעלט געגען איהר טאכטער'ס ליבע צו א יונגען דאקטאר. און נאר דערפאר, ווייל ער איז געבארען אלס אונגעזעצליך קינד. דאס דאזיגע ווייסען באנוצט מרדכי רוטענבערג אלס א וואפע געגען זיין פרוי און געגען „זיין" זוהן, אום אויסצופיהרען, אז זייער טאכטער אסתר זאל קענען אונגעשטערט הייראטען דעם דאקטאר. איז אזא מאדנע אויפפיהרונג פריקרע אפילו פון דער זייט פון א פראנ־צויזישען מרדכי. נאר פאר איהם ארט אונז ניט. וואס קען רעדן ניט א פראנ־צויז? אבער א אידישער מרדכי, מעג זיין הארץ זיין ווי ברייט, און מעג זיין טאלעראנץ זיין ווי טיעף, קען ניט און וועט ניט לעבען מיט א פרוי, וועלכע ער ווייס, האט געלעבט מיט א צווייטען און מזכה געווען איהם מיט א קינד אלס זיין זוהן. נאך ווייניגער וועט זיך אזא אי־דישער רייכער זייגער־מאכער, מעג ער זיין א מלאך, זיך לאזען טעראריזירען יאהרען־לאנג פון אזא פרוי, ווי ער האט עס געטאן. און זיכער, קענענדיג די פארדארבענהייט איהרע, וועט ער ניט לאזען זיין טאכטער, זיין אמת'ע טאכ־טער, אונטער'ן איינפלוס פון אזא מאמע. און דאך שטיקט עס דער מרדכי אלעם אין זיך, ליידט, ווי נאר א מענש קען ליידען, און קיין מענש אין דער וועלט קען ניט אנגעבען דעם מינדעסטען גרונד, ווארום ער טוט עס. עס שטעלט זיך די פראגע, ווארום האט ער זיך שוין לאנג ניט גע'גט מיט דער ארורה, וועלכע האט איהם געמאכט דאס לעבען פאר אן אמת'ן גיהנום?

געוויס, וואלט די דאזיגע אונמעגלי־כע ראליע געשפיעלט געווארען פון א קלענערען אקטיאר, ווי רודאלף שילד־קרויט, וואלט דער עולם גלייך דערפיהלט, אז דאס איז ניט מעהר ווי א קאריקאטור, ווי אן אויסגעטראכטע באבע מעשה און וואלט דאס גאנצע אויפגעפאסט, אלס א פארס. שפיעלט עס אבער שילדקרויט, און ער האט דעם כח צו פארטויבען פאר א ווייל דעם פארשטאנד פונ'ם צושוי־ער. ער מאכט לעבעדיג פאר איהם דעם טויטען, אדער ריכטיגער, קיינמאל ניט געבארענעם מרדכי רוטענבערג. ער שפיעלט א מענשען מיט א גרויסער נשמה, וועלכער ליידעט אין דער שטיל, און נים, ווייל ער איז שוואך, נאר דוקא, ווייל ער איז פון א מערקווירדיג־שטאר־קען כאראקטער, אזוי לעבעדיג, אזוי רעאל, אזוי קונסטפול, אז דעם צושוי־ער פאר דער מינוט פאלט גארנים איין צו שטעלען וועלכע עס איז פראגען. דא ווירקט רודאלף שילדקרויט'ס שפילען, ווי אן אמת'ער כישוף, אבער דאך איז עס א כשוף, וואס האלט ניט אן לאנג. א מינוט נאך דער פארשטעלונג, ניין, נאך יעדען אקט, מוז דער צושויער קומען צו זיין באזינונג, און פיהלען א מין ווידער־טעם נעגען דאס, וואס איהם האט אויף דעם מאמענט אויסגעזעהן אזוי רייצענד, אזוי שעהן, און אזוי אמת'דיג.

מיר פארשטעהען, ווארום די דאזיגע ראליע האט געהאט א באזונדערען רייץ פאר רודאלף שילדקרויט. עס איז א ראליע פון א שטילען מענש, וועלכער איז באמת א גייסטיגער ריעז. אזא ראליע איז ווי צוגעמאסטען פאר שילדקרויט'ס טאלאנט. אן עהנליכע ראליע האט ער אין דער פיעסע „קעטענגלידער", אין וועלכער מען קען ערשט ריכטיג אפשע־צען שילדקרויט'ס וואונדערבארע קונסט. דערפאר איז ער אויך אזוי וואונדערבאר גרויס אין זיין שיילאק, וועלכען ער שפילט גאנץ אנדערש, ווי ווער־עס־איז פון די גרעסטע און בארימטעסטע ביה־נען־קינסטלער. יע, ביז צו א געוויסען גראד איז די ראליע פון מרדכי רוטענ־בערג צוגעפאסט צו שילדקרויט'ס טא־לאנט, אבער אלעם ארום דער ראליע, די אלע אומשטענדען ארום איהר, פיהרען איבער ביז צו א גרויסען גראד דעם טי־פען איינדרוק פון זיין ערהאבענעם שפילען.

עס איז נאך א שטיקעלע גליק, וואס די גאנצע צייט כמעט, וואס די דאזיגע דראמע — אויב מען קען דאס אזוי אנ־רופען — ווערט געשפילט, איז שילד־קרויט אויף דער ביהנע. ער, מיט זיין שפילען, לאזט נים, ווי מיר האבען שוין געזאגט, קומען דעם צושויער צו זיין בא־זינונג. ער באצויבערט איהם. עס זיי־נען אבער דא מאמענטען, ווען ער לאזט איבער די ביהנע פאר די אנדערע אק־טיארען, למשל, ווען אסתר, זיין טאכ־טער, האט א ויכוח מיט איהר ברודער'ס כלה, אגנא אשכנזי, וועלכע זיינען ביידע — מעגען זיי אונז מוחל זיין, ניט קיין נאר גרויסע אקטריסעס, אדער, ווען אדאלף, מרדכי'ס „זוהן" און דאקטאר לעאן האבען צווישען זיך זייער סכסוך, אדער, ווען רעגינא און דער מחותן אשכנזי שפינען זייער אינטריגע געגען דעם אלטען מרדכי, דאן ווילט זיך פשוט צומאכען די אויערען. מענשען ריידען, אבער זייערע ווערטער זיינען אהן טעם און אהן לעבען. די סצענע איז טויט. עס פעהלט שילדקרויט.

נאר אפילו, ווען ער איז דא, און זיינע ווערטער, זיינע זשעסטען, דער שפיל פון זיין פנים, מאכען אויף אייך א טיפען איינדרוק, ווערט עס פלוצלונג צו־שטערט דורך די גרילצענדע, הילצערנע ווערטער, וואס עס רעדט ארויס דער צווייטער אקטיאר אדער אקטריסע, און איהר באדויערט, וואס אביסעלע בעסע־רע קינסטלער שפילען ניט מיט מיט שילד־קרויט. זייער שלעכט שפילען מאכט קאליע, שטארק קאליע זיין גוטען, זיין וואונדערבארען שפילען.

לאמיר ריידען גאנץ אפען, כדי עס זאל ניט פאלען קיין אומזיסטער חשד, אז מיר האלטען, חלילה, דאס שפילען פון מאדאם אבראמאוויטש פאר ניט גוט גע־נוג, אדער דאס שפילען פון מר. פריד, אדער זאגאר פון מרס. אפעל. ניין, זיי אלע שפילען זייערע ראליען גאנץ גוט. ווען מיר ריידען פון שלעכט שפילען, האבען מיר אין זינען מעהר פון אלץ דאס שפילען פון מאר. שניצער, וועלכע שפילט די ראליע פון אסתר, מרדכי'ס טאכטער.

מיר זיינען איהר מוחל, וואס זי האט גארניט געשאפען פון איהר ראליע. דער־צו האט זי זיכער ניט דעם נויטיגען טא־לאנט. אבער ווען זי וואלט כאטש גע־קאנט ריידען א י נ פ א ך, ווי א מיידעל דארף און זאל ריידען; ווען זי וואלט געקאנט ארויסווייזען איהר פארצווייפלונג, איהר צארן, איהר שמערץ, ווי א געוועהנליכער מענש טוט עס יעדע מינוט, וואלטען מיר שוין ווי עס איז שלום געמאכט מיט איהר שפילען. אבער פון דעם אלעם איז קיין שפור ניטא. יעדעס ווארט פון איהר קומט ארויס אזוי גרילצענד, אזוי האמעטנע. יעדע בא־וועגונג איז אזוי אונגעשיקט, אז ווירקליך עס איז א פארדרוס. שפילט זי מיט אן אנדער אקטיאר, מערקט מען עס ניט אזוי שטארק. אבער גראדע מיט שילדקרויט, וועמעס אויסשפראך איז אזוי שעהן, אזוי קלאר, וועמעס יעדע באוועגונג איז אזוי בא'חן'ט און בא'טעם'ט, און וועמעס יעדער ריהר רעדט, מאכט איהר שפילען, ריכטיגער, ניט שפילען, א זעהר אונאנגע־נעמען איינדרוק.

מעגליך, אז מיר האבען א טעות: מעגליך, אז אויף אנדערע מאכט איהר שפילען א גאנץ אנגענעמען איינדרוק, ווייל איהר אויסערליכע ערשיינונג איז ווירקליך א זעהר שעהנע, זאגאר א ריי־צענדע. אבער מיר גיבען דא בלויז אונ־זער פערזענליכען איינדרוק, און מיר זיי־נען נאך אימער פון דער מיינונג, אז אויס־סער איהר גאנץ שעהנע ערשיינונג, בא־זיצט מאדאם שניצער גארניט, וואס זאל איהר בארעכטיגען צו זיין אויף דער ביהנע, און מעהר נאך, שפילען ראליען אין וועלכע עס פאדערט זיך כאטש עט־וואס טעמפעראמענט.

מרס. אבראמאוויטש האט געשפילט די ראליע פון דער רינסט. נאטירליך, האט זי געשפיעלט די ראליע גאנץ גוט, אבער מיר מוזען זאגען, עס איז ניט קיין ראליע פאר איהר, און מען האט נאר אין איינצעלנע מאמענטען גע־קאנט דערקענען די אמת־טאלאנטפולע קינסטלערין.

קיין פיעל בעסערען גליק מיט זייערע ראליען האבען געהאט היימאן מייזעל אין זיין ראליע, אלס באנקיר אשכנזי, גוסטאוו שאכט, אלס דאקטאר, וועלכער, מען האט געזעהן באשיינפערליך, האט גארנים זיין הארץ אין דער ראליע; און אנא אפעל, אלס מרדכי רוטענבערג'ס פרוי, וועלכע איז עס נעבאך, דער ווילען אין דער פיעסע. דער איינציגער, וואס האט זיך נאר ניט שלעכט ארייננעפאסט אין זיין ראליע, איז לאזאר פריער, וועל־כער שפיעלט די ראליע פון אדאלף. ווע־גען ראזע זילבערט, וועלכע האט גע־שפילט אין דער ראליע פון אדאלפ'ס כלה, איז שווער צו זאגען אירגענד א בא־שטימטע מיינונג, ווייל איהר ראליע איז מייסטענס געווען א שטומע ראליע.

דער קריטיקער.

# אמת'ע אישוס און געבלאפטע

פון נ. בוכוואלד.

מען דארף זיך נישט חידוש'ן, וואס דער הייאָהריגער קאמפּיין איז אזוי ארים אין אישוס, וואס נישט די דעמא־קראטען און נישט די רעפּובליקאנער האָ־בען ביז אהער ארויסגעבראכט א וויכטי־גע פּראבלעם, וואס זאל ווירקליך אנריה־רען די אינטערעסען פון פאלק. די איינ־ציג וויכטיגע אישו, די איינציג באדיי־טענדע פראגע אין דעם אמעריקאנער לע־בען, אזוי גוט ווי אין דעם לעבען פון די אייראפּעאישע פעלקער, איז די פראגע פון אינדוסטריעלען קאנטראל, און אָט די פרא־גע קען קיינע פון די צוויי גרויסע פּאר־טייען נישט ארויסרוקען, און ווען זיי וואלטען דאס קאָנען, וואלטען זיי עס נישט געוואָלט צו טאָן.

דער בליק איז פארשפּרייט אפילו צווי־שען די ערענסטערע און אינטעליגענטערע באאָבאכטער פון די וועלט פּאסירונגען, אז אמעריקא איז דערווייל פּאלשטענדיג געזיכערט פון די רעוואלוציאנערע שטור־מען און וואולקאן־אויסברוכען פון אייראָ־פּא. די קאפּיטאליסטישע שטאטסלייט און פּובליציסטען שרייען אפילו וועגען דער באלשעוויסטישער געפאהר, זעהען באלשעוויזם אפילו אין יעדען סכסוך צווי־שען ארבייטער און ארבייטגעבער, אבער אלע וויסען, אז זיי זיינען נישט ערנסט אין זייערע געשרייען, אלע וויסען, אז זיי קלאפּען טרעוואגע נישט דערפאר וואס זיי רעכענען ווירקליך אז די געפאהר איז גרויס, נאר אלס פארשיידענע דעמאגאָ־גישע מאָטיוען — צו שרעקען דעם עולם, אנצוואווארפען א פּחד אויף די לייכט־גלוי־ביגע בירגער און אין דער אטמאספער פון דעם דאָזיגען פּחד דורכצופיהרען רע־אקציאנערע געזעצען אדער פּערזענליכע אמביציעס.

דער אמעריקאנער געשעפטסמאן, אזוי גוט ווי דער אמעריקאנער פּאליטישען, האט קיין מורא נישט פאר דעם געוויטער פון באלשעוויזם, ער באטראכט איהם פאר א טעאָרעטישער געפאהר, א זאך וואס קומט פאר אין דער משוגע'נער אייראָ־פּא, אבער וואס קאן קיין שליטה נים האבען אויף אמעריקאנער בירגער און אמעריקאנער איינריכטונגען. און ווי באלד אמעריקא איז געזיכערט נעגען דער באל־שעוויסטישער געפאהר, איז זיך נישטא וואס צו איילען מיט פּראגרעסיווע גע־זעצען, איז נישטא קיין אורזאכע ארויס־צורוקען די פראגע וועגען אינדוסטריע־לען קאנטראל און נאכגאבען אפילו טייל־ווייז די פאָדערונגען און וואונשען פון די ארגאניזירטע און אונארגאניזירטע אר־ביטער.

און די פּראגרעסיווע עלעמענטען, די ארבייטער, די ליבעראלען, און אפילו די סאציאליסטען, זיינען אויך גענייגט צו אונטערשעצען דעם מאסשטאב, די רייפ־קייט פון דער סאציאלער אומצופריעדענ־הייט אין אמעריקא. אזוי ווי די פראגע וועגען דער מעגליכקייט אדער אוממעג־ליכקייט פון א גיכער רעוואלוציע אין אמעריקא איז איינער פון די שטרייט־פּונקטען צווישען די סאציאליסטען פון איין זייט און די קאמוניסטען, די א. וו. וו. און אז. וו., פון דער אנדערער זייט, ווערט איהר אפּט הערען ווי סאציאליסטען באווייזען אייך שווארץ אויף ווייס, אז דערווייל איז אמעריקא נאך ווייט, ווייט פון א צושטאנד פון באוואוסטזיניגער אומ־צופריעדענהייט, אז דערווייל איז נאך ני־טא קיין האפנונג אויף ארגאניזירען, רע־וואלוציאנערע ארויסטרעטונגען פון די מאסען, און אז, פאלגליך, מוז מען נעהן פּאמעלאך און נישט מקריב זיין די פּראק־טישע, אויב אפילו נישט ווייטגעהענדע, צוועקען צוליעב רעוואלוציאנערע ראמאנ־טיק.

סיי די קאפּיטאליסטישע און סיי די סאציאליסטישע ווארט־פיהרער זיינען גע־רעכט, ווען זיי באהויפּטען, אז אין אמע־ריקא זיינען די אומשטענדען נישט רייף און נישט גינסטיג פאר א רעוואלוציע, פאר א ראדיקאלער ענדערונג אין די עקא־נאמישע און פּאליטישע פארמען און פאר־העלטניסען. אבער די פראגע דארף נים אויסגעשטעלט ווערען אזוי שמאל, אזוי פּראווינציעל. אמעריקא איז נישט אפּגע־זונדערט פון דער גרויסער וועלט, פון דער צוזאמענבּרעכענדער רעוואלוציאנערער אייראפּא, און אמעריקא קאן נישט פאר־בלייבען שטארק, עקאנאמיש געזונד, ווען אייראפּא נעהט אפּ מיט בלוט, שטארבט פאר הונגער און האלט אין צוזאמענברע־כען.

אין א געוויסען זין אנערקענען די דעמאקראטען, אז דער שיקזאל פון אמע־ריקא איז ענג פארבונדען מיט די פּאסי־רונגען אין אייראפּא. די פאדערונג, אז אמעריקא זאל אריינטרעטען אין דער נא־ציאנען־ליגע שטאמט פון דער איבערציי־גונג, אז אמעריקא און אייראפּא האבען אלגעמיינע אינטערעסען און מוזען צוזא־מענהעלפען זייערע כוחות פאר א געמיינ־שאפטליכען צוועק. די נאציאנען־ליגע, ר. ה. דער בונד פון אלע קאפּיטאליסטישע רעגירונגען, איז די איינציגע האפנונג פון די אינטערנאציאנאלע קאפּיטאליסטען, די איינציגע קראפט, וואס קאן זיך ערפאלג־רייך שטעלען אנטקעגען דער וואקסענדער מאכט פון די רעוואלוציאנערע ארבייטער. די נאציאנען־ליגע, ווען זי זאל זיין שטארק ארגאניזירט און ווירקזאם, וואלט געהאט אן ארמיי הינטער זיך, וואלט אויך געהאט אזעלכע צוואנגס־מיטלען ווי א בלאקאדע, עקאנאמישער באיקאט, א. ז. וו., און וואלט דורכדעם געקאנט דערשטיקען יעדען פאר־זוך אין יעדען לאנד אומצואווארפען די קאפּיטאליסטישע ארדנונג.

די רעפּובליקאנער, ווידער, זיינען מעהר פּראווינציעל און זעהען נישט איין די גרויסע וויכטיגקייט פון דער נאציא־נען־ליגע, די גרויסע דיענסט, וואס אזא זשאנדארמעריע וואלט געקאנט ברענגען דעם אינטערנאציאנאלען קאפּיטאליזם. און אפילו אויב זיי וואלטען דאס יא איינ־געזעהן, וואלטען זיי געזאגט „ניין", פּשוט דערפאר, וואס די דעמאקראטען זאגען „יא". ווארום גרעסער פון אלע פראגען, וויכטיגער פון אלע פּראבלעמען, איז די פראגע וועגען דעם אויסגאנג פון די וואה־לען, וועגען דעם, וועלכע גרופּע וועט צו־געלאזט ווערען צו דער קארעטע. אזוי איז שוין אונזער בעסטע פון אלע דע־מאקראטיעס.

צווישען אמעריקא און אייראפּא איז אבער דא א וויכטיגערער געמיינשאפט־ליכער פאקטאר ווי די דערווייל טויט־געבוי־רענע נאציאנען ליגע. די פּראדוקציע אין אמעריקא איז ענג פארבונדען מיט דעם צושטאנד פון אייראפּעאישע פינאנסען, און די אייראפּעאישע פינאנסען זיינען שטארק אפּהענגיג פון דעם, ווי שנעל אייראפּא וועט קענען צוריק אויפבויען איהרע אינ־דוסטריען און קריגען די נויטיגע זאפּא־סען תבואה און רויהע מאטעריאלען.

דער יקרות וואס הערשט אין אייראָ־פּא און אין אמעריקא איז בלויז אן אפּ־שפּיגלונג פון דער דאָזיגער פראגע. די ארבייטסלאזיגקייט, וואס הויבט זיך אן שטארק צו מערקען אין אמעריקא איז א דירעקטער פּועל יוצא פון דעם צושטאנד פון אייראפּא'ס פינאנצען און אייראפּא'ס אינדוסטריען. אויב א צוזאמענברוך פון די גרעסערע אייראפּעאישע נאציעס איז נאָהענט — און ס'זיינען דא אלע אור־זאכען צו גלויבען אז יא — דאן שטעהט אמעריקא אויף דער שוועל פון דעם גרעס־טען, קאטאסטראפישסטען קריזיס אין איהר געשיכטע. דאן שטעהט אמעריקא אויף דעם שוועל פון ארבייטסלאזיגקייט, אינדוסטריעלען שטילשטאנד און פאלג־ליך — רעוואלוציאנערע אויסברוכען און אין אלגעמיין סאציאלען גערודער.

דאס איז די פראגע פון אלע פראגען, דאס איז די אישו פון אלע אישוס, און וואלטען די פּאליטישענס פון ביידע פּאר־טייען נישט געווען אזוי שמאל־קעפּיג, אזוי פּראווינציעל, וואלטען זיי געקאנט זעהן ווייטער ווי דער וועהלען־ערפאלג פון זייער גרופּע אדער קליקע — דאן וואלטען זיי אויפגעהויבען די דאָזיגע אישו און געזוכט צו פארמיידען, צו פארמינדערן דעם קראך פון אייראפּא און דעם מעגליכען קראך פון אמעריקא. ווען אמעריקאנער שטאטסלייט וואלטען באזעסען אינטעלי־גענץ, ווען זיי וואלטען געווען קלאסען־באוואוסט, אזוי צו זאגען, וואלטען זיי פארזוכט צו רעגולירען די פארשפּרייטונג פון רויהע מאטעריאלען אין אייראפּא, וואלטען זיי ערמוטיגט די דייטשע אינ־דוסטריען, וואלטען זיי באלד אנגעהויבען האנדעלס־באציהונגען מיט רוסלאנד און אזוי ארום ברייט צועפענט דעם גרעס־טען שפּייכלער אין דער וועלט, און וואל־טען ווירקליך אויפגעטאן עפּעס ממשות'־דיגעס פאר דעם אינטערנאציאנאלען און אמעריקאנער קאפּיטאליזם.

בלינדע קינדער פון דעם נארישען וואהל־שפּיעל, באשאפען זיי אבער נא־רישע, געבלאפטע אישוס, פּראוון פּוי־לע שטיק, בארען זיך אין סקאנדאלען, שטעלען אן כלומר'שט א ברוגז'ן פּנים גע־גען די פּראפיטירער און געגען דעם יקרות און באמערקען נישט אז, וועהרענד זיי שפּיעלען זיך אין זייער נארישער שפּיעל ווערען די וואלקענס אויף דעם אינטערנא־ציאנאלען הימעל שווארצער און דראָה־ענדער און דער שטורם אלץ נעהנטער און נעהנטער.

# ווי האלט עס מיט'ן פאריער סטרייק צו ענד פון דריטען מאנאט?

קיין אויסערגעוועהנליכע פּאסירונגען זיינען אין מאנאט אויגוסט נים פארגע־קומען. די וויכטיגסטע פּאסירונג איז דער פאקט, וואס א גרויסע צאהל שעפער, דארונטער וויכטיגע אסאסיאיישאן שע־פער, האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן און אונטערגעשריבען דעם רעוויזירטען אגרימענט.

די לאגע אין טרייד האט זיך באדייך־טענד פארבעסערט. דער אויספארקויף פון סחורה אין אויגוסט — „אויגוסט סיילס", האט אויסגעראמט די אנגעקלי־בענע סחורה פון געוויסע גרויסע מאנו־פעקטשורערס און ריטיילערס, וועלכע זיינען איצט זעהר נערוועז און באזארגט וועגען דער צוקונפט, הגם זיי גיבען דאס נים ארויס אין דער עפענטליכקייט. א גרויסע צאהל איינגעז'עקשנ'טע פאר מא־נופעקטשורערס קוקען מיט אויגען פון קנאה אויף די מאנופעקטשורערס וואס האבען געשלאסען פרידען מיט דער יו־ניאן און זיינען צוליעב דעם אומשטאנד אנצונעהמען די גרעסטע ארדערס. די עקשנים האבען זיך אבער איינגעליעבט אין דער פוסטער האפנונג וואס מען באַ־מיהט זיך אין זיי אריינצוגעבען, אז עס וועט זיי געלינגען ארויסצוווארפען פון זיך דעם קאנטראל פון דער יוניאן און האבען אפענע שעפּער. אבער די ענער־גישע ענשלאסענע האלטונג פון די סטרייקערס וועט זייער האפנונג ווי א רויך צוטרייבען.

### עס איז נאך נים שטארק „ביזי".

אבער הגם די לאגע אין טרייד האט זיך פארבעסערט, איז אבער נאך נים שטארק „ביזי", יעדענפאלס נים אזוי ביי־זי ווי אין די לעצטע פאר יאהר אין די־זער צייט. פאראיאהרען אין דער צייט זיינען כמעט קיין ארבייטסלאזע פאריערס נים געווען. היינט אבער, אפילו ווען עס וואלט געהערשט פרידען אנשטאט קאמף, וואלטען זיכער געווען מאסען ארבייטס־לאזע פאריערס. ווען עס וואלט געווען א גרויסער נאכפראגע אויף פאר גאר־מענטס, וואלט דער סטרייק שוין לאנג געווען געסעטעלט.

אט די דאזיגע אומשטענדען באוויי־זען די גערעכטע שטעלונג פון דער יוניאן און די גערעכטע פאדערונגען פון אונ־זערע פיהרער אין מאנאט מאי, איידער דער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען. ארבייטסלאזיגקייט איז די גרעסטע קללה פון דער היינטיגער אינדוסטריעלער ארד־נונג. און ווען עס וואלט אין דער גע־זעלשאפט, ביי דער עפענטליכער מיינונג און אין רעגירונגס־קרייזען געהערשט א שטיקעל געפיהל פון אמת'ע מענשליכ־קייט, א ברעקעל איינזעהעניש פאר די ארבייטער מאסען, וואס זיינען דער הויפּט פונדאמענט פון דער אינדוסטריע, וואלט אין יעדען טרייד נעדארפט זיין איינגע־פיהרט גלייכע צוטיילונג פון דער אר־בייט, כדי די ווירקליכע פּראדוצירער זא־לען נים דארפען ליידען.

### די ווירקזאמסטע רפואות פאר ארבייטסלאזיגקייט.

אין אונזער טרייד, וואס ארבייט מייסטענס פאר די רייכע און וואויל־האבענדע קלאסען און וואס האט די מאנופעקטשורערס אונגעהויערע רייכטום געגעבען, האט וועגען דעם קיין פראגע נים נעדארפט זיין, באזונדערס דערפאר, וואס די באציהונגען צווישען די באלע־באטים און ארבייטער זיינען פאר די לעצטע 8 יאהר רעגולירט געווארען און די יוניאן האט זיך אנגעשטרענגט צו גע־בען די מאנופעקטשורערס יעדע געלעגענ־הייט וואס מעהר צו פּראדוצירען און פּראפיטירען. קיין שפּאנעל נייע זאך אין דער אינדוסטריע איז דאך דאס נים געווען, ווארים גלייכע צוטיילונג פון דער ארבייט איז אנערקענט געווארען פאר א פאר מאנאטען אין יאהר און אונטער דעם דרוק פון די אומשטענדען האט מען דעם פּרינציפּ געקענט אהן שוועריגקייט און אהן עקסטרא הוצאות אנווענדען פאר די שלעכטע מאנאטען פון היינטיגען זומער. דער אגרימענט האט אזוי געקענט פאר־טייטשט ווערען ווען די אסאסיאיישאן־פיהרער וואלטען אמת אין זין געהאט די טובה פון די ארבייטער וואס שאפען די פּראפיטען און דעם רייכטום פאר זיי. ד'ער אגרימענט אנערקענט, אז גלייכע צוטיילונג פון דער ארבייט איז די ווירק־זאמסטע רפואה פאר ארבייטסלאזיגקייט.

דאס זעלבע איז אמת וועגען דער פאדערונג פון די 40 שטונדען. א חוץ דעם וואס אין פאריער טרייד מיט זיין האר־שטויב, גיפטיגע כעמישע מאטערי־אלע און גאזען און אנדערע אומגינסטיגע אומשטענדען, דארף מען מעהר ווי 5 טעג א וואך קיינמאל נים ארבייטען.

אט דער איבערבליק פאסט זיך דער־פאר, וואס די אסאסיאיישאן פיהרער באנוצען אלץ אינאיינעם דעם ארגומענט, אז די יוניאן האט געבראכען דעם אגרי־מענט, ווייל דער אגרימענט פארבאט סטרייקס, און סטרייקס זיינען טיילמאל פארגעקומען.

### אומזיסט מאכען זיי זיך פאר צדיקים.

דער אגרימענט האט פארבאטען זא־כען אויף וועלכע אינדיווידועלע מאנו־פעקטשורערס האבען כסדר עובר געווען. די אסאסיאיישאן גופא האט אפּט אזעל־כע מאנופעקטשורערס געאורטיילט און באשטראפט. און סטרייקס זיינען מעג־ליך פארגעקומען אין געוויסע שעפער, וואו מען האט די מאנופעקטשורערס אויף קיין אנדער אופן נים געקענט צום פאר־שטאנד ברייינגען. אבער אין יעדען פאל וואו א סטרייק האט פאסירט האט די יוניאן אנגעווענדעט אלע מיטלען די גע־קריוודעטע ארבייטער איינצושטילען און שיקען זיי צוריק צו דער ארבייט. די מאנופעקטשורערס קענען זיך נים מא־כען פאר גאלע צדיקים, ווייל זייש'ע מיט־גלידער זיינען דורכאויס געווען פאר־אנטווארטליך פאר דעם סטרייק. די יוניאן האט דעם סטרייק נים געזוכט. איהרע פיהרער האבען געוויזען א פּראק־טישען וועג ווי אזא צרה אויסצומיידען. אבער ווען די מאנופעקטשורערס האבען גע'דרש'ט נ א ר פ א ר ז י ך און נים געוואלט אריינטראכטען זיך אין דער לאגע פון די טויזענדער ארבייטער, וואס זיי האבען מאסענווייז ארויסגעשיקט פון די שעפער, האבען זיי דערמיט פאקטיש אליין אפּגעבראכען דעם אגרימענט.

### א קאלעקטיווער אגרימענט מיינט פארשטענדיגונג און נים צוואנג.

א קאלעקטיווער אגרימענט קען נאר ווירקען אזוי לאנג ווי ביידע צדדים זיי־נען גערן און וויליג צו איינינגען זיך אין שטרייט־פראגען. אויב זיי ווילען דעם אנדערען צד גארנים נאכגעבען, דאן הייסט דאך דאס, אז זיי ווילען איהם בא־הערשען, שטעלען איהם אונטער צוואנג. אט טאקע דאס איז געווען די שטעלונג פון די פיהרער פון דער פאר מאנופעק־טשורערס אסאסיאיישאן לעצטען מאי: „מיר מעגען אייערע מעמבערס ווארפען פון די שעפער, אבער איהר טארט נים פּראטעסטירען. מיר ווילען אייך נים העלפען פארלייכטערן די לאגע דורך אזעלכע פלענער און מיטלען ווי גלייכע צוטיילונג פון דער ארבייט און א 40 שטונדיגע ארבייטס וואך, אבער איהר טארט נים סטרייקען". אין אנדערע ווערטער: „מיר מעגען עובר זיין אויף דעם גייסט און בוכשטאב פון דעם אגרי־מענט, אבער איהר מוזט זיין שטרענג אונטערוואָרפען אפילו דעם טויטען בוכ־שטאב". אט אומגעפעהר דאס איז גע־

דער מאגען?

עקס־לאקס!

# דער אויפטו פון די אמעריקאנער יוניאנס פאר פּאָליטישע אמנעסטיע

פון ב. מייזאן.

די ווי עס שיינט, האלט די ארבייט פון די אמעריקאנער יוניאנס פאר אמנעסטי פאר פּאָליטישע פּריזאָנערס ביים ברענגען גוטע רעזולטאטען. רוכט זיך, אז די צייט איז נאר נאָהענט ווען מיר וועלען קענען ברענגען דעם באריכט אז אלע פּאָליטישע פּריזאָנערס האָבען צוריק געקראָגען זייער פרייהייט און מענשליכע רעכטע.

נעקסטען מאָנטאג, דעם 13טען סעפּטעמבער, וועט א דעלעגאציע פון די אמעריקאנער יוניאנס האָבען א קאָנפערענץ מיט דעם אטוירני דזשענעראל מר. פּאַלמער. דיזע דעלעגאציע וועט פארטרעטען די אמעריקאנער ארבייטער, די גרויסע אָרגאניזירטע מאסען, און אין נאָמען פון דיזע מאסען פאָדערען די באפרייאונג פון אלע פּאָליטישע פּריזאָנערס.

אויף דער שפּיצע פון דיזער דעלעגאציע וועט זיין גאָמפּערס און מאָריסאָן און כמעט אלע בעאמטע פון דער אמעריקאן פעדערעישאָן אָף לייבאָר. עפּעס אזוי ווי די פעדערעישאָן אָף לייבאָר וואָלט געוואָלט פארמיידען אירגענד וועלכען פארדאכט, אז אייניגע פון איהר זייַנען ניט איינפארשטאַנען, נעמט זי כמעט אלע וואס האָבען נאר עפּעס אן אנגעזעהענעם אמט אין דער פעדעראציע. אלע, אלע וועלען געהן צום אטאָרני דזשענעראל. אפילו „די נאָן-פּארטיזאן קאמפּיין קאָמיטע", וועלכע איז ארויסגעטראָטען פאר דער דעמאָקראטישער פּארטיי, וועט אויך אנטייל נעמען אין דיזען קאָנפערענץ מיט דעם אטאָרני דזשענעראל. עס וועט דארטען זיין א פּולע א. פ. אָף ל. פארטרעטערשאפט און קיינער וועט ניט קענען זאָגען, אז בלויז עטליכע „קנאָקערס" האָבען געפאָדערט די באפרייאונג פון די וואס זייַנען פאראורטיילט געוואָרען אין דער צייט פון דער מלחמה.

אין וואשינגטאָן געפינען זיך די הויפּט קוואַרטירען פון א סך אינטערנעישאָנאלס, גרויסע קערפּערשאפטען פון יוניאָנס פון וויכטיגע אינדוסטריען. די פּרעזידענטען פון דיזע אינטערנעישאָנאלס זייַנען געוועהנליך גוט באקאנטע פערזענליכקייטען אין די אפיציעלע קרייזען. דיזע וועלען אלע מיטגעהן מיט דער דעלעגאציע צו פּאַלמער'ן.

די דעלעגאציע וועט זיין זעהר א גרויסע, אפשר אביסעלע צו גרויס, אָבער עס וועט ניט זיין אזוי גרויס דערפאר וואס יעדער „טאָם, דיק און העררי" וועט דארטען זיין. פארקעהרט, עס וועט דארטען ניט זיין קיין איינער וואס פארטרעט ניט קיין גרויסע קערפּערשאפט. ווען מען זאל וועלען וואָלט מען געקענט מאכען דיזע דעלעגאציע באשטעהן פון שעהנע עטליכע טויזענדער, און אפשר מאַקע צעהנדליגע טויזענדער ארבייטער. וועלכע וואָלטען אוועקגעלעגט זייער ארבייט און וואָלטען געקומען קיין וואשינגטאָן פאָדערן די באפרייאונג פון די וואס האָבען אוועקגעלעגט טיילען פון זייערע לעבענס פאר דעם וואוילזיין פון די ארבייטער. די אגיטאציע, וואס איז אין לויף פון, לאָמיר זאָגען, דעם לעצטען יאהר אָנגעפיהרט געוואָרען צווישען די עכטע אמעריקאנער יוניאנס, האט געמאכט אזא שטימונג, אז די מיטגליעדער פון די יוניאנס זייַנען גרייט צו טאָן כמעט אלעס צו צייגען זייער סימפּאטי מיט די פּאָליטישע געפאנגענע. אָבער דאָס איז ניט דער צוועק פון דעם קאָנפערענץ דעם 13טען סעפּטעמבער. אפשר וועט אזא זאך נאך זיין נויטיג שפּעטער, אויב די רעגירונג וועט זיך ענטזאגען דאָס נאָכצוגעבען מיט איהר גוטען ווילען. א ר ב י י ט ע ר דעמאָנסטראציאָנען, אדער נאך שארפערע מיטלען וואס די ארבייטער האָבען בכוח אָנצוגעמען, דארפען זיין אלס א לעצטער מיטעל. דער קאָנפערענץ דעם 13טען סעפּטעמבער וועט בלויז האָבען אלס דעם צוועק צו איבערצייגען דער אמעריקאנער רעגירונג דאָס די גאנצע אמעריקאנער ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פארלאנגט, פאָדערט און אויב נויטיג איז גרייט צו קעמפּפען פאר דער באפרייאונג פון די פּאָליטישע געפאנגענע.

אום דיזעס צו איבערצייגען דער אמעריקאנער רעגירונג איז ניט אזוי וויכטיג די גרויסע צאָהל דעלעגאטען, ווי די צאָהל מענשען, וואס דיזע דעלעגאטען וועלען פארטרעטען. דערפאר איז באשלאָסען געוואָרען, דאָס יעדער דעלעגאט זאל זיין בלויז א פארטרעטער פון א גרויסער קערפּערשאפט: פון אינטערנעישאָנאלס אדער שטאָדט און סטייט ארגאניזאציאָנען, אזוי דאָס יעדער זאל האָבען אונטער זיך א גאנצע ארמעע, אן אינדוסטריעל ארמעע.

פון ניו יארק, צום ביישפּיעל, וועלען אין דער דעלעגאציע זיין ס א ל י ו ו ע ן, אלס פארטרעטער פון דער סענטראל פעדערייטעד יוניאָן אָוו ניו יארק, פון ברוקלין וועט זיין ק א נ ל י ן, דער פּרעזידענט פון סענטראל לייבאָר יוניאָן. די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען וועט זיין פארטראָטען דורך מ א ק ס פּ י י ן און מ א י ר ל א נ ד א ו. מרס. ל ו ס י ר א ב י נ ס, דער עקזעקוטיוו סעקרעטער פון דער סענטראל לייבאָר באָרד, וועט דאָרטען פארטרעטען דיזע קערפּערשאפט.

ניו יארק אליין וועט ניט זיין די איינציגע גרויסע שטאָדט און די קערפּערשאפטען, וואס מיר האָבען דא אויסגערעכענט, וועלען ניט זיין די איינציגע גרויסע ארבייטער קערפּערשאפטען, וואס וועלען זיין פארטראָטען ביי דיזען קאָנפערענץ. עס וועלען זיין א סך דעלעגאטען, אָבער בלויז אזעלכע דעלעגאטען, וואס טראָגען דעם מאנדאט פון הונדערטער טויזענדער ארבייטער. ווי עס שיינט, וועט דאָס זיין די ערשטע דעלעגאציע אין וואשינגטאָן, וואס האט באמת פארטראָטען דעם ווילען פון אלע אָרגאניזירטע אמעריקאנער ארבייטער, אהנע אונטערשייד פון זייערע פּאָליטישע אדער געזעלשאפטליכע אנשויאונגען.

פון וואס פאר א שטאנדפּונקט וועט דיזע גרויסע ארבייטער דעלעגאציע פאָדערען די באפרייאונג פון די פּאָליטישע פּריזאָנערס? וועט דאָס זיין אין נאָמען פון גערעכטיגקייט, אדער פון פּאָליטישע נויטווענדיגקייט? וועט די פאָדערונג פאר דער באפרייאונג קומען דערפאר, וואס דיזע פּערזאָנען זייַנען אומגערעכט פאראורטיילט געוואָרען, וואס אין אמת'ן זייַנען זיי נאך קיין מאל ניט געווען קיין פארברעכער, וואס זיי האָבען ניט מעהר ווי באנוצט זייער מענשליכעס רעכט, זאָגאר זייער פליכט, ווי זיי האָבען עס איינגעזעהען און געפּרעדיגט בלויז דאָס וואס זייער ריינער און עהרליכער געוויסען האט זיי דיקטירט, און אז דארום מוזען זיי ניט אנערקענט ווערען פאר קיין פארברעכער און געהאלטען ווערען אין געפאנגענשאפט? אדער וועט די פּעטיציאָן טראָגען דעם כאראקטער פון א גערעכטער פאראורטיילונג, דאן אָבער שוין איצטער אן אוננויטיגער פאל? וועט די דעלעגאציע פון די גרויסע ארבייטער מאסען זוכען אפשר גאָר צו געבען דעם איינדרוק, אז עס וועט זיין א גוטער פּאָליטישער שאך-צוג פאר דער דעמאָקראטישער אדמיניסטראציע, איצטער, פאר די וואהלען, צו באפרייען די, וואס די ארבייטער האלטען פאר זייערע פריינד, און דורך דעם זיך אביסעל איינקויפען אין דעם גוטען גנאדען פון די ארבייטער מאסען? עס איז שווער צו זאָגען וואס עס וועט זיין. אודאי וואָלט זיך וועלען עס זאל זיין דאָס ערשטע. אודאי מעג מען באשטימט באהויפּטען, דאָס אפילו די געפאנגענע אליין וואָלטען בעסער צופרידען געווען, אז די פאָדערונג פון די אמעריקאנער ארבייטער זאל קומען דורכאויס אין נאָמען פון גערעכטיגקייט, אָבער אפילו ווען דאָס צווייטע זאל זיין דער פאל, וועט עס שוין אויך זיין א גרויסע שריט פאָרווערטס. עס וועט דאָך זייגען כאטש עטוואס אן ערוואכונג פון דעם געוויסען פון די אמעריקאנער ארבייטער מאסען.

ווען די סענטראל לייבאָר באָרד האט זיך ארגאניזירט און אנגעפאנגען איהר ארבייט צווישען די אמעריקאנער יוניאנס, האט זיך קיינער ניט געגלויבט, אז איהר ווירקונג וועט אפילו אזוי ווייט קענען דערגרייכען. עס האט זיך געפאָדערט אונגעהייער פיעל כח און מוח. אן אונערמיעדליכע ארבייט האט זיך געפאָדערט צווישען די קאָנסערוואטיווע ארבייטער ארגאניזאציאָנען; אן אגיטאציאָן געגען דער אייזערנער וואנט, וואס האט פאר יאהרען לאנג אפּגעשיידט פיעלע פון די אמעריקאנער ארבייטער ארגאניזאציאָנען פון יעדען פּראָגרעסיווען געדאנק. אין אייניגע פעלע האט מען געמוזט זיך אונטערהאנדלען מיט די אלטע „באָסעס" פון די יוניאנס, אין אנדערע פעלע האט מען געמוזט נעהמען די זאך איבער זייערע קעפּ און ארבייטען פון אונטען ארויף, אום די פיהרער זאלען דערפיהלען אז זיי מוזען אליין געפיהרט ווערען אנשטאט צו פיהרען. די ארבייט, מוז מען צוגעבען, איז געטאָן געוואָרען פון דער סענטראל לייבאָר באָרד מיט טאקט, און דיזער קאָנפערענץ ביים אטאָרני דזשענעראל, דעם 13טען סעפּט. איז דער רעזולטאט פון דיזער טאקטישער און אונערמיעדליכער ארבייט, און פארדיענט פולע אנערקענונג.

וועט שוין דיזע פאָדערונג, די אפּעלירטע פאָדערונג פון דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, ברענגען די געווינשטע רעזולטאטען? רוכט זיך, אז יא! רוכט זיך, אז די גאנצע אגיטאציאָן, וואס איז אנגעפיהרט געוואָרען אין לאנד פון די סאציאליסטען, פון אלערליי ליבעראלען און פּראָגרעסיסטען האט זיך בלויז גענויטיגט אין נאך איין שטארקען שטוס, אין נאך איין שטארקען שולטער, וואס זאל צולייגען זיין קראפט צום וואָגען. רוכט זיך, אז דיזע לעצטע קראפט, די פון די אמעריקאנער ארגאניזירטע ארבייטער, צוגעלעגט צו דעם וואס איז ביז איצטער געטאָן געוואָרען, וועט זיין די לעצטע שטרוי, וואס איז נויטיג געווען צו ברעכען דעם רוקען פון דער רעאקציע. רוכט זיך, אז מיר שטעהען שוין אויף דער שוועל פון אלגעמיינער און פאלקאָמענער פּאָליטישער אמנעסטי פאר אלע פּאָליטישע געפאנגענע.

שטעהענדיג אויף דער שוועל פון דיזער וויכטיגער ענדערונג, וועלען מיר זיך ניט קריגען וועמען עס קומט דער קרעדיט, אפילו ניט וועמען עס קומט מעהר קרעדיט און וועמען ווייניגער. לאָמיר טרייען דיזע לעצטע פאָדערונג צו שטעלען צו דער אמעריקאנער רעגירונג מיט אבסאָלוט פאראייניגטער קראפט, און האָפען, אז דיזעס וועט זיין די סאמע לעצטע פאָדערונג, וואס וועט דארפען געשטעלט ווערען פאר אונזערע הייליגע מארטירער.

## סאציאליסטישע פּאַרטיי פאָדערט ווידער אמנעסטיע פאר איהר פּרעזידענט קאנדידאט.

דעם 13טען סעפּטעמבער, דעם טאג, ווען עס ווערט פונקט צוויי יאהר זינט דעבס איז געפונען געוואָרען „שולדיג" און איז פאראורטיילט געוואָרען צו צעהן יאהר געפענגניס, פון וועלכע ער איז שוין 17 חדשים אפּגעזעסען, וועט די סאציאליסטישע פּארטיי דורכפיהרען אן אמנעסטיע-קאמפּיין אין אלע ווינקעלעך פון לאנד. הונדערטע מאס-מיטינגען וועלען דעם טאג אפּגעהאלטען ווערען, און א ספּעציעלע קאָמיטע פון דער סאציאליסטישער עקזעקוטיוו קאָמיטע וועט זיך ווענדען צו פּאַלמער'ן אין וואשינגטאָן, מיט דער פאָדערונג, אז אלע פּאָליטישע פאראורטיילטע, ווי אויך אלע „קאָנשיענשאָס אבדזשעקטארס" וואס שמאכטען אין די געפענגניסען זאלען באפרייט ווערען.

די קאָמיטע, וועלכע וועט באשטעהן פון מאָריס הילקוויט, דזשאָרדזש ראָוער און דזשיימס א'ניעל וועט זיך אויך ווענדען דירעקט צום פּרעזידענט. די פּלענער פאר דיזען אמנעסטיע-קאמפּיין זיינען אויסגעארבייט געוואָרען אויף דעם פּיטסבורגער מיטינג פון דער נאציאָנאלער עקזעקוטיווע ענדע אויגוסט.

אן אפּאוינטמענט מיט פּאַלמער'ן פאר'ן 13טען סעפּטעמבער איז שוין געמאכט געוואָרען. וואס אנבאלאנגט דעם פּרעזידענט, האט זיין סעקרעטער טומאלטי געשריבען דער קאָמיטע, אז דער פּרעזידענט וועט ניט קענען אויפנעהמען די סאציאליסטישע שלוחים צוליעב זיין שוואכען געזונט, אבוואהל אין די צייטונגען ווערט עס געמעלדעט, אז דער פּרעזידענט איז שוין פולקאם געזונט. די קאָמיטע האט זיך דאך באמיהען צו גרייכען דעם פּרעזידענט.

# די וואהנזיניגע

פון י. אדלער.

עס האט די זון צום ים געשיקט
איהר גאָלדענעם געלעכטער —
דער ים געטראָגען האט אויף זיך
א שיף מיט זיהן און טעכטער.

אין זונען-גלאנץ, אין וועלען-טאנץ,
עס האט די שיף געפינקעלט.
געוועזן איז יעדע קאלטע וועל
מיט ליכט און גאָלד בעשפּרינקעלט...

און לוסטיג-פריי עס האט דער ים
די שיף אויף זיך געטראָגען,
און אומגעריכט עס האט די שיף
א צ ו ו י י ט ע שיף דערשלאָגען...

עס רופט אין לופט א ווילד-געשריי,
עס רוישט דער ים מיט צאָרען;
פון שרעק און גרויל א יונגע פרוי
איז וואהנזיניג געוואָרען...

— — — — — — — — — —

עס זינקט די שיף, עס לאכט דער טויט,
דער ים הויבט אן פארשלינגען —
און זי, די פרוי, זי שטעהט און זינגט
און הערט נישט אויף צו זינגען...

א בילד פון שרעק: א מאמע האט
איהר קינד צום ברוסט געהאלטען,
און היים געקושט און מיט איהר קינד
ארויין אין ים, אין קאלטען...

און ס'האט דער ים מיט שוים אין מויל
דאָס עופה'לע געטראָגען,
און ס'האט א שטורעם ווילד און הויך
גענומען קדיש זאָגען...

און מענש נאך מענש, עס האט דער ים
אויף אייביג איינגעשלונגען,
און זי, די פרוי, האט הויך געלאכט
און האט א ליעד געזונגען...



*Done for the day!* Light up a Chesterfield and you should worry. No better Turkish and Domestic blend was ever made than Chesterfield's.

**Chesterfield**
**CIGARETTES**
*They Satisfy*



## דעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פערלאנגט!

**לייכט צו לערנען און פיעל געלד צו פארדיענען!**

הונדערטע לייטע האבען שוין אויסגעלערנט אונזער מעטאדע און יעצט פערדיענען זיי פיעל געלד.

**נעהמט איצט א קורס**

— אין די —

## מיטשעל סקול

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקוהל מיינט א באלדיגע פאזישאן און גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקול איז נארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען. פריוואט אונטערריכט אין אידיש. טאג און אבענד קלאסען. גוטע בעדינגונגען.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט, דעמאנסטריישאן און פולע אויסקינפטע.

אבענד קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

**MITCHELL DESIGNING SCHOOL**

912-920 (Cor. 21st) BROADWAY, NEW YORK

Phone, Stuyvesant 8383

*Boston Branch*: 453 Washington Street, Dexter Building.


## קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1
## א. ל. ג. וו. י.

**אויפמערקזאם!**

צוליעב דעם שוואכען סעזאן ארבייטען פיעלע אפערייטארס ניט קיין פולע וואכען. אונטער דער זעלבער צייט זיינען פאראן שעפער וואו מען ארבייט אווערטיים ווערענד אין שאפ זיינען פאראן ליידיגע מאשינען.

מיר פאדערען דארום אויף אונזערע מעמבערס

**ניט צו ארבייטען קיין אווערטיים**

וואו עס זיינען פאראן ליידיגע מאשינען און צו לאזען וויסען אין אונזער אפיס פון אזעלכע שעפער.

**די עקזעקוטיווע פון לאקאל 1**

פ. קאטלער, מענעדזשער.

## קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאק. 1
## א. ל. ג. וו. י.

**אויפמערקזאם!**

אונזער אויפמערקזאמקייט איז צוגעצויגען געווארען צום פאקט, דאס מאנכע אפערייטארס, ווען זיי געפינען אויס, אז דער שאפ, וואו זיי ארבייטען, איז א קארפארעישאן, מעלדען זיי ניט אין דער יוניאן און פארבלייבען דארט ארבייטען.

מאנכע ווידער גייען ארייף ארבייטען אין א שאפ ווי־סענדיג אדער פערדעכטענדיג, אז דאס איז א קארפאריי־שאן.

צוליעב דיעזע אורזאכען האט דער לאקאל אנגענומען די פאלגענדע בעשליסע:

1. די פון אונזערע מעמבערס, וועלכע וועלען געפונען ווערען ארבייטענדיג אין א קארפארעישאן שאפ ווען זיי אליין וועלען אפילו ניט באלאנגען צום קארפארעישאן, וועלען זעהר שטרענג באשטראפט ווערען.

2. מעמבערס וועלכע וועלען ווערען פארטנערס אין א קארפארעישאן וועלען אויטאמאטיש אויסגעשלאסען ווערען פון דער יוניאן.

3. אויב אזעלכע מעמבערס וועלען דורך דער צייט אפילו צאהלען דיוס און מען וועט נאכהער אויסגעפינען, אז זיי זיינען געווען פארטנערס אין א קארפארעישאן וועלען זיי אויסגעשלאסען ווערען פון דער יוניאן און זייער איינטריט געלד וועט זיין $99.99.

4. אונזערער א מעמבער, וועלכער וועט וויסען פון דער עקזיסטענץ פון א קארפארעישאן און וועט ניט מעלדען צו דער יוניאן, וועט באשטראפט ווערען אלס מיטהעלפער אויפ־צוהאלטען א סקעב שאפ און אלס אזעלכען וועט מען איהם באהאנדלען.

ביי ארדער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1.

ב. קאטלער, מענעדזשער     ס. דזש. רינגער, סעקרעטער.

## צו אלע שאפ טשערליטע פון די קלאוק און סקוירט שעפער

אנפאנגענדיג דעם 10טען אוגוסט האט זיך דער קאטערס יוניאן לאקאל 10 פאלקאם אבגעשלאסען און דעם דזשאינט באארד. אלע קאמפליינטס פון קאטערס וועלען פארהאנדעלט ווערען דירעקט דורך דעם דזשאינט באארד.

די טשערלייטע פון די שעפער זיינען געבעטען אכטונג צו געבען:

1. אז אלע קאטערס זאלען זיין גוט־שטעהענדע מעמבערס;

2. אז אלע קאטערס זאלען האבען װארקינג קארדס. (דער קאליר פאר דיזען סיזאן איז גרין).

3. אז די בעלי בתים זאלען אליין ניט טאן קיין קאטינג.

**עקזעקוטיוו באארד לאקאל 10**

י. לעווין, סעקרעטער.


# באַרנעט ל. בעקער

**אפטאמעטריסט און אפטישען**

215 East Broadway    100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn    895 Prospect Ave., Bronx

**י. סראוז**
בעדושעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר. ספריקטלי יוניאן ארבייט.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

**דיזע צייטונג**
ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענגלישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די
**אפ־טו־דייט פרינטינג קא.**
195 קאנאל סט. ניו יארק
טעלעפאן 6425 פראנקלין.


**פאטראניזירט אונזערע אדווערטייזער!**

ווען די שטעלונג פון די אסאסיאיישאן פארשטעהער.

אין דער מינוט ווען די מאנופעק־טשורערס האבען אזוינע טענות אנגעגע־בען האט דער קאלעקטיווער אגרימענט צווישען ביידע צדדים אויפגעהערט זיין א געגענזייטיגע פארשטענדיגונג און איז געווארען אן אינסטרומענט פון צוואנג אויף דער יוניאן.

### די פיינדליכע עלעמענטען און פינ־סטערע קרעפטען.

אין די דאזיגע טענות געגען דער יו־ניאן צייכענען זיך באזאנדערס אויס די עלעמענטען אין דער אינדוסטריע וואס זיינען אונטער דעם קאלעקטיווען אגרי־מענט ניט געווען. די פיהרער פון די ריטיילערס, צום ביישפיעל, האבען זיך תמיד געזוכט און געטשעפעט צו דער יוניאן. אט ערשט פאראיאהרען האבען זיי געוואלט אריינלאזען 5 טויזענד אויס־געריענטע סקלאראטען אין טרייד, כדי צו באשאפען קאנקורענץ צווישען די ארביי־טער און ארויפדריקען דעם ארבייטס־לוין. עס פארדריסט זיי, וואס די אר־בייטער האבען לעצטענס פארדיענט אנ־שטענדיגע וויידזשעס. אין אלע זייערע טענות באציהען זיי זיך צו אט דעם פאקט. אט דאס דערקוטשעט זיי און דערפאר רייסען זיי זיך אזוי פאר „אפען שאפ", ווארים אן „אפען שאפ" וואלט זיי געגעבען די בעסטע געלעגענהייט אראפצודריקען וויידזשעס און מאכען גע־שוואלענע פראפיטען.

די מיוטשעל פראטעקטיוו אסאסי־איישאן איז א צווייטער עלעמענט וואס ארבייט מעשים געגען דער יוניאן, דער־פאר וואס די יוניאן האט מיט איהר קיין קאלעקטיווען אגרימענט ניט געוואלט מאכען.

און הינטער די פיינדליכע עלעמענ־טען שטעהט זיכער די רעאקציאנערע פינ־סטערע קראפט פון די געלד־זעק און פרא־פיטירער פון יעדען סארט אין דעם איצ־טיגען קעמפיין פאר אפען־שאפ, וואס ווערט אנגעפיהרט פון געוויסע פאליטי־שענס און רעאקציאנערע זשורנאליסטען, וואס זיינען איין קנעפעל מיט דער נע־שיאנאל מאנופעקטשורערס אסיסיאיי־שאן.

אין דעם פיינדליכען לאגער ווערט איצט פארשפרייט א קלאנג, אז מען האט ארויסגעשטעלט די פאריערס יוניאן אויסצושניידען דעם וועג פאר די איבע־ריגע יוניאנס אין דער נאדעל־אינדוסט־ריע, פאר דעם געווינס פון דער 40־שטונדיגער ארבייטס וואך און ענדליך פאר א 36 שטונדיגע ארבייטס וואך. מען ווייזט אן אויף דעם פאקט, אז דער רושאינט באארד פון די קלאוק מאכער האט זיך פארפליכטעט בייצוטראגען 50 טויזענד דאלאר פאר דעם זיעג פון דער פאריערס יוניאן. א צווייטער קלאנג הערט זיך, אז די יוניאנס אין דער נאדעל־אינדוסטריע האבען שוין צווישען זיך א פארשטענדיגונג צו שטיצען איינע די אנדערע אין אזעלכע שטרייקען.

הלואי וואלטען די קלאנגען געווען אמת, וואלטען די פאר ריטיילערס און די איבעריגע יוניאן־שונאים ניט געדערפט מיט אזא חוצפה און מיט אזא טאן פון צוטרויען ווענען דעם „אפען שאפ". יע־דענפאלס איז די פאריערס יוניאן שטאלץ אויף דעם פאקט, אז זי העלפט צוגריי־טען דעם וועג פאר דער ענדליכער איינ־פיהרונג פון דער 40 שטונדיגער ארבייטס־וואך אין דער נאדעל אינדוסטריע און אין אנדערע טריידס. די יוניאן איז ענטשלאסען ניט אפצוטרעטען פון דיזער פאדערונג דערפאר, וואס 8 שטונדען אר־בייט א טאג, 5 טעג אין וואך איז גאנץ גענוג פאר יעדען ארבייטער, בפרט נאך פאר א פאריער ארבייטער. און די אינ־דוסטריע קען שוין לאנג אפארדען די רעפארם צו באוויליגען. די אינדוסטריע עקזיסטירט ניט פאר פראפיטען אליין; ניט נאר פאר דעם בענעפיט פון די מא־נופעקטשורערס און מעקלער און הענד־לער, נאר זי דארף אויך שעהן פארזאר־גען און פיעל בענעפיטירען די ארביי־טער־מאסען, וואס לעגען אריין אין דער ארבייט זייערע כחות און די בעסטע צייט פון זייער לעבען.

(ארויסגענומען פון „פאר־ארבייטער")

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

קויפט אויסשליסליך
ווייט לילי טהעע
סאלאסביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

## קורצע שמועסן

### צווישען דער רעדאקטאר און די לעזער.

ס. האפמאן.—אייער קליינער ארטיקעל איבער דער פאליטישער גלייכבערעכטיגונג פון דער פרוי איז גאנץ דרוקבאר. אבער אזוי ווי מיר געפינען אין איהם גארניט נייעס, און אזוי ווי אין לעצטען נומער איז כמעט דאס זעלבע שוין געזאגט געווארען איבער דעם ענין, דענקען מיר, אז עס וועט אייך ניט פארדריסען, אויב מיר וועלען איהם ניט דרוקען, און אויסנוצען דעם פלאץ פאר עפעס, וואס איז מאמענטאן מעהר וויכטיג.

מעמבער פון לאקאל 3. — ערשטענס, פארשטעהען מיר ניט, ווארום איהר האט ניט געהאלטען פאר נויטיג אנצוגעבען אייער נא־מען; צווייטענס, זיינען מאנכע טענות פון אייך צו דער יוניאן און איהרע באאמטע זעהר אונגערעכטע. לויט אייער מיינונג קומט אויס, אז די יוניאן און די באאמטע וואלטען באדארפט נור וועלען, און עס וואלט געווארען ארבייט, האט זיך צו באדען אין דעם. און דאס, וואס אייך געפעלט ניט דער אפיעל פון די באאמטע צו די ארביי־טער ניט צו ארבייטען אונטער דער סקייל, ווייל דאס וועט ניט העלפען, קען זיין, אז איהר האט אין דעם רעכט, אבער דאס וועט נור באווייזען, ווי ווייניג אינטעליגענט עס זיינען די ארבייטער. ווארים די ביסעל אר־בייט, וואס איז יע דא, מוז געמאכט ווערען און ווען דער ארבייטער וועט שטעהן פעסט אויף זיין געפאדערטען פרייז, וועט דער באס נאר קיין אנדער ברירה ניט האבען, און ער וועט מוזען באצאהלען. אמת, עס איז ניט לייכט צו זיין ביי זיך א תקיף, ווען די נויט דריקט, אבער, עס איז נאך ערגער, ווען מען לאזט זיך דריקען. און דערפאר וועט אן אינטעליגענטער ארבייטער געוויס צו יעדער צייט באשטעהן אויף זיין רעכט. וואס אנ־בעטרעפט אייער פארדערונג, אז די, וועלכע ארבייטען, זאלען געטעקסט ווערען מיט 10 פראצענט פון זייערע וויידזשעס פאר די, וועל־כע ארבייטען ניט, האבען מיר שטארק מורא, אז דאס וועט זיין אונמעגליך פאר די יוניאן דורכצופיהרען. מען קען ניט מיט געוואלד צונעהמען פון איינעם א חיבשען טהייל פון זיין פארדיענסט, איבערהויפט ווען דער פאר־דיענסט איז קוים גענוג פאר זיין אייגענעם לעבען. די יוניאן האט ניט די מאכט דער־צו, און, וואס איז נאך וויכטיגער, האט ניט קיין רעכט. אזא טאקס קען נור געמאכט זיין אלס א פרייוויליגער, אבער אזעלכע אר־בייטער, וואס האבען ניט דעם מוטה און דעם כוח צו פאדערען זייער פוללען פרייז, ווען עס איז דא א ביסעל ארבייט, זיינען געוויס ניט דערוואקסען צו טעקסען זיך צו גונסטען פון די, וועלכע ארבייטען ניט. בקיצור, אייער פלאן, מעג קלינגען גאנץ שעהן, גאנץ אידעאליסטיש, אבער דערווייל קען ער בשום אופן ניט אויסגעפיהרט ווערען.

מ. קופער.—אין אזא שטאדט, ווי ניו יארק, קען מאן עס זעהר שווער אויספיהרען צו פארזאמלען ביזנעס־מיטינגען אזוי, אז מען זאל ניט דארפען פאהרען. נאטירליך, קען ער ניט שאדען, אז פון צייט צו צייט זא־לען איינבארופען ווערען סעקשאן־מיטינגען; אבער, אז דאס זאל העלפען צו מאכען די מי־טינגען מעהר באזוכט, גלויבען מיר קוים. דאס פאהרען, דאס ניט האבען קיין צייט איז נאך אלעמען ניט מעהר, ווי א תירוץ. ווער עס וויל קומען צו א מיטינג, ווער עס פארשטעהט די נויטווענדיגקייט פון דעם, דער וועט קומען צום מיטינג אונטער אלע שוועריגקייטען. דער פאקט איז, אז די מי־טינגען אין בראנזוויל, וועלכע די בראנזווילער מיטגליעדער דארפען ניט פאהרען קיין קאר־פער, זיינען אויך ניט בעסער באזוכט, ווי אנדערע מיטינגען. און תירוצים זיינען אימער דא. אמאל איז דער וועטער א שלעכטער, אמאל איז דער טאג ניט קיין פאסענדער, אמאל זיינען געווען געסט אין הויז, און אזוי ווייטער. וואס איז דאן צו טאן? לויט אונזער מיינונג, דארפען שטארק ערמוטיגט ווערען די שאפ־מיטינגען, וואו עס זאלען פארהאנדעלט ווערען ספעציעל אייגענע אנגעלעגענהייטען. און אויף יעדען שאפ מיטינג זאלען וועניגסטענס צוויידריי בא־שטימט ווערען צו קומען צום אלגעמיינעם מיטינג פון דער יוניאן. מיר וועלען דעם דאזיגען ענין ביי אן אנדער געלעגענהייט ברייטער ארומרעדען ווייל עס איז ווירקליך נויטיג עפעס צו טאן, אז די אלגעמיינע יו־ניאן מיטינגען זאלען זיין פיעל בעסער בא־זוכט, ווי זיי זיינען עס געווען ביז איצט.

מ. קופער.—דער ארטיקעל, אויף וועל־כען איהר שרייבט אן ענטפער, דארף געוויס קריטיקירט ווערען, און מיר וועלען געוויס איהם געבען באלד, אבער מיר דענקען ניט, אז אייער ענטפער איז דער פאסענדער. ווע־ניגער פון אלץ פארדיענט ער אטאקירט צו ווערען. אין מאנכע הינזיכטען, ווי אונז דוכט זיך, פארשטעהט איהר איהם ניט ריכ־טיג, און דערפאר איז אייער כעס און אייער אנגריף, וועלכע זיינען אבער אין דער אמת'ן ניט פארדיענט. די גאנצע פראגע דארף דיס־קוטירט ווערען געלאסען, איבערלייגט, אהן אירגענד וועלכע פערזענליכע אנגריפע.

## די פערטע קאאפערא־טיווע קאנווענשאן

פון אהרן סמאלינסקי.

אז די קאאפעראטיווע באוועגונג וואקסט צווישען די אידישע ארבייטער מאסען, ווייסען אלע די, וואס פאלגען נאר נאך אביסעל אויפמערקזאם די בא־ריכטען אין אונזער טעגליכער פרעסע.

די קאאפעראטיווע באוועגונג איז לעצטענס געווארען זעהר פאפולער אין אמעריקא, וואו מיר האבען שוין היינט צו טאג איבער דריי טויזענד קאאפערא־טיווע געזעלשאפטען. דער אימער שטיי־גענדער יקרות צווינגט פשוט די ארביי־טער צו נעהמען זיך צו קאאפעראציע. דאס וואס עס איז אונז אנגעקומען אזוי שווער דורך פראפאגאנדא, נעמליך, צו ארגאניזירען נייע קאאפעראטיווע געזעל־שאפטען, פיהרט דורך דאס לעבען, די געדריקטע עקאנאמישע לאגע, גאנץ לייכט.

און ווי עס קריסטעלט זיך, אזוי אי־דעלט זיך: אויך ביי אונז, אידען, האט מען זיך שטארק א נעהם געטאן צו קא־אפעראציע. עס איז איצט שוין שווער צו געפינען א שטאדט אדער א שטעד־טעל אין אמעריקא, וואו עס געפינען זיך נאר אידישע ארבייטער, אז עס זאל זיך דארט ניט געפינען א קאאפעראטיוו, אדער לכל הפחות האלט זיך איצט דארט אזעל־כער אין גרינדען.

מען גרינדעט ביי אונז אלערליי קא־אפעראטיוון: קאנסום קאאפעראטיוון (סטארס), פראדוקטיוו קאאפעראטיוון (שעפער), קרעדיט יוניאנס (קאאפעראטי־ווע בענק), קאאפעראטיווע הייזער, א. אז. וו. אבער לײדער ווייס מען ביי אונז גאנץ ווייניג דעם אונטערשייד פון איין סארט קאאפעראטיוו ביז'ן צווייטען, און ניט זעלטען כאפט זיך ביי אונז א נייע געזעלשאפט צו אלע פארשידענע מינים פון קאאפעראציע... מיט'ן וואוקס פון דער קאאפעראטיווער באוועגונג וואקסט ביי אונז אויך דער כאאס, די הפקרות אין באצוג צו דער גרינדונג און פארוואל־טונג פון קאאפעראטיווע אונטערנעהמונ־גען.

נאך ווערען ביי אונז באגאנגען כמעט די זעלבע פעהלערען ווי אמאל, מיט א צוואנציג יאהר צוריק. מען האט ביי אונז גאנץ ווייניג געלערענט, וואס איז שייך צו קאאפעראציע. נאך גלויבט מען ביי אונז, אז א פאר באגייסטערטע רעדעס זיינען גענוג צו גרינדען און צו פארוואל־טען א קאאפעראטיוו. און וואס איז דער סוף? א גאנץ טרויעריגער: מען פאר־מאכט די קרעמעל אדער שאפ. נאטיר־ליך גרינדען זיך ביי אונז אויך אמת'ע קאאפעראטיוון, סאלידע, מיט א בא־שטימטען פלאן און קלארען ציעל. אבער ווענען די קאאפעראטיוון וויל איך איצט ניט רעדען. איצט איז די בעסטע און העכסטע צייט אויפצוהויבען א קאמף אין אונזער פרעסע ווענען די הפקר קא־אפעראטיוון, וועלכע פארשפרייטען זיך ווי שוועמלאך נאך א רעגען איבער'ן גאנ־צען לאנד.

עס איז א פאקט, אז די עטליכע קא־אפעראטיוון, וואס זיינען ביי אונז אונ־טערגעגאנגען לעצטען יאהר, זיינען גראד געווען די, וועלכע זיינען געשאפען אם ווייטסטען פון דער אידישער קאאפערא־טיווער פעדעראציע, אדער די, וועלכע האבען פון דער פעדעראציע גאר ניט גע־וואלט הערען. הגם די קאאפעראטיווע פעדעראציע איז נאך יונג און איז אליין נאך ניט גענוג ענטוויקעלט, האט זי שוין פונדעסטוועגען באוויזען זעהר א סך צו טאן פאר די אידישע קאאפעראטיווע בא־וועגונג און קאאפעראטיוון האבען צו פאראנקען זייער עקזיסטענץ דער פע־דעראציע.

שטעלט זיך דעריבער א פראגע: וואס דארף מען טאן, כדי אפצושטעלען די הפקרות אויפ'ן קאאפעראטיוון געביט, אז ניט יעדער איינער זאל קענען גרינ־דען א קאאפעראטיוו ווען און ווי און אזוי איהם גלוסט זיך; וואס דארף מען טאן, כדי צוזאמענצוקלייבען די ספאראדישע ענערגיע, וועלכע געהט ביי אונז אין גיהנום און מאכען פון דעם עפעס גאנצעס, הארמאנישעס, אז זי זאל נוצען ברענגען דעם ארבייטער קלאס און ניט איהם שטערען, — וואס דארף גלייך געטאן ווערען, כדי צו באשאפען אידישע א ר ב י י ט ע ר קאאפעראציעס?

אויף דער דאזיגער פראגע איז פאראן איין ענטפער: העלפט דער אידישער קאאפעראטיווער פעדעראציע, אז זי זאל קענען א ר ג א נ י ז י ר ע ן, ב ו י ע ן און ק א נ ט ר א ל י ר ע ן די אידישע קאאפעראטיוון, אז זי זאל קענען פארשפרייטען איהר טעטיגקייט און איינפלוס איבעראל, וואו עס זיינען נאר פאראן אידישע ארבייטער.

און די דאזיגע ארבייט דארף אויף זיך נעמען [illegible] די אידישע טרייד־יוניאנס. איך זאג [illegible], ווייל ווי נאר די אידישע קאאפעראטיוון וועלען זיך א ביסעל מעהר [illegible], וועלען זיי זיכער אליין אימ־שטאנד אויפצוהאלטען זייער אייגענע פעדעראציע. די קאאפעראטיווע באווע־גונג האט אויך אנגעהויבען אריינצודרינ־גען אין די רייהען פון אונזערע טרייד־יוניאנס, און עס איז איצט די אמת'ע צייט, אז די יוניאנס זאלען די קאאפע־ראציע נעהמען א ביסעל ערנסטער. אויב די יוניאנס ווילען, אז די קאאפעראטיוון זאלען זיי זיין א ה י ל ף און ניט קיין שטער, דאן מוזען זיי גלייך זעהן, אז דער גאנצע פונדאמענט פון די קאאפערא־טיוון זאל זיין א געזונדער, געבויט נאך א באשטימטען פלאן און ניט סתם אין דער וועלט אריין.

די אידישע קאאפעראטיווע פעדערא־ציע נויטיגט זיך פאר אלעם ערשטען אין פ י נ א נ צ י ע ל ע שטיצע און אונ־זערע יוניאנס מוזען איהר אין דעם גלייך ארויסהעלפען. די קאאפעראטיווע בא־וועגונג איז אין אלע לענדער אן ארגא־נישער טייל פון דער ארבייטער באווע־גונג און מיר, אידען, טארען אין דעם פונקט ניט זיין קיין אויסנאהם.

און איינע פון די הויפט־פראגען פון דער פערטער אידישער קאאפעראטיווער קאנווענשאן, וואס וועט פארקומען דעם 17טען, 18טען און 19טען סעפטעמבער, אין ו ו א ו ס ט ע ר, מאסס., וועט מוזען זיין, ווי אזוי צו פארברייטערען די טעטיגקייט פון דער אידישער קאאפערא־טיווער פעדעראציע. ווארים עס איז שוין היינט קלאהר ביי יעדען אידישען קאא־פעראטאר, דאס אהן א שטארק און ווייד־קענדע פעדעראציע וועלען מיר קיינמאל ניט האבען קיין אמת'ע אידיש־קאאפע־ראטיווע באוועגונג.

דאס נייע אידישע טעאטער
27טע סטריט און מעדיסאן עוועניו.
טעלעפאן: מעדיסאן סקווער, 579.

רודאלף שילדקרויט
טרעט אויף
פרייטאג אווענד, שבת און זונטאג ביי־טאג און אווענד
10טען, 11טען און 12טען סעפטעמבער
— אין —
שטילע כחות
א דראמע [illegible]
פון זשא[illegible]

טיקעטס ווערען שוין פארקויפט
אונזערע ביכער זיינען אפען פאר בענע־פיטס. ווענדעט זיך טעגליך צווישען 5 און 8 אזייגער אין אווענט, צו מר. סעם שאר, אונזער גענעראל פארוואלטער.

אירווינג פלייס טעאטער
מאריס שווארץ, דירעקטאר, מאקס ר. וויל־נער, דזש. מענ., הארמאן פייער, ביז. מענ.
Tel. Stuyvesant 1350

פרייטאג אווענד
שבת און זונטאג מאטינע און אווענד
מאנטאג און דינסטאג (ראש השנה)
מאטינע און אווענד
10טען, 11טען, 12טען, 13טען און 14טען סעפטעמבער
מאקס ר. ווילנער פרעזענטירט
צום ערשטען מאל
מאריס שווארץ'ס
אויפפיהרונג פון
די גאלדענע קייט
פון י. ל. פרץ

אויפמערקזאם: די וואס וועלען קו־מען נאך 8:15 אווענד און נאך 2:15 מאטינע, וועלען מוזען שטעהן ביז סוף'ן פראלאג.
קינדער אונטער 10 יאהר וועלען ניט אריינגעלאזען ווערען.
מען קען שוין קריגען בילעטען פאר אלע פארשטעלונגען. פאר בענעפיטס [illegible] זיך [illegible] צו הערמאן פייער.

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

# גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
צו מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פארלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. II. No. 38. New York, Friday, Sept. 17, 1920. פרייטאג, 17טען סעפטעמבער, 1920. PRICE 3 CENTS

# די לײדיס טײלארס אין באלטימאר אין א דזשענעראל סטרייק

ספעציעלע קארעספאנדענץ צו דער „גערעכטיגקייט".

די יוניאן האט געוואלט פארמיידען א סטרייק מיט אלע מיטלען, זי האט אבער געמוזט נעהמען דיזען שריט.

די לײדיס טײלארס יוניאן פון באל־טימאר האט געסיינט אן אגרימענט מיט די באסעס אין סעפטעמבער, 1919, פאר א 44 דאלאר מינימום סקייל און א 44 שטונדיגער ארבייטס־וואך. אין דער צייט, ווען אלע ארבייטער אין דער אינ־דוסטריע זיינען באשעפטיגט געווען, איז דער מינימום־סקייל געהעכערט געווארען צו 50 דאלאר א וואך.

אנקומענדיג אין באלטימאר האב איך זיך גלייך גענומען טאן עפעס צו בא־נייען דעם אגרימענט אין דעם טרייד. די באסעס האבען זיך ארגאניזירט אין אן אסאסיאיישאן און איך האב זיי געלאזט וויסען, אז מיר ווילען האבען מיט זיי א קאנפערענץ און סעטלען די פראגע פון וויידזשעס.

צוויי קאנפערענצען זיינען אוועק מיט גאר ניט. ערשט ביי דער דריטער קאנ־פערענץ האבען מיר איינגעשטימט, עס זאל בלייבען 50 דאלאר אלס א מינימום־סקייל און 6 דאלאר א רייז צו אלע די, וואס קריגען מעהר ווי דעם מינימום־סקייל. די באסעס האבען איינגעשטימט און מיר האבען געדענקט, אז אלעס איז שוין געסעטעלט. דער סעטלמענט איז איבערגעגעבען געווארען צו די ארבייטער פאר אפשטימען און זיי האבען עס גוט־געהייסען.

פרייטאג האבען מיר גערופען זיך צוזאמענקומען מיט די באסעס צו סיינען דעם אגרימענט. זיינען די באסעס געקו־מען מיט א נייעס, אז זיי וועלען נישט צאהלען פאר די פינף ליגאל האלידייס, וואס די ארבייטער האבען געהאט שוין פון פריהער און געקראגען באצאהלט, און אז פאר אווערטיים וועלען זיי מעהר ניט צאהלען ווי „רעגעלע צייט". עס האבען ניט געהאלפען קיינע ארגומענטען. אט דאס איז עס און פארטיג!

שבת איז געווען א ספעשעל מיטינג, און די לײדיס טײלארס האבען באשלא־סען, אז זיי וועלען נישט אפגעבען דאס, וואס זיי האבען שוין געהאט פון פריהער, און א דזשענעראל סטרייק איז ערקלערט געווארען. דער סיזאן פאנגט זיך יעצט אן און די באסעס וועלען זיך באלד ארומ־זעהן זייער פעהלער, ווייל די ארבייטער זאגען יעצט, אז אויב דער סטרייק זאל זיך פארציהען, וועלען זיי העכערען דעם מינימום סקייל צו 60 דאלאר א וואך, אנשטאט 50.

קיין לײדיס טײלאר זאל ניט קומען איצט אין באלטימאר ארבייטען! מיר האבען געהערט, אז מאנכע באסעס זיינען געפאהרען אין אנדערע שטעדט זוכען שניידער. זאל קיין לײדיס טײלאר זיך ניט לאזען פארפיהרען אין באלטימאר צו ארבייטען אלס א סקעב.

*

וואס הערט זיך אין באלטימאר אין אלגעמיין?

אונזער אינטערנעשאנאל האט יעצט אין באלטימאר 4 לאקאלס — לאקאל 4, קלאוקמייקערס, פרעסערס און פינישערס; לאקאל 72 וויסט, דרעסעס, מירעס ווהייט גודס ווארקערס, לאקאל 101, און לאקאל 110 קאטערס.

לאקאל 4 איז איינער פון אונזערע אלטע לאקאלס אין דער אינטערנעשאנאל. זייער טשארטער איז ארויסגעגעבען גע־ווארען דעם 30טען אויגוסט, 1900. דיע־זער לאקאל האט מיט עטליכע יאהר צו־ריק געהאט ארום 1,000 מעמבערס. די גרעסטע צאהל פון די ארבייטער האבען געארבייט ביי דער בילינער ליין ארבייט, אזא ארבייט וואס ווערט געמאכט אין פיעלע פון די לאקאל 17 שעפער אין ניו יארק. מיט א יאהר צוויי צוריק האבען איינינע גרויסע שעפער אויפגעגעבען די ביזנעס. איינינע האבען ארויסגעמופט אין קאנטרי שטעדט, וואו זיי מאכען די ארבייט מיט מיידלעך, און בלויז די בע־סערע ליין ארבייט איז איבערגעבליבען אין שטאדט. דער רעזולטאט איז, דאס די יעצטיגע מעמבערשיפ פון לאקאל 4 באשטעהט פון בלויז עטליכע הונדערט. די אנדערע לאקאלס האבען אויך ניט מעהר ווי עטליכע הונדערט מעמבערס.

וואס אנבאלאנגט די קאנדישאנס און די וויידזשעס פון די קלאוקמאכער, זיינען זיי דא נישט ערגער ווי אין ניו יארק. דער יעצטיגער סיזאן איז זעהר א שלעכ־טער. דא, ווי איבעראל, מען האפט, אז עס וועט זיך פארבעסערען.

ווייל די צאהל פון די ארבייטער איז קליין, איז שווער פאר די דריי לאקאלס, וואס שטעלען צוזאמען דעם „דזשאינט באארד", צו עקזיסטירען. די ארבייטער צאהלען יעצט 35 סענט א וואך דיוס.

(שלוס אויף זייט 6.)

## א קאנווענשאן פון איר־דישע יוניאנס וועגען אימיגראציע

די פאראייניגטע אידישע געווערק־שאפטען איז געווען די איניציאטארין איינצורופען אלע אידישע יוניאנס זיך צו באטייליגען אין א קאנווענשאן וועגען אי־מיגראציאן. די קאנווענשאן וועט זיין דעם זונטאג, דעם 19טען סעפטעמבער, אין בעטהאווען האל. עס וועט זיך אנ־פאנגען 9 אוהר אין דער פריה און וועט אנהאלטען א גאנצען טאג.

די אידישע יוניאנס באטראכטען איצט די פראגע פון די נייע אימיגראנ־טען, וועלכע קומען שוין אן און וועלכע וועלען נאך קומען, אלס איינע פון די וויכ־טיגסטע פראגען, וואס זיי האבען איצט צו באטראכטען און צו לייזען. עס האנ־דעלט זיך וועגען העלפען די נייע אימי־גראנטען און וועגען רעגולירען די אימי־גראציאן אויף א ברידערליכען שטייגער.

צו דער קאנווענשאן וועלען אויך קו־מען פארשטעהער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון שיקאגא, באסטאן און פילאדעלפיא און מען ער־ווארטעט א גרויסע קאנווענשאן, וואס וועט פיעלעס אויפטאן פאר דעם צוועק צוליעב וואס די קאנווענשאן ווערט גע־רופען.

די פאראייניגטע אידישע געווערק־שאפטען פון ניו יארק, וועלכע רופט די קאנווענשאן, פאדערט אויף די יוניאנס, וועלכע האבען באקומען איינלאדונגען, צו זעהן, אז זייערע דעלעגאטען זאלען זיין אין צייט.

די לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל האבען באקומען איינלאדונגען צו דער קאנווענשאן, גלייך מיט די אנדערע יוניאנס, און עס איז צו האפען, אז זיי וועלען שיקען דעלעגאטען און זיך דארט באטייליגען. עס איז זעהר א וויכטיגע פראגע און אונזערע לאקאלס טארען דארט ניט אויספעהלען.

## אינהאלטס־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 38.

זייט 2. די וואך—ג. שאווירא. עדיוקיי־שאנאל דעפארטמענט—שלוס פון זייט 1.
זייט 3. דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס פון די שניידער פארבאנדען איבער דער וועלט. — ב. שלעזינגער און דזש. שלאסבערג.
זייט 4. דער באלשעוויזם און די אירישע פראגע—א. ש. זאקס. די עדיוקיישא־נאל ארבייט פון לאקאל 9—א. סארקין.
זייט 5. דער צווייטער און דריטער אינטער־נאציאנאל. — נ. בוכוואלד. אן אפיל צו די געווערקשאפטען.
זייט 6. פאלמער [illegible] זיך צו פאר־[illegible] די פאליטישע פריזאנערס. דער סטרייק פון לײדיס טײלארס אין באל־טימאר (שלוס פון זייט 1). — סאול ויידמאן. דער קלאוקס טרייד אין לאס אנדזשעלעס. — מ. חאזאנאוויטש.
זייט 7. די פראנצויזישע בילדער (ערנעסט לוגא)—נעטהאניעל האטארן.
זייט 8. פון [illegible] נאטיצביכעל.
זייט 9. קאפיטאל און ארבייט [illegible] זיך אין כחות.—א. וועלדין. ליעדער—י. ראלניק.
זייט 10. אין טעאטער—דער קריטיקער.
זייט 11. ארבייטסלאזען אינשורענס [illegible] גאראנטי?—מ. פערלשטיין.
זייט 12. [illegible]—ז. וויהלער.
זייט 13. ווי צו זיין געזונד.—דר. ב. דר־באווסקי. קורצע שמועסען.
זייט 14. שמועסען. פארשידענעס.
זייט 15. [illegible]
זייט 16. [illegible]

# אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דע־פארטמענט ביי דער ארבייט

א קאנפערענץ פון אלע לאקאל עדיו־קיישאנאל קאמיטעס וועט די טעג אפגעהאלטען ווערען.

אלע אינטערנעשאנאל יוניטי סענ־טערס אין די פאבליק סקולס זיינען געעפענט געווארען מיטוואך אווענט, דעם 15טען סעפטעמבער, און די ארבייט איז ווידער, נאכ'ן אפרוה פון זומער וואקיי־שאן, אין פולען גאנג.

די רעדזשיסטריישאנס פאר די קלא־סען אין די סענטערס איז נאך איצט אין פולען גאנג, און זאלען וואס מעהר מיט־גליעדער זיך קומען איינשרייבען און געניסען פון דער פרייער בילדונג וואס זייער יוניאן גיט זיי. רעדזשיסטרירען קאן מען זיך אין אפיס פון יעדען לאקאל יוניאן און אין די יוניטי סענטערס גופא.

די אינטערנעשאנאל בילדונגס אר־בייט ווערט אנגעפיהרט אויף דעם דעמא־קראטישסטען שטייגער. דער עדיוקיי־שאנאל דעפארטמענט זוכט כסדר די מיטארבייטערשאפט פון די אלע לאקאל עדיוקיישאנאל קאמיטעס, וועלכע שטע־הען געוועהנליך נעהענטער צו די מיט־גליעדער פון זייערע רעספעקטיווע לא־קאל יוניאנס, און וויסען פיליכט בע־סער וואס די מיטגליעדערשאפט איז גע־נייגט בעסער צו וועלען לערנען. דיזע עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון די לאקאלס העלפען בכלל א סך צו פארשפרייטען צווישען די מיטגליעדער א פארלאנג צו לערנען, זיך אנשליסען אין די קלאסען פון די יוניטי סענטערס.

די טעג וועט דער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איינרופען א קאנפערענץ פון די אלע לאקאל עדיו־קיישאנאל קאמיטעס. דער פלאן און ציעל פון דעם קאנפערענץ וועט באקאנט געמאכט ווערען די לאקאלס דורך ספע־ציעלע בריעף. זאלען דערווייל די לא־קאלס ערוועהלען זייערע עדיוקיישאנאל קאמיטעס, און דיזע קאמיטעס זאלען גלייך פון זיך ארויסוועהלען די דעלעגאטען וואס וועלען זיי פארטרעטען ביי דער קאנפערענץ.

### א דזשוינט עדיוקיישאנאל קאנפער־ענץ אין בראנזוויל.

אין בראנזוויל האט זיך פארמירט א באשטענדיגער „דזשוינט עדיוקיישאנאל קאנפערענץ" פון אלע לאקאלס און בראנטשעס וואס האבען אינטערנעשאנאל יוניאן מעמבערס. דער צוועק איז דער [illegible] וואס מיר האבען דא אויבען [illegible]. — צו העלפען דעם אינטער־נעשאנאל עדיוקיישאנאל [illegible]

(שלוס אויף זייט 2.)

# די קאר סטרייקער פון ברוקלין אפע־לירען נאך הילף

דער קאר סטרייק אין ברוקלין געגען דער ב. ר. ט. געהט נאך אן מיט דער זעלבער קראפט, טראץ דעם וואס די קא־פיטאליסטישע צייטונגען פויקען, אז דער סטרייק איז שוין אזוי גוט ווי פארביי. די וואך האבען די קאר סטרייקער ארויס־געלאזען דעם פאלגענדען אפיעל, צום אל־געמיינעם פובליקום:

„צו אלע יוניאנס, ארגאניזאציאנען, סאסייעטיס און פרייהייטס ליעבענדע מענשען פון ברוקלין און ניו יארק!

די צוועלף טויזענד אנגעשטעלטע פון דער ברוקלין ראפיד טראנזיט קאמפאני זיינען מיט צוויי וואכען צוריק ארויס אין קאמף געגען זייערע אונטערדריקער. אט די צוועלף טויזענד מענשען, וועלכע הא־בען לאנגע יאהרען געארבייט אונטער די ערגסטע, שרעקליכסטע אומשטענדען, פארפאלגט פון דער קאמפאני'ס שפיאנען, מאטערדיג זיך מיט זייערע פרויען און קינדער צווישען הונגער און נויט; אט די ארבייטער, וועלכע האבען זיך איצטער [illegible] אלס די [illegible], הינ־טערשטעלינסטע פון אלע אנדערע ארביי־טער, צו וועלכע קיין פרייער געדאנק האט ניט געקענט צוקומען, ווייל די רייכע, בלוט־דורשטיגע ב. ר. ט. קאמפאני מיט איה־רע געהיים־אגענטען, אינספעקטארס, אויפזעהערס, א. א. וו. האט קיין פרייען געדאנק ניט צוגעלאזען. דער איז אט די שקלאפען געלונגען לעצטען יאהר זיך צו ארגאניזירען אין דער אמאלגאמייטער יוניאן פון סטריט רעילווייס און האבען געצוואונגען די קאמפאני צו אנערקענען זייער יוניאן. די בלוטדורשטיגע קאמ־פאניע האט א גאנצען יאהר געטראכט זיך צו ברעכען די יוניאן, און מיט צוויי וואכען צוריק האט זי ערקלערט אז זי וויל ניט קיין ארגאניזירטע ארבייטערשאפט. די אנגעשטעלטע זיינען געצוואונגען גע־ווען ארויסצוגעהן אין א סטרייק פארטיי־דיגען די אנערקענונג פון זייער יוניאן און 50 סענט אנשטאט 40 סענט א שטונדע.

ווי קליין און נישטיג אלעס [illegible] ווערען זיי [illegible]

(שלוס אויף זייט 2.)

# די פעטיקאוט מאכער יוניאן לאקאל 46 ווידער אויף איהר פאסטען

**די יוניאן פאנגט אן א נייעם ארגאניזאציאנס-קאמפיין צו ארגאניזירען דעם גאנצען טרייד. — א מאססמיטינג 16טען סעפטעמבער, אין קאסינא האל.**

די פעטיקאוט מאכער יוניאן, לאקאל 46, איז שוין ווידער אויף איהר פאסטען, איז שוין ווידער טעטיג, מיט א פעסטען באשלוס און גוטע אויסזיכטען דעם מאל צו ארגאניזירען דעם גאנצען טרייד.

ווי אונזערע לעזער געדענקען אודאי, האט די פעטיקאוט מאכער יוניאן מיט מאנאטען צוריק אנגעפיהרט א סטרייק צו ארגאניזירען דעם טרייד. די באסעס ווילען, פארשטעהט זיך, בשום אופן ניט דערלאזען זייערע ארבייטער זאלען זיין ארגאניזירט, און זיי האבען ביטער „געקעמפט" צו שטערען דער יוניאן אין איהר פלאן. זיי האבען פארלארען טויזענדער דאלארס אין ביזנעס, זיי האבען אבער ניט געוואלט סעטלען מיט דער יוניאן, רעכענענדיג, דאס ווי באלד דער סטרייק וועט פארלארען געהן, וועלען זיי שוין נאכדעם זייערס אפמאכען, און נאך מיט פראצענט...

זיי האבען, אבער, געהאט א טעות אין חשבון. אמת, די יוניאן איז געווען געצוואונגען שוין ביים סוף פון סיזאן דעם סטרייק אפצורופען, אבער די באסעס האבען פון יענעם סטרייק געכאפט אזא לעסאן, דאס זיי מעגען ווירקליך זאגען: „נאך אזא זיעג און מיר זיינען פארלארען!.." ווארים דער סטרייק האט זיי געקאסט גאנץ טייער און אפמאכען דאס נאכדעם קאנען זיי אויך ניט. עס איז פארבליבען א יוניאן, טראץ דעם וואס דער סטרייק איז ניט אין גאנצען געוואונען געווארען, און דאס האט געהאט די ווירקונג, די באסעס זאלען ניט „אפמאכען" וואס זיי האבען פארלארען אין צייט פון סטרייק. נאכ'ן סטרייק איז פארבליבען א צאהל יוניאן שעפער, וואס די בעלי בתים האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן, און אחוץ דעם זיינען א סך ארבייטער פארבליבען יוניאן לייט, כאטש דער סטרייק האט זיך דאמאלט ניט אין גאנצען איינגעגעבען, עס איז פארבליבען אין פעטיקאוט טרייד א יוניאן פון עטליכע הונדערט ארבייטער. און דאס האט פארהיט אז די באסעס זאלען ניט קאנען רייסען פון די פרייזען, ווען די ארבייטער זיינען צוריקגעקומען אין די שעפער.

און די פעטיקאוט מאכער וויסען נאך עפעס. זיי וויסען, אז דאס וואס יענער סטרייק איז ניט אין גאנצען געוואונען געווארען, איז דאס ניט אזוי פאר דער העלדישקייט פון די באסעס, ווי דערפאר וואס עס איז גראדע געווען זעהר א שלעכטער סיזאן. צוליעב די ספעקולאציעס אויף די ווארען, פון וואס די פעטיקאוטס ווערען געמאכט, איז יענעם סיזאן גאנץ ווייניג ארבייט געווען, און די באסעס האבען געקאנט לאזען די ארבייטער סטרייקען, דעם גאנצען סיזאן.

גאנץ אנדערש אבער איז איצטער. עס איז דא א סך ארבייט. די באסעס בעסטע צייט צו נעהמען איין מאל פאר זיינען פשוט פארלייגט מיט בערג אנגעשניטענע ארבייט און מען ריכט זיך פאר א זעהר גוטען סיזאן. עס איז אלזא די איין מאל פארפעסטיגען די יוניאן אין טרייד. די פעטיקאוט מאכער וועלען געווים ניט וועלען בלייבען הינטערשטעליג געגען אלע אנדערע ארבייטער אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע, זייערע שעפער זיינען אפט אין די זעלבע בילדינגס מיט אנדערע שעפער און זיי וועלען געווים ניט וועלען ליידען יענע זאלען אויף זיי טייטלען מיט די פינגער, און זיי רופען סקעבס. די פעטיקאוט מאכער ווילען און וועלען זיין ארגאניזירט ווי די אנדערע ארבייטער, און איצט איז די בעסטע צייט פאר זיי דאס צו טאן. אלע פעטיקאוט מאכער פון גרייטער ניו יארק דארפען זיך איצט אנשליסען צו דער יוניאן, און דורך דעם ווייזען זייערע באסעס, אז דער אויפגעגעבענער סטרייק פון לעצטען סיזאן האט זיי ניט אפגעשראקען, און דאס זיי זיינען פעסט ענטשלאסען צו האבען א שטארקע יוניאן, פונקט ווי די ארבייטער פון די אנדערע ליידיס גארמענט טריידס. און די יוניאן איז שוין ווידער גרייט אלע דיזע ארבייטער צו באשיצען זיי זאלען ניט דארפען ליידען צוליב זייער יוניאן-טעטיגקייט.

די פעטיקאוט מאכער יוניאן פיהרט יעצט אן גאר אויף דאס ניי אן ארגאניזאציאנס-קאמפיין, און ווי ברודער ה. צוקער, דער מענעדזשער פון דער יוניאן גיט אונז איבער, רופען זיך די ארבייטער אפ גאנץ גוט. יעדען טאג קומען אריין אין יוניאן נייע מיטגליעדער און אין אפיס פון דער יוניאן, 105 וועסט 25טע סטריט ווערט ביזי.

די יוניאן וועט באלד ארויסשיקען צו די בעלי בתים נייע פאדערונגען, און וועגען דעם וויל זיך די יוניאן צונויפרעדען מיט די ארבייטער פון גאנצען טרייד, אפילו מיט די, וואס דערווייל באלאנגען נאך ניט צו דער יוניאן, און פאר דעם צוועק ווערט גערופען א מאססמיטינג קומענדען דאנערשטאג אווענד, דעם 16טען סעפטעמבער. דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען אין קאסינא האלל, 85 איסט 4טע סטריט. גוטע רעדנער פון דער ארבייטער באוועגונג וועלען דעם מיטינג אדרעסירען. עס איז די פליכט פון אלע פעטיקאוט מאכער צו קומען אויף דעם מיטינג און הערען וועלכע פאדערונגען די יוניאן שיקט ארויס צו די בעלי בתים.

זאלען די ארבייטער פון דעם טרייד קומען צום מיטינג און דעמאנסטרירען דעם פאקט, אז זיי זיינען פעסט ענטשלאסען צו האבען א שטארקע יוניאן און בעסערע ארבייטס-באדינגונגען. זאל דער מאססמיטינג זיין דער גרעסטער וואס די ארבייטער אין דעם טרייד האבען געהאט אירגענד ווען פריהער.

# יוניטי הויז אין פילאדעלפיא שליסט זיך מיט א שעהנעם קאנצערט

מאנטאג אווענד האט זיך געשלאסען די זומער יוניטי הויז פון די וויסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 15, פון פילאדעלפיא, און די שליסונג איז געווען א זעהר איינדרוקספולע און מיט געזאנג פון „לשנה הבאה ביוניטי הויז" און מיט פרעהליכע הערצער זיינען זיך אלע צוגאנגען.

א גאנצען טאג האבען די הונדערטער מענשען, וועלכע זיינען געקומען אהין, פארבראכט אין זינגען און טאנצען אין בילדינג, ווייל דער רעגען האט פיעל געשטערט צו זיין אויף די לאנקעס און אויף די וועגען, וועלכע פיהרען צו דער יוניטי הויז. עס איז געווען פרעהליך און לוסטיג, און דאך האט זיך געפיהלט ווי מען שיידט זיך מיט א פריינד, וועלכער האט אזוי פיעל פארגעניגען פארשאפט אזוי פיעל הונדערטער מענשען, וועלכע האבען דארט פארבראכט זייער וואקיישאן. אבער דער באוואוסטזיין, אז דער זומער וועט ווידער קומען און אז די יוניטי הויז וועט אימער זיין די היים פאר דיזע ארבייטער קינדער, האט אלעמענס הערצער דערפרעהט טראץ דעם וואס מען האט זיך געמוזט שיידען מיט איהר אויף א ווייל...

אין אווענד איז געווען א פרעכטיגער קאנצערט פון ארטיסטען. אנשטאט דעם אבער וואס דער קאנצערט-זאל זאל זיין אויטסייד האט עס צוליעב דעם רעגען געמוזט זיין אין דער גרויסער הויז. ניט אלע האבען געקענט אריינגעהן, אבער די גרויסער פארטש איז געווען פול מיט מענשען און די קינסטלער זיינען אויסגעהערט געווארען.

דער טשערמאן פון אווענד איז געווען ברודער פעלדמאן, וועלכער האט א קורצע רעדע געהאלטען. דערנאך האט ער פארגעשטעלט דעם בארימטען וויאליניסט סאשא דזשאקובינסקי, וועלכער האט אלעמען מיט זיין זיסען שפיעלען באצויבערט. מען האט איהם גאר ניט געוואלט אפלאזען. עטליכע מאל האט ער מיט זיין שפיעלען ביי די אנוועזענדע ארויסגערופען א מערקווירדיגע באגייסטערונג. דער בארימטער טענאר ה. גארני האט עטליכע מאל געמוזט זינגען און איז באגלייט געווארען אויף דער פיאנא פון וויליאם טענדער.

דער קאנצערט איז געווען א פרעכטיגער און די קינסטלער זיינען זעהר הארציג אפלאדירט געווארען.

צווישען די רעדנער זיינען געווען ברודער רייזבערג, דער מענעדזשער פון דער וויסט מאכער יוניאן און מיס סילווער און מיס ראגין, מענעדזשער פון דער יוניטי הויז, וועלכע האבען זיך זעהר באליעבט געמאכט ביי אלע מעמבערס פון דער יוניאן פאר זייער פריינדליכקייט און איבערגעבענהייט צו די מעמבערס, וועלכע האבען פארבראכט זייערע זומער וואקיישאנס דארטען.

ברודער רייזבערג האט צווישען אנדערעס אויך געזאגט, אז די וויסט און דרעס מאכער יוניאן באגוגענט זיך ניט בלויז מיט א הויז אין קאנטרי, וואו די מיטגליעדער פון דער יוניאן זאלען זיך קענען זומער פארברענגען, זאנדערן די יוניאן וועט אויך האבען א יוניטי סענטער אין שטאט, וואו די יעניגע, וועלכע דארפען זיין אין באארד זאלען קענען האבען אן אייגענעם פלאץ, וואו אין באארד צו זיין אויף ווינטער אזוי גוט ווי זומער, און זיי זאלען זיך קענען פארברענגען אין זייערע פרייע שטונדען דארטען. ער האט אויך גערעדט וועגען די טעטיגקייט פון דער יוניאן אין דער פארגאנגענהייט און וועגען די ארבייט, וועלכע עס שטעהט איהר פאר אין דער צוקונפט. זיין רעדע איז אויפגענומען געווארען מיט בייפאל.

כענאסע מאריס, דער ארגאנייזער פון די אידישע ברענטשעס פון דער סאציאליסטישער פארטיי, האט געמאכט אן אפיעל פאר אן אקזיליערי פון וויסט און דרעסמאכער, וועלכע זאל ארבייטען פאר דעם סאציאליסטישען קאמפיין, און פיעלע האבען זיך אלס מעמבערס פון דער אקזיליערי פארשריבען.

# די עדיוקיישאנאל טעטיגקייט פון אונזער אינטערנעשאנאל אין פולען גאנג

**זאלען די מיטגליעדער פון די לאקאלס זיך גלייך רעדזשיסטרירען פאר די קלאסען און קורסען.**

דער עדיוקיישאנאל סיזאן פאר 1920-1921 האט זיך געעפענט מיט די בעסטע אויסזיכטען פאר נאך א ברייטערער טעטיגקייט, ווי ביז איצט. די ערפאהרונג, וואס מיר באקומען אויף דעם פעלד דורך די לעצטע פיער יאהר איז נאר ניט אפצושאצען, דאס איז פונ'ם גרעסטען ווערטה פאר אונזער וויטערער טעטיגקייט אויף דעם געביט.

מיט'ן וואוקס פון דער ארבייטער באוועגונג, וואקסט אויך דאס באוואוסטזיין פון די מאסען, עס ווערט אלץ בולטער דער פאקט ווי נויטיג עס איז בילדונג פאר די ארבייטער און אלץ מעהרערע מענשען פאראינטערעסירען זיך מיט אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט. „די צוקונפט באלאנגט צום ארבייטער קלאס" איז ניט מעהר א פוסטע פראזע, מען זעהט שוין ווי דאס נעהמט פארווירקליכט ווערען אין פיעלע וועלט טיילען און די פראלעטאריער פון אומעדום דארפען זיך מעהר פארפאלקאמען צו קאנען איבערנעהמען מעהר פאראנטווארטליכע פאסטענס אין דעם אינדוסטריעלען פעלד. די ארבייטער פון אומעדום דארפען צו האבען א דעה אין דער מענעדזשמענט פון דער אינדוסטריע, און זיי דארפען זיך בעסער צופערטיגען צו קאנען דאס טאן מיט ערפאלג. די ארבייטער דארפען זיך אויך צוגרייטען צו קאנען זיין די מענעדזשערס פון די קאאפעראטיווע פאבריקען, וואס די יוניאנס פלאנעווען אין גיכען צו עפענען. קורץ, מען דארף זיין גייסטיג מעהר ענטוויקעלט.

אט מיט דעם צוועק אין אויגזיכט פאנגען מיר אן די טעטיגקייט אין אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פאר דעם קומענדען סיזאן. די קלאסען ווערען איינגעשטעלט צו ברענגען די בעסטע רעזולטאטען די שילער. אחוץ אנדערע לעהרען וועלען מיר אויף האבען א ספעציעלען קורס וועגען די פראבלעמען פון אונזער אינדוסטריע. אלעס צוזאמען וועט געבען א גוטע געלעגענהייט די אינטעליגענטערע מענשען אין אונזערע רייהען זיך צו ענטוויקלען אלס פעהיגע פיהרער.

אין דער טעטיגקייט פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט ווערט פאר דעם קומענדען סיזאן געפלאנט א נייעס: עס ווערט געפלאנט צו שאפען א פאקולטעט, וואס זאל באשטעהן פון די אלע לעהרער און פראפעסארען, וואס געבען זיך אפ מיט פארברייטען בילדונג צווישען ארבייטער. פון דעם פאקולטעט וועט אויסגעוועהלט ווערען א משערמאן מיט א קליינעם עקזעקוטיוו באארד, וואס וועט צוזאמענשטעלען דעם פראגראם פון די לימודים פאר די קלאסען און קורסען. אחוץ די אלע לעהרער און לעקטשורער, וואס זיינען געווען מיט אונז לעצטען סיזאן, האבען מיר איצט צוגעקראגען א צאהל נייע, וואס זיינען ווילינג זיך אנצושליסען אן אונזער פאקולטעט. אין גיכען וועלען מיר פארעפענטליכען די נעמען פון די אלע לעהרער און לעקטשורער, וואס וועלען זיך באטייליגען אין אונזערע קלאסען.

די עקזעקוטיוו באארדס פון אונזער לאקאל יוניאנס אין און ארום ניו יארק זיינען שוין אויפגעפאדערט געווארען צו ערוועהלען זייערע עדיוקיישאנאל קאמיטעס, וועלכע וועלען ארבייטען צוזאמען מיט אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. עס ווערט געפלאנט דעם יאהר מעהר ווי אירגענד ווען פריהער, צו שטעהן אין נעהנסטער פארבינדונג מיט דיזע קאמיטעס, זיך מיט זיי מעהר צו בארעכטן ווענען אלעס וואס וועט געטאן ווערען, דאס וועט געווים ניט ווייניג ביישטייערן, דאס אלץ א גרעסערע צאהל פון אונזערע מיטגליעדער זאלען זיך פאראינטערעסירען מיט דער עדיוקיישאנאל ארבייט. ארגאנזשמענטס ווערען שוין געמאכט געווארען צו באקומען פאר אונזער געברויך די פאבליק סקולס, וואס מיר האבען געהאט לעצטען סיזאן, און אנצושטעלען די בעסטע לעהרער, וואס מען קאן נור קריגען.

אונזער וויס-פרעזידענט, מיס פאניא מ. קאהן, וואס איז געווען פאר די לעצטע פיער יאהר זעהר אקטיוו אין דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, וועלכע איז געווען מיט דעם דעפארטמענט פון זיינע ערשטע טעג, ווען ער איז נאך גאר ווען קליין, איינגעשרומפען, ביז ער איז אויסגעוואקסען צו זיין איצטערדיגען גרויס — איז ווידער אויף איהר פאסטען, אלס סעקרעטערי פון דער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל קאמיטע. מיס קאהן איז שוין פארנומען מיט'ן פארברייטען די ארבייט. קירצליך וועט אנגעשטעלט ווערען א פאסענדער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, דער נאמען וועט באלד באקאנט געמאכט ווערען.

מיר מאכען נאך אמאל אויפמערקזאם די מיטגליעדער פון אונזערע לאקאלס זיך גלייך צו רעדזשיסטרירען פאר די קלאסען און קורסען פון קומענדען סיזאן. מען קען זיך שוין פארשרייבען אין די אפיסעס פון די לאקאלס, ביי די סעקרעטערע אדער קלוירקס פון דער יוניאן. פארשרייבט זיך גלייך אין די קלאסען! וואס פריהער דאס וועט געטאן ווערען, אלץ בעסער וועט זיין די קלאסען צו ארגאניזירען און אלץ גיכער וועלען די קלאסען קאנען אנפאנגען פונקציאנירען.

זאלען די עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון די לאקאלס אין דעם גלייך באהילפיג זיין דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט און ווירקען אויף די מיטגליעדער פון זייערע לאקאלס זיך באלד איינצושרייבען אין די אינטערנעשאנאל קלאסען.

* * *

## יוניטי סענטערס פון דער אינטערנעשאנאל ערעפענט.

די יוניטי סענטערס פון אונזער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווירקערס יוניאן עפענען זיך מיטוואך, דעם 15טען סעפטעמבער.

ווילט איהר נעהמען א קורס אין היסטארי און פראבלעמען אין ארבייטער באוועגונג; לערנען ווי צו ריידען, לעזען און שרייבען ענגליש; שטודירען עקאנאמיקס, פיזיקס, אמעריקאן היסטארי, אמעריקאנער ליטעראטור; אטענדירען לעקטשורס איבער געזונדהייט ביי בארימטע דאקטוירים; נעהמען גימנאסטישע איבונגען פון עקספערטס לעהרער? —

דאן רעדזשיסטרירט זיך גלייך אין דעם נאהענטסטען יוניטי סענטער אדער אין אפיס פון דער יוניאן.

דאס זיינען די פלעצער וואו די יוניטי סענטערס געפינען זיך:

בראנזוויל יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 84, גלענמאר און סטאון עוועס.

בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 54, אינטערוויל עוו. און פרימאן סטריט.

2טער בראנקס יוניטי סענטער — פ. ס. 42, וואשינגטאן עוו. און קלערמאנט פארקוויי.

איסט סייד יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 3, 4טע סטריט, ניער 1טע עוועניו.

הארלעם יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 171, 103טע און 104טע סטס., צווישען מעדיסאן און 5טע עוועס.

וויסט מייקערס יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 320 איסט 20טע סטריט, מאנהעטען.

* * *

## מיס עלסי גלוק עדיוקיישאנאל סופערווייזער פון לאקאל 25

מיס עלסי גלוק איז די נייע סופערווייזערין פון דער עדיוקיישאנאל ארבייט פון דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25. דער וויסט מאכער יוניטי סענטער, אין פאבליק סקוהל, 320 איסט 20טע סט., עפענט זיך מיטוואך אווענד, גלייך מיט אונזערע אלע אנדערע יוניטי סענטערס.

רעדזשיסטרירונגס פאר דעם סענטער ווערען אנגענומען אין אלע אפיסעס פון דער וויסטמאכער יוניאן לאקאל 25 און אין דעם יוניטי סענטער. זאלען די מיטגליעדער זיך גלייך רעדזשיסטרירען.